# ניט טוידט ניט לעבעדיג,

אדער

## דעם פוילישען יונגעלס א זוהן.

---

א בעשרייבונג פון איבערגאנג פונ'ם חסידישען לעבען אין דער השכלה-וועלט.

אין 19 קאפיטלאך

פון

יצחק יואל לינעצקי.

פערלאג אונד אייגענטהום פאן ה' דוב בער פלאטין באדעססא

ווילנא

תרנ"ח.

ISBN:0-657-12751-5 01-417

452

~~497~~

M. BEINKINSTADT,
HEBREW
BOOKS, STATIONERY,
CIRCULATING LIBRARY,
Street,
Box
CAPE TOWN

ژגיק-5

*This book*
*once owned by a South African reader*
*has been presented*
*for future use to the*
*National Yiddish Book Centre of Amherst, Mass. USA*

Jewish Studies Library of the University of Cape Town
Jacob Gitlin Library, Cape Town
Cape Town Yiddish Cultural Federation

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12751

# NIT TOYDT NIT LEBEDIG, ODER, DEM POYLISHEN YUNGELS A ZUHN

## Isaac Joel Linetzky

*Permanent preservation of this book was made possible by Helen G. Pollack*
*In memory of Irving J. Pollack, loving husband*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

---

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

# נִיט טוֹידְט נִיט לֶעבֶּעדִיג

## אָדֶער

## דֶעם פּוילִישֶׁען יוּנְגֶעלְם אַ זוּהְן.

---

אַ בֶּעשְׁרַייבּוּנְג פוּן אִיבֶּערְגַאנְג פוּנ'ם חֲסִידִישֶׁען לֶעבֶּען אִין
דֶער הַשְׂכָּלָה-וָועלְט.

אִין 19 קַאפִּיטְלַאךְ

פוּן

## יצחק יואל לינעצקע.


## ווילנא

שנת תרנ"ח לפ"ק


---

НИТЪ ТОЙТЪ НИТЪ ЛЕБЕДИГЪ,
т. е. ни мертвый ни живой.
Сочиненіе И. І. Линецкаго.


ВИЛЬНА. Тип. Вдовы и бр. Роммъ. Жмуд. пер. собств. домъ № 328.
1898.

Дозволено цензурою Варшава, 5 Января 1898 г.

# דִיא נֵאמֶען פוּן דִיא 19 קַאפִּיטְלִיךְ


1 דִיא אוּמְגֶעלִימְפֶּערְטֶע וֶועלְט

2 דֶער פֶּערְ׳כִּשׁוּף׳טֶער עֶגוּל

3 גָאלְד פוּן דֶער בְּלָאטְטֶע אַרוֹים

4 דִיא וְצִיוֹנִי׳ר לֶעבֶּענְם-קַאלִיזְשֶׁע

5 רֶעדֶעלִיךְ בּוּלְבֶּעלִיךְ אוּנ בּוּלְבֶּעס

6 גְלִיקֶען אוּנ אוּמְגְלִיקֶען פְּחָדִים אוּנ בֶּהָלוֹת

7 גֶעשְׁלָאגֶען מַחֲלוֹקוֹת חֲטָאִים אוּנ נִיסִים

8 נָאר מַעֲשֶׂה שָׂטָן

9 מַיין יוּדִישֶׁע וֶועלְט

10 מַיין לֶעצְטֶער הָאפְנוּנְג

11 דִיא יוּנְגֶלֶעשֶׁע תַּאֲוָה

12 דָאס חֶדֶר מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן

13 דִיא רֶעוִויזְיֶע גְדוֹלָה

14 דִיא יוּדֶען-פַאבְּרִיק

15 שֵׁאנֶע יוּדֶען אוּנ הֶערְרלִיכֶע יוּדֶען

16 דִיא עֶרְשְׁטֶע טְרֶעפ

17 דֶער פִיהלְט דֶעם „אִיךְ“

18 אִיךְ הֵייבּ אָן שְׁווִימְמֶען

19 פֶּערְנַארְט אִין זַאק אַרַיין

## 1.

# דִיא אוּמְגֶעלוּמְפֶּערְטֶע װֶעלְט.

אוֹיף ־קֵיין גוּט אָרְט זָאל עֶר נִיט טְרֶעטָען, טוֹבִיָה דֶער בַּעַל-עֲגָלָה, וָואס הָאט מִיךְ אִין מַיין לֶעבֶּען דֶער עֶרְשְׁטָער אַרוֹיסְגֶעפִיהְרְט פוּן וְצוָנִי״ר רָאגַאטְקֶע אַרוֹיס! — קֵיין גוּטֶען סוֹף זָאל עֶר נִיט הָאבֶּען, דֶער קָאנְדוּקְטָאר פוּן דֶער דֶעמָאלְדִינֶער נַייעֶר בַּאלְטָער לִינְיֶע, וָואס עֶר הָאט מִיךְ בִּגְנֵבָה אַװֶעקְגֶעפִיהְרְט אִין אַבַּאגַאזְשְׁנֶעם װַאגָאן פוּן בַּאלְטָא אִין דֶער גְרוֹיסֶער לְיַארֶעמְדִיגֶער שְׁטָאדְט אַרַיין! אוּן פַאַרְשָׁאלְטָען זָאל וָוערֶען דִיא גוֹיִשֶׁע גֶעאָגְרַאפִיַא, וָואס הָאט מִיר מוֹדִיעַ גֶעוֶוען פוּן אַזַא גְרוֹיסֶער, וַוייטֶער, קַיילֶעכְדִיגֶער וֶועלְט!... גֶעוַואלְד גֶעשְׁרִינֶען! וָואס הָאט מִיר גֶעפֶעלְט לִיגֶענְדִיג אִין מַיין פַארְשְׁטֶעקְטֶער נָארֶע, צוּשְׁפְּרֵייט וִויא בַּיים טַאטָען אִין וַויינְהוֹיז, אוּן מֵיינֶענְדִיג גַאנְץ עֶרְנְסְט, — כְּפִי דֶער בַּעַל-שֵׁם ז״ל הָאט מֵעִיד גֶעוֶוען, אַז דֶער קוֹימֶען פוּנ׳ם קְלֵיינֶעם בֵּית-מִדְרָשׁ׳ל שְׁטָעהט פוּנְקְט אַקֶעגֶען שַׁעַר-הַשָּׁמַיִם — אַז מַיין וְצוָנִי אִיז גֶעוִוים דִיא מִיט-וֶועלְט אוּן דֶער גַאנְצֶער דְרוֹיסֶען אַרוּם וְצוָנִי בֶּעשְׁטֶעהט נָאר פוּן דִיא דֶערְפְלִיךְ אַרוּם, וָואס דִיא יוּדִישֶׁע רֶענְדַארֶעס הַאלְטֶען דָארְט דִיא קְרֶעטְשְׁמֶעס, אוּן פוּן דִיא שְׁטָאדְטְלִיךְ, וואוּ עֶס וואוינֶען דִיא גוּטֶע יוּדֶען, אוּן נָאךְ פוּן דִיא מְקוֹמוֹת, וָואס שְׁטָעהֶען גֶעדְרוּקְט אוֹיף דִיא שַׁעַר׳ן פוּן דִיא הֵיילִיגֶע מוּסָר-סְפָרִים, אַשְׁטֵייגֶער: ק״ק סְלַאוִויטָא, ק״ק אָסְטְרָאה, ק״ק יוּזֶעפָאף, ק״ק פְּרָאג, ק״ק אַמְסְטֶערְדַאם וּכְדוֹמֶה, אוּן פוּן דֶעם שְׁטֶעדְטִיל מַאחְנָאוְוקַא, וואוּ דֶער מְכַשֵּׁף-דִיגֶער דָאקְטָאר, מִיחַאלְקָא, זִיצְט, אוּן דֶער צוּ נָאךְ דָאס גְרוֹיסֶע לַאנְגֶע, בְּרֵייטֶע בַּארְדִיטְשֶׁעוו?... וָואס אִיז?... אִיז-זְשֶׁע דֶען אָט דָאס אַלְץ-מִיט-אַנַאנְדֶער, נָאךְ מִיט דֶעם גְרוֹיסֶען בּוֹידֶער, בַּארְדִיטְשֶׁעוו, אֶפְשַׁר ־קַארְג פַאר אַוֶועלְט?... יָא! אִיהר מוּזְט דָאךְ וִויסֶען, אַז צוּא דֶעם גַאנְצֶען גֶעשְׁלִידֶער הָאבּ אִיךְ דָאךְ נָאךְ גֶעמוּזְט קְלָאפָּאטְשֶׁען מִכֹּחַ דִיא הֵיילִיגֶע מְקוֹמוֹת פוּן דֶער גְמָרָא אוֹיךְ, וִויא לְמָשָׁל: אַסְפַּמְיָא, מָתָא-מְחַסְיָא, קוּפּוֹדְקִיָא, קַפְּרִיסִין אוּן פָּמְבְּדִיתָא... אַ קְלֵיינִיגְקֵייט אוֹיסְצָערֶעדֶען „פָּמְבְּדִיתָא!"... אִיךְ הָאבּ דָאךְ עֶס מִיר פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַזַא כְּרַךְ וִויא רוֹים!... טְפוּא! יָא, אוּן טַאקֶע רוֹים גוּפָא? דָאס גֶעהט עֶפֶּעס בַּייא אַייךְ צוּפִּים? הַא? עֶפֶּעס זָאגְט מֶען דָאךְ פָארְט „אַזוֹי גְרוֹיס וִויא רוֹים!" מוּז מֶען דָאךְ דֶעם אוֹיךְ עֶפֶּעס גִיבֶּען אַ שְׁטִיקֶעל פְּרִיטִילִישְׁטִשֶׁע אִין דֶער וֶועלְט!... נִישְׁמֶעהר מִיט דֶעם רוֹים הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ סַיַעְתָּא

דשמיא: דיא היילגע גמרא זאגט דאך בלויז, אז דעם כרך רוים האט דער מלאך גבריאל מיסד געוועזן אויף א אטשערעטעל אין ים... נא? וויפיעל דארף גאר פערנעהמען א אטשערעטעל אומשטיינס געזאגט? — טא לאז זיך עס דארט באמבלען געזונדערהייט, אביא ס'נעהמט ביי מיר קיין איבעריג פלאטץ ניט צי... גלעבט מיר, מיין מוח איז מיר אזוי אויך שיר צעשפאלטען געווארען טראכטענדיג: וויהין פאמיסטעט מען ערגעץ דיא אלע מקומות פון דער תורה הקדושה, וויא למשל: הודו, כוש, פי-החירות, הגדגדה, תרח, תחת אונ אדרעי?... אגליק בנאמנות, וואס איך בין יאקאם געפאלען אויף דער אמת'ער סברא, אז דיא אלע מקומות האבען דאך נאר א שליטה געהאט פאר מתן-תורה, אבער נאך מתן תורה איז דאך אודאי פון זייא קיין שריד ופליט ניט געבליבען! אין אמת, וואס דארפמען גוי'שע שטאדט אין א ממלכת-כהנים וגוי קדוש?... אויף סים סאט כפרות!... איז דען דאס פלאטץ ניט בילכער פאר דעם היילינגען ים-אקאנוס, וויא דער לויתן זאל זיך געביך קענען אויסרוהען זיינע דארע ביינער?...

איך זעה שוין, ליעבע לעזער, אין אייער פערביסענער מינע, אז אקערשט איהר פרעגט מיך ניט מיט כעס „נא, אונ וועגען דעם שור הבר איז דיר גאר ניט איינגעפאלען צו טראכטען?"... — א יא, איך שטוים מיך אן, וואס איהר ווילט זאגען?... נישמעהר זייט נאר ניט צי גרויסע חכמים! מכוח דעם שור הבר האב איך כמעט גאר ניט געהאט, וואס צוקלעהרען; איך האב עס מיר פערענפערט גאר על פי פשוט: ראשית מי יאמר, אז דער שור הבר געפינט זיך גאר אויף דער וועלט? — על פי השכל איז ער גאר מחויב צו אווערען אינ'ם פערטען הימעל, טאקע לייבען דער זשארנע וואס מאהלט דעם מן פאר דיא צדיקים... והשנית, וואס איז מיין דאגה צו בעשטאטען דיא ברואים פון מעשה בראשית?... אם כן, לאם איך קלעהרען, וויא פערזארגט מען ערגעץ דעם גהנים אונ גן-עדן התחתון? דער לוטי'כעס טאלפען זאלץ? חירם'ס זיבען הימלען? אונ וויא זאל ערגעץ דער שווארצער פעפער וואקסען?... שאנע חקירות, בנאמנות!... מן הסתם, אז זייא זענען דא — האט זיך שוין דער רבונו של עולם זיינע ערטער פאר זייא, אבער מיט אונזער וועלט געהערען זייא זיך כלל וכלל ניט אן!...

א! עס האט מיר גענוג אויסגעדארט מיין קאפף כ'לעבען, איידער איך האב קאם מיט צרות אריינגעטיטציעט אין אונזער וועלט אריין דאס היילגע ארץ ישראל, מיט דעם חדושים-נפלאים'דיגען סמבטיון, מיט דיא סוד-סודות'דיגע הרי חושך! — דא האב איך שוין קיין אנדער ברירה ניט געהאט; געה, מאך אוועק ארץ-ישראל פון דער וועלט — אז איך זעה דאך מיט מיינע אויגען, וויא מיין פעטער פישקע פאהרט קיין ארץ-

ישראל! . . . ציא געה, מעק אפּ דעם סמבטיון פון דער וועלט — וואו זשע וועלען נעביך הינקומען דיא רויטע יודעליך? . . . נוא, און דיא הרי-חשך, פארשטעהט מען דאך פון זיך זעלבערט, אז זייא זענען א ודאי ערגעץ מחויב צו זיין אויף דער וועלט, ווארום וויא געשיקט זיך עס באמת א וועלט אהן הרי-חשך? . . . א שיין פּנים וואלט עס געהאט, וויא איך בין א יוד! פּונקט אשטייגער, וויא אשול אהן אמזרח-וואנד, ציא איין אייזעון אהן א טשאלענטבערעטעל. . . היינט געה פּרוטולע ניט דאס ב ו י-ב ע ר י ק — וואהין זשע פארט וועט מען פליהען פון א הייסען פאטש, אז ניט קיין ב ו י ב ע ר י ק? . . . על כל פּנים זעהט איהר דאך אליין, אז איך בין עפּיס ניט געוועזען פון דיא שוטה'וואטע יונגליך, וואס מיינען, אז דארט, וואו דער הימעל קושט זיך מיט דער ערד, איז שוין טאקע עק וועלט. איך האב מיך באין אופן ניט געלאזט איין ריידען פון מיינע בית-מדרש חברים, אז אונזער ו צ נ י'ר טייך זאל זיין א ווייעדעלע פונ'ם אוקינוס, און דער יאר, וואס אין מיטען שטאדט, זאל זיין א טרעשטשינע פון קרח'ס איינגעזינקעניש. . . אבער גאר לא מיט א שטריימעל! איך האב גאנץ גוט פארשטאנען, אז פון וצני ביז'ן ים אוקינוס דארף אודאי זיין אמהלך-רב, אפשר פון העכער דריטהאלבען הונדערט ווערסט. . . און צו קרח'ס איינגעזינקעניש — אפשר דיא גאנצע דרייא הונדערט ווערסט און אפשר נאך מיט אשמיציק. . . נמצא, אז איך בין ניט גענארט געוועזען אין דעם ענין און האב טאקע משער געוועזען אוועלט אויף סכנות-נפשות. . . אפשר כמעט אויף אמהלך פון נייןהונדערט ניין און ניינציג ווערסט אחוץ דיא הרי-חשך. נוא, וויפיל זשע איז אין אמת דער שיעור? — איז-זשע דען חלילה קארג א וועלט פון אריבער טויזענט ווערסט דיא גרויס? . . . נוא, זאל איך ניט פארשעלטען דיא ביינער טוביה'ן מיט'ן קאנדוקטאר מיט דער גאנצער גוי'שער געאגראפיא, וואס זייא האבען מיך ארויס געפּערעט פון מיין צופריעדענער, שטילשווייגענדיגער וצני'ר מיט-וועלט און האבען מיך פארפיהרט אין אזא גרויסער, פרעמדער, שווינדעלדיגער און טומעלדיגער וועלט, וואס מיינע אבות-אבותינו האבען פון איהר קיין שום תפיסה ניט געהאט, און וואס א יוד דארף גאר ניט און טאר גאר ניט וויסען דערפון? . . .

געוואלד, וואס האט ער געוואלט האבען פון מיין לעבען, טוביה דער עכבריש, וואס האט מיך אויפגענומען פאר א פארשוין אויף זיי-בויד? — אפשר מיינט איהר, איך האב איהם דערמאלט בפירוש ניט געזאגט: טוביה, איך האב דאך ניט א גראשען ביי דער נשמה, וויא אזוי זשע וועל איך קאנען אפּ מאכען אזא ווייטע נסיעה? — געזאגט, וויא איך בין א יוד! — נאר ער האט מיר צום אומגליק איינגערעדט, אז אויף מיין קלימעקיל וועט ער מיך צושטעלען אפילו קיין ב ו י ב ע ר י ק . . .

נוּא, נוּא, אַוַדַאי הָאט עֶר מִיךְ, אָט דֶער שִׁיבֶּענִיק, אִיבֶּערְגֶעעֶנְטְפֶערְט פוּן בַּעַל-עֲגָלָה צוּ בַּעַל-עֲגָלָה, בִּיז אִיךְ בִּין מִיט מַיין קְלִימֶעקִיל אִיבֶּערְגֶעעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארֶען פַאר אַ מַשְׁכּוֹן צוּ'ן אַ בַּאלְטֶער יוּדֶען. וָואס אִיז שׁוין, טַאקֶע מִיט מִיר אִינְאֵיינֶעם, גֶעפָאהרֶען בִּגְנֵבָה אִינֶ'ם בַּאגַאזְשְׁנֶעם וַואגָאן גְלַייךְ אִין דֶער גְרוֹיסֶער לְיַארֶעמְדִיגֶער שְׁטָאדְט אַרַיין... וַוייטֶער הָאבּ אִיךְ שׁוין נִיט, וָואס צוּ רֶעדֶען — דָארְט אִיז פוּן מִיר גֶעוָוארֶען אַלַייט!... אָט זֶעהט אִיהר בֶּעשַׁיינְפֶערְלִיךְ, אַז טוֹבִיָה דֶער בַּעַל-עֲגָלָה אִיז מַיין עֶרְשְׁטֶער קוֹילֶער גֶעוֶועזֶען, אוּנ דֶער בַּאלְטֶער קָאנְדוּקְטָאר מִיט דֶער גוֹיִ'שֶׁער גֶעאָגְרַאפִיַא הָאבֶּען שׁוין דֶערְקָאנְטְשֶׁעט דָאס שְׁטִיקֶעל אַרְבַּייט, אוּנ אִיךְ בִּין פֶערְפִיהרְט גֶעוָוארֶען אִין שְׁאוֹל-תַּחְתִּיָה אַרַיין!... נוּא, פְרֶעג אִיךְ אַייךְ, רַבּוֹתַי, אַלַיין: צוּ וָואס הָאבּ אִיךְ דָאס בֶּעדַארְפְט, וֶועלְכֶע רוּחוֹת אִיז מִיר אָבְּגֶעגַאנְגֶען, אִיךְ זָאל מִיר לִיגֶען רוּהִיג אִין מַיין וְצָוָנִי'ר מִיט-וָועלְט אוּנ זָאל טָאטְשֶׁען, וִויא דֶער וָוארְם אִין חְרֵיין, אוּנ בְּלַייבֶּען אַ יוּד, וִויא אַלֶע וְצָוָנִי'ר יוּדֶען, אוּנ נִיט וֶועלֶען וִויסֶען מֶעהר, וִויא אַלֶע וַוייסֶען?...

אִין אֱמֶת גֶעזָאגְט, אִיז דָא טוֹבִיָה כִּמְעַט גָאר נִיט שׁוּלְדִיג; עֶר הָאט מִיךְ חָלִילָה נִיט גֶעשְׁלֶעפְּט בַּייא דִיא פָּאלֶעס: „פָאהר!" אוּנ וֶוען אִיךְ נַאר אִיהם נִיט אָפּ, אַז אִיךְ בִּין אַ שָׁלִיחַ צוּפִיהרֶען אַ גֶט, וָואס אִיז גֶעגֶעבֶּען גֶעוָוארֶען בַּייא מַיין טַאטֶען, דֶעם רָב, פוּן אַיין אָרֶעם לִיטְוֶועקִיל צוּ'ן אַ בַּאלְטָער וַוייבֶּעל, אַ-נְ-עֲגוּנָה, וָואלְט עֶר מִיךְ גֶעוִויס נִיט גֶענוּמֶען אוֹיף זַיין בּוֹיד אָהנֶ'ם טַאטֶענְס יְדִיעָה... וֶוער שְׁמִיעֶסְט, וֶוען טוֹבִיָה זָאל נָאךְ חָלִילָה גֶעוֶועזֶען וִויסֶען אַ רֶמֶז דְרְמִיזָא פוּן מַיין אַפִּיקוֹרְס'שֶׁען פְּלַאן, אַז דָאס וִויל אִיךְ גָאר לַחֲלוּטִין אַנְטְלוֹיפֶען אִין דֶער גְרוֹיסֶער שְׁטָאדְט אַרַיין אוּנ דָארְטֶען וֶוערֶען אַמַשְׂכִּיל, — וָואלְט עֶר מִיךְ טַאקֶע בַּאלְד גֶעטַאסְקֶעט בַּייא דִיא פֵּאוֹת צוּם טַאטֶען, וִויא אַרוּחַ אַ מְלַמֵּד, אוּנ אִיךְ וָואלְט שׁוין גֶעהַאט דַאמָאלְס מַיין עֶרְלִיךְ אוֹיסְקוּמֶענִישׁ... וָוארוּם אִין אוּנְזֶער נֶעבֶּעכְטְשֶׁט פוֹילֶען אִיז אִיטְלִיכֶער יוּד אַיין עָרֵב פַאר אַ פְרֶעמְד קִינְד, וּבִפְרַט פַאר אַרְבְ'ס קִינְד... ס'הֵייסְט, אִיהר מֵיינְט אֶפְשַׁר, אַיין עָרֵב פַאר יֶענֶעמְס קִינְדְ'ס הוּנְגֶערֶען, פְרִיעֶרֶען, כְּרֵיינְקֶען, וַואלְגֶערֶען זִיךְ, צִיא הַאלְז אוּנ לַייבּ בְּרֶעכֶען? חָלִילָה! פַאר אַזוֹינֶע שְׁטוּתִים צֶעקְרַאצְט מֶען זִיךְ גָאר וֶוענִיג וָואס; נָאר קוֹים גֶעהט עֶס מִכֹּחַ יֶענֶעמְס קִינְדְ'ס אַ מַחֲשָׁבָה-זָרָה, אַ קוּק אִין דֶער זַייט צִיא אַ לֶעק פוּנֶ'ם עֵץ-הַדַּעַת, רַחֲמָנָא לִצְלַן... אָט דָא שְׁטֶעלְט זִיךְ אֲפִילוּ דֶער בַּעַל-עֲגָלָה אוֹיךְ אַרוֹיס פַאר אַיין עָרֵב אוֹיף אִיהם, אוּנ עֶר שְׁפִּילְט דַאמָאלְס מִיט'ן לֶעבֶּען!... עַל כָּל פָּנִים זֶעהט אִיהר דָאךְ, אַז טוֹבִיָה אִיז דָא גֶעבִּיךְ גָאט דִיא נְשָׁמָה שׁוּלְדִיג. שׁוּלְדִיג בִּין אִיךְ גָאר אַלַיין מְחוּלָה דֶער מִיט, וָואס אִיךְ הָאבּ מִיךְ אִיזְגִיוּחֶעט מִיט'ן לִיטְוִוישֶׁען לֶעהרֶער אִין וְצָוָנִי, וֶועלְכֶער הָאט מִיר דֶער עֶרְשְׁטֶער פְרִיטְשְׁמֶעלְיֶעט מַיין כֹּחַ מִיט עֶפֶּעס מִינִים שַׁאֲלוֹת אוֹיף דִיא חֲסִידִים אוּנ גוּטֶע יוּדֶען, אוֹיפ'ן

שבט-מוסר׳ס אומ׳ברחמנות׳דיגען גיהנם , אויף אלעקסייא דעם בעל-שם׳ס , אויפ׳ן גור-אריה׳ס עגול און אויף נאך עפּיס בעסערס... ער האט מיך אריינגעשלעפּט אין חקירות מכח אפלאטאשיקער מיט א קיילעכדיגער וועלט מכח שטעהעניש און דרעהעניש , מכח שדים , מכח ר׳ ליב שרה׳ס קפיצת-הדרך , און ווייטער ווייטער טאקי מכח דעם סמבטיון מיט די רויטע יודעליך אליין . . . און אזויא פאוואלי בין איך פארקראכען צו׳ן אלדע שווארצע יאהר ; איך האב אנגעהויבען ספק׳ן אין מיין יודעשליכער געאגראפיא און ס׳איז מיר עפּיס וויא ענג געווארען אין מיין וצונג׳ר מיט וועלט . . . אזויא לאנג , אזויא ברייט , ביז איך בין לחלוטי׳ן פערטריבען געווארען פון מיין זיסען , שטילען וצונג׳ר גן-עדן . . . אוי , קיין גוטער מענש זאל איהם גאר ניט קענען , אט דעם ליטוואק , דעם עכברש איינעם ! . . .

## 2.

## דער פאר׳כשוף׳טער עגול .

מאהלט אייך , וויא קום איך , רב׳ס זוהן צום לעהרער און וויא קומט ער צו מיר ? — אז איך בין גאר געזעסען מבוקר ועד ערב אינ׳ם טאטענס קלייזעל ביא דער תרובע און האב געקוועטשט דיא גמרא , מיט׳ן יורה-דעה , מיט׳ן שבט-מוסר , און האב ניט געוויסט , און ניט געטארט וויסען א שפּאן וועגם פונ׳ם קלייזעל , חוץ אלע אינדערפריה אין מקוה אריין , אלע פרייטאג אין מרחץ און זעלטען . א מאל מלוה זיין א מת — און ער , דאס לעהרעריל , שליאנדערט גאר גאנצענע טעג ארום צווישען דיא נגידישע קינדער אויף שטונדען ? — נוא היינט וויא קומט דיא קאט׳ץ איבער׳ן וואסער ? . . . זעהט-זשע , דער שטן , רחמנא לצלן , האט זיך זיינע פארבארגענע דרכים , וויא ער ארבייט אזויא לאנג מיט דער גא-לעריע , ביז ער חאפּט אריין אין זיינע לאפּקעס אריין און דאמאלס חאטש שרייא חי וקים — העלפט שוין ניט קיין טאטער און קיין דאקטאר ! . . . מיך האט דער בחור פּאפּאדעט גאר דורך דעם יאר , וואס האט זיך גע-צויגען סאמע ביים טאטענס קלייזעל , אין איינעם מיט׳ן טאטענס דירה , און וואס האט געמאכט א צווישענשייד צווישען דער אלטער שטאדט , וואו מיר האבען געוואוינט , און צווישען דער נייער שטאדט , וואו דיא נגידים מיט דיא דייטשען האבען געוואונט . יא דער יאר איז דיא ערשטע סבה געווען צוא מיין שפּעטערען אומגליק — ס׳הייסט , ניט אזויא דער יאר , וויא מיין ערשטע פלונית׳טע עליה השלום . . . איך בין שוין דאמאלס , פארשטעהט איהר מיך , געוועהן א יאהר נאך דער בר-מצוה , האב איך

דאָך שוין, וויא דער שטייגער איז, געהאַט אַ נייעס טלית מיט אַ ווייב,
אונ דווקא גאָר ניט קיין מיאוסע אונ ניט קיין פוילישע דריפקע, אונ טאַקי
אָט איבער דיא צוויא ווייסטע מעלות בין איך געבראַכען געוואָרען פון
מיין שטילען צופריעדענעם יונגעלשען גן-עדן, אונ ס'האָט מיך געשליי-
דערט אויף כף-הקלע אין דער ווייטער גרויסער וועלט אַריין, אונ פון
דאַמאָלס אָן איז מיין רוה פערפאַלען געוואָרען אויף אייביג!... אָט
קוקט אייך גוט אַריין אין דער קאַרטינאַ פון מיין רוהיגען שטילשווייגעדיגען
יונגעלשען לעבען, אין מיין פערגליווערטער וציונ'ר מיט וועלט אונ
זאָגט אַליין, ציא דאַרף איך מיר ניט באַוויינען מיינע יאָהר אונ טעג
אויף דעם אומגליק, וואָס מיך האָט געטראָפען אויפ'ן גלייכען וועג?...
קוקט אייך נאָר גוט איין אין דעם פערשלאָסענעם פוילישען וועלטעלע פון
דיא וציונ'ר איינוואוינער, אונ באַמערקט, וויא איטליכער יוד אונ יודענע
בעזונדער, אונ אַלע אינאיינעם, שווימען זיך אַזויא שטיל, אַזויא צו-
פרידען, אַזויא תם'וואַטע, אַזויא מאַשינאַלנע, אונ דאָך אַזויא פאַר-
זיכערט, אין זייער פאַרפליסקעטער, שטילשטעהענדיגער לעבענס-קאַליזשע,
אויף וועלכער אַוואַרטש פונ'ם סטאַנאָוואַ'ס הונד, ציא אַ שאַר פון אַ פאַנ-
טאָפעל, ציא אַ שערך פון אַ נייא זאָגען העמד, מאַכט שוין אָן אַ שרעק-
ליכען רושם, אַז אַלע כוחות הייבען זיך אָן צוא בוטיען אונ דיא גאַנצע
קאַליזשע קאָכט שוין, וויא אין אַ קעסעל... שטעלט דאָס אייך אַלכדינג
פאָר צוריק מיט דרייסיג יאָהר, אונ זייט מיר מודה, אַז איך האָב געהאַט
אַ גן-עדן אויף דער וועלט, אונ האָב איהם אַליין בידים פערזינדיגט... אָ,
מיין טהייערע זיסע, שטילע קאַליזשע! וויא זאָל איך דיך פאַרגעסען?
וויא קאָן איך דיך פאַרגעסען?... דרייצעהן יאָהר כסדר האָב איך אין
דיר, גלייך מיט אַלע, געשווימען, אַזויא געשמאַק אונ אַזויא זעלבסט-
צופרידען, אונ האָב, גלייך מיט אַלע, ניט געוויסט אונ ניט געטראַכט
צוא וויסען: וואוהין? צוא וואָס? אונ פון וועסט וועגען שווים איך? עס
אַזויא בתמימות אונ אַזויא בעזפעטשנאָ, גלייך וויא עפיס נאָר פון שווימען
וועגען איז דיא וועלט בעשאַפען?... וואו ביסטו מיין טהייער וציונ'ר
מיט-וועלטעל מיט דיינע קרומע, בלאָטיגע געסליך, הינטערגעסליך, ליקליך
אונ פריליקליך אונ מיט דיין גרויסען, ברייטען מיסטיגען מאַרק-פלאַטץ מיט
זיינע לאַנגע צוויא ריאַדען ביינק, פירבייגק, אונ שטעלעכליך פאַר דיא
סעדעכעס אונ מאַרק-זיטצערענס? — 13 יאָהר דורכאַנאַנד האָב איך מיך
אין דיר אַזויא געשפיעגעלט, געדרייט, פונקט וויא דיא 2 חסידים אינ'ם
געוויססען רעדעל-טאַנץ, אונ האָטשע דיא אַלע טאָג פון דיא 13 יאָהר
האָבען דאָס געהאַט וויא אַלע יונים איין פנים — איז מיר דאָך אַזויא גוט,
אַזויא זיסס געוועהן, צו זעהן אונ צו טהון אַלע טאָג, אַלע שעה, אַלע
רגע, אַלץ איינס אונ דאָס זעלבע, פונקט וויא דער קאַטץ ווערט ניט נמאס

זִיךְ אַרוּמְצוּטְרָאגֶען גַאנְצֶע טֶאג מִיט דִיא קֶאטְצְלִיךְ פוּנְ׳ם אָפֶּען-אוֹיבֶען אוּנְטֶערֶען אוֹיבֶען אַרָאפּ אוּנ פוּנְ׳ם אוּנְטֶערֶען-אוֹיבֶען אַף דֶעם אָפֶּען-אוֹיבֶען אַרוֹיף, אָהְן אַ סוֹף, אָהְן אַיין עֶק... אוּנ הָאבּ מִיךְ עֶפֶּעס גֶעפִּֿהִילְט אִין מַיין וְצִיוָנִי׳ר לֶעבֶּענְס-קַאלִיוְשֶׁע נָאר עֶפֶּעס וִויא אִין דֶעם פֶערְ׳כִּשׁוּף׳טֶען עִגוּל, וִויא אִין אַ זִיסס, פֶערְפְּלָאנְטֶעטֶען חָלוֹם, דָארְט וִויא אַלֶע בִּכְלַל אוּנ יֶעדֶער בִּפְרַט הָאט זִיךְ גֶעפִּֿהִילְט עֶפֶּעס נָאךְ פַאר אַ מֶלֶךְ בִּכְפָּה, פַאר אַ פְרַאנְק אוּנ פְרַייא פֶאגֶעלֶע, אָהְן אַ שׁוּם פִּיטְצֶעל מַחֲשָׁבָה וֶועגֶען אֶפְשַׁר נָאךְ עֶפֶּעס אוּנ נָאךְ עֶרְגֶעץ, אַ חוּץ אִיהם מִיט זַיין רָעדֶעל-שְׁפִּיעל!...

עֶר שְׁטֶעהט מִיר פַאר דִיא אוֹיגֶען, אָדֶער מַארְק-פְּלַאטְץ, מִיט דֶער גַאנְצֶער מַאכִינַאצִיא, וָואס אִין אִיהם אִיז פָארְגֶעגַאנְגֶען, וִויא נֶעכְטֶען אַזוֹיא הַיינְט, אַזוֹיא מָארְגֶען, אַזוֹיא — דַאכְט זִיךְ — פוּן שֵׁשֶׁת יְמֵי בְּרֵאשִׁית אוּנ אַזוֹיא גֶעוִויסס בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קִימֶען!... אָט זֶעה אִיךְ אִיהם אִינְגַאנְצֶען מִיט זַיינֶע צְוֵויא לַאנְגֶע צַיילֶען שְׁטִיבֶּער... דִיא בֶּעקַאנְטֶע שְׁטִיבֶּער, וָואס שְׁטֶעהֶען אַלְץ נַאקֶעט אִין דְרוֹיסֶען, אוּנ אֵיינֶע פוּן דֶער אַנְדֶערֶער טְהֵיילְט זִיךְ אָבּ דוּרְךְ אַ שִׁיטֶער-גְרִינְבְּלֶעכֶער בְּלָאטִיגֶער קַאלִיוְשֶׁע, צוּא וֶועלְכֶער יֶעדֶער שְׁטִיבּ לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ מִיט אַ מְשׁוּפֶּע׳דִיג בָּארְגֶעל, אוּנְטֶען בְּלָאטִיג אוּנ גְלִיטְצִיק אוּנ אוֹיבֶען, בַּייא דִיא וַואנְד, אַרוּמְגֶעלֶעגְט מִיט דֶעם, וָואס הָמָן׳ס טָאכְטֶער הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם טַאטֶען אִיהֲרֶען אִין קָאפְּף אַרַיין... אַלֶע שְׁטִיבֶּער-אוּנְטֶער דִיא גְרוֹיסֶע, אָנְגֶערִיקְטֶע שְׁוַוארְץ-פֶערְצְוִוילֶעטֶע שְׁטְרוֹיֶענֶע דָאכֶער מִיט דִיא אַרִיבֶּערְגֶעהַאנְגֶענֶע, אוֹיסְגֶעפְּלִיקְטֶע סְטְרִיכֶעס—זֶעהֶען אוֹיס פוּנְקְט וִויא דִיא קְלֵיינֶע שְׁרָצִים׳לִיךְ אִין דִיא טַאטֶעס שְׁמוֹיסֶענֶע יָאלֶעמֶעס אוֹיפְ׳ן מַארְק-טָאג... נָאר זֶעלְטָען וִויא עֶס וַוארְפְט זִיךְ דוּרְךְ אַ שְׁטִיבּ מִיט אֵיין אֵייבֶּערְשְׁטִיבֶּעל — פַאר אַ סוּכָּה׳לֶע — אוּנ נָאךְ זֶעלְטֶענֶער, אַ גַאנְץ גְרוֹיסֶע, הוֹיכֶע, לַאנְגֶע שְׁטִיבּ, סְ׳הֵייסְט: הַאלְבּ-שְׁטִיבּ, הַאלְבּ לָאךְ... אוּנ דָאס וֶוערְט אָנְגֶערִיהפֶען „אַיינְפָאהְר-הוֹיז“.

אִין בֵּיידֶע צַיילֶען שְׁטִיבֶּער גֶעפִינֶען זִיךְ אַ סַךְ קְלֵייטְלִיךְ, סְ׳הֵייסְט: אַיין אָפֶּענֶע טִיעֶר מִיט אַיין אָבְּגֶעלֶעגְטֶען לָאדֶען אוֹיף אַ סְטוּיפְּטְשִׁיקֶעל אוּנְטֶערְגֶעשְׁפַּארְט, וֶועלְכֶע, קִיקֶענְדִיג אִין זֵייא פוּן וַוייטֶען, וַוייזֶען זֵייא נָאר אוֹיס וִויא דִיא צְוֵוייא אוֹיגֶענְלָאכֶער אִין אַ גֶעפוּנֶענֶעם טוֹיטֶען שַׁארְבֶּען...

עֶטְלִיכֶע פוּן דִיא מִינִים שְׁטִיבֶּער וַוייזֶען כְּמוֹ עֶפֶּעס וִויא אַ גַדְלוּת פוּן זִיךְ מִיט זֵייעֶר צוּלֶעגֶען-זִיךְ לָאזֶענְדִיג דֶעם פָארֶענְט אַרוּנְטֶער... אוּנ עֶטְלִיכֶע ווִיעדֶער פַארְקֶעהְרְט, וַוייזֶען אַרוֹיס אַ שְׁרֶעקְלִיךְ עֲנִיוּוּת מִיט זֵייעֶרֶע בִּיקֶען-זִיךְ מִיט דִיא פֵּנִים׳ר צוּא דֶ-רֶ-עֶרְד, גְלַייךְ זֵייא שֶׁעהֶמֶען זִיךְ עֶפֶּעס פַאר גָאטְט׳ס וֶועלְט... אֵיינִיגֶע שְׁטֶעהֶען גָאר בָּאקָאם, אַזוֹיא אַז דִיא טִיעֶר אוּנ פֶענְסְטֶער קִימְמֶען אוֹיס וִויא אוֹיסְגֶעקְרִימְטֶע פִּיסְקֶעס... אוּנ אֵיינִיגֶע זַיינֶען עֶפֶּעס וִויא גֶעשְׁוָואלֶען, אָדֶער גָאר מְעוּבֶּרֶת, הַיינְט-מָארְגֶען אוֹיף מַפִּיל

זַיין... אַ מְהַייל שְׁטֶעהֶען גָאר נָאר הוּילֶע הֶזְרִיבְּעס אוּנְטֶער הוּיכֶע נַייֶע
דֶאכֶער אוֹיף סְטוֹיפֶּעס, אוּנ זֶעהֶען אוֹיס אַזוֹיא וִויא פַּארְכֶעס אוּנְטֶער נַייֶע
אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּענֶע יַארְמֶעלְקֶעס... אוּנ קִיקֶען אַרוֹיס פוּן וַוייטֶען וִויא דִיא פֶּערְ-
רִיקְטֶע פֶּערְשׁוֹינֶען עֶם אַרוֹיף אִין דֶער לַייפְּצִיגֶער בּוֹיד אַרַיין... גָאר אִין עֶק
גַאסס שְׁטֶעהְט דִיא אַלְטֶע הִילְצֶערְנֶע שׁוּהְל מִיט דִיא סַך קְלֵיינִינְקֶע אוֹיסְ-
גֶעשְׁלָאגֶענֶע טַאפְּלִילֶעךְ, דוּרְךְ וֶועלְכֶע פֵייגֶעלִיךְ פְלִיהֶען שְׁטֶענְדִיג אַרַיין אוּנ
אַרוֹיס, מִיט אַ מִין הָאפֶּערִיג פִּישְׁטְשֶׁען, גְלַייךְ סְ'אִיז זֵייעֶר טַאטֶענְס שׁוּהְל..
דֶער פָּערְגְרִינְטֶער שִׁינְדֶעלְדִיגֶער דַאךְ אִיז שְׁטֶענְדִיג בֶּעלִיגֶערְט מִיט סַארָאקֶעס
אוּנ וַוארָאנֶעס, וָואס קַארְקֶען עֶפֶּעס נָאר וִויא נַארֶעטְשְׁנֶע אוֹיף וָואס דִיא
וֶועלְט שְׁטֶעהְט, גְלַייךְ זֵייא רֵייצֶען זִיךְ מִיט דִיא שְׁטָאדְט-בַּעֲלֵי-בָּתִּים: „אָבֶער
גָאר לֹא! מִיר וֶועלֶען, אַייךְ אוֹיף צוּא לְהַכְעִיס, נִיט אָבְּטְרֵייטֶען פוּן
דַאנֶעט!..." אוּנ אוּנְטֶער דֶער מִזְרַח-וַואנְד לִיגְט אַ קְלֵיין אִיסְטָארִישׁ בֵּית-
עַלְמִין'דֶעל, מִיט אַ פָּאאר-פִּין מָאךְ פֶּערְגְרִינְטֶע-שְׁטֵיינֶערְנֶע מַצֵּבוֹת, וֶועלְכֶע
אַלֶע וַוייסֶען פַאר גֶעוִויס, אַז דָאס לִיגֶען דָא חָתָן-כַּלָּה מִיט אַלֶע מְחוּתָּנִים,
וָואס זֶענֶען אַ מָאל אוּנְטֶער דֶער חוּפָּה אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבֶּען אַלֶע אִין אֵיין הֶערְף-
צִין!... נָאר וָוען דָאס אִיז גֶעשֶׁעהֶן? פַאר וָואס? וִויא אַזוֹיא? אוּנ וֶועמֶעס?
– דָאס וַוייסְט קֵיינֶער נִיט אוּנ וִויל עֶס נִיט וִויסֶען; נָאר אָהְן דֶעם בֵּית-
עַלְמִין'דִיל וָואלְט זִיךְ יֶעדֶער גֶעפְהִילְט עֶפֶּעס עֶלֶענְד, נָאר וִויא אַ יָתוֹם...

אָט אָ דִיא צְוֵוייא צַיילֶען שְׁטִיבֶּער הֵייסֶען „דִיא גְרוֹיסֶע, גְלַאוְונֶע
גַאס..." אוּנ אוּנְטֶער זֵייא לִיגֶען שׁוֹין צִיוָוארְפֶען אַ סַךְ אוּנְטֶערְגֶאסְלִיךְ,
לִיקְלִיךְ אוּנ פְּרִילִיקְלִיךְ מִיט שְׁטִיבְּלֶעךְ אוּנ זֶעמְלְיַאנְקֶעס, אֵיינְס פָּאפֶּערֶעק
דֶעם אַנְדֶערֶען, אוּנ זֶעהֶען אוֹיס אַקֶעגֶען דֶער גְרוֹיסֶער גַאסס אַזוֹיא וִויא דִיא
קִינְדֶערְשֶׁע קְבָרִים'לִיךְ, אוֹיפְ'ן הֵיילִיגֶען אֶרְט, אַקֶעגֶען דִיא גְרוֹיסֶע קְבָרִים..
אִים וִוינְטֶער, בְּעֵת דִיא גְרוֹיסֶע שְׁנֶעעֶן אוּנ זַאוֶוערֶעכֶעס הָאבֶּען אַלֶע
שְׁטִיבֶּער אַ פָּנִים פוּן אֵיין אַלְט פַארְשָׁאטֶען בֵּית-עוֹלָם אוּנ דִיא שִׁיהל מִיט
דִיא אַיינְפָאהר-הַייזֶער מִיט דִיא עֶטְלִיכֶע אֵייבֶּערְשְׁטִיבְּלֶעךְ – אַזוֹיא וִויא
מַייעֶרְלִיךְ... אִין מִיטֶען דֶער גְרוֹיסֶער גַאסס, סַאמֶע אַקֶעגֶען לַייבּ וָואלְצִי
דֶעם מְלַמֵּד'ס שְׁטִיבּ לִיגֶען אַלְץ דִיא עֶטְלִיכֶע גֶעפַּאסְטֶע, אוּמְגֶעלִימְפֶּערְטֶע
שְׁטָאדְט-חֲזֵירִים אוּנ רוּיעֶן זִיךְ אִין אַ גְרִין-גֶעדֶעכְטֶער קַאלִיזְשֶׁע, אוּנ לָאזֶען
אַלֶע מָאל אַרוֹיס, פוּן גְרוֹיס תַּעֲנוּג אוּנ נַחַת, מִינֵי שְׁלָאפֶּערִיגֶע, קֶערְצֶע
חְרִיוֹקֶעוַואטֶע חְרַאפֶּען, אַזוֹיא גְלַאט צִיא לָאזֶען הָארֶען, אַז זֵייא זֶענֶען דָא
אוֹיף זֵייעֶר פָּאסְטֶען בֶּאֱמוּנָה... אַקֶעגֶען דֶעם חֲזֵירִים-רָאי, נִיט וַוייט פוּן
שְׁמָערִיל יַיזִינְקֶערְס פָּאדַאשֶׁעק, לִיגְט אַלְץ דֶער אַלְטֶער קוּדְלַאטֶע הוּנְד,
אַרוֹיסְגֶעטֶעלֶעפֶּעט דִיא צִינְג אוּנ חַאפְּט פְלִיעֶגֶען, אוּנ פוּן גְרוֹיס סְקוּקֶע אִיז
עֶר זִיךְ פָּשׁוּט מְחַיֶה, אַז עֶפֶּעס אַ וַוייסֶע-חֶבְרָה'נִיק וַוארְפְט אִיהם אַ שְׁטֵיין,
בִּכְדֵי עֶר זָאל הָאבֶּען פִּתְחוֹן-פֶּה, אַ גֶעלֶעגֶענְהַייט אוֹיף אַ הַאוֶוקֶע צוּא

טהין

טהין . . . די בעקאנטע שטימע בהמות שטעהען אלץ אין פערשיעדענע ארטער מיט זייערע רחמנות׳דיגע אויסגעסטארטשעטע גלעזערנע אויגען, גלייך זייא בעדויערען עפּעס די פער׳כשוּפ׳טע וציונגי׳ר מיט-וועלט. . . די בעקאנטע קעלבליך בריקעוועס אלץ אין מארק, און ביי יעדען משונע׳נעם שפּרינג טהיט איטלעכם א אנדער משונה׳דיגען מריקע וויא איינע רעדט: אט אזויא דארפמען בריקעווען לכבוד יום טוב! . . . די בעקאנטע ציגען שטעהען אלץ אויסגעצויגען פון די פריזבעס ביז די דאכער און טריפען די שטרויא פון די סטריכעס . . . און דער בעקאנטער שטאדט-צאפּ אנטלויפט אלץ פאר די ווייסע-חברה׳ניקעס און קעהרט איבער, לויפענדיג, די מילטערליך ביי די סעדעכעס, און מע זעהט אין איהם בעשאנפער-ליך, אז ער האלט זיך פאר׳ן איינציגען שטאדט-יורש. . .

אט האט איהר אייך אין קורצען די גאנצע קארטינא פון דער וציונגי׳ר מיט-וועלט, און יעטצט וועלען מיר פּרובען א קיק טהין אויף אט א דעם בעשריעבענעם מארק-פּלאטץ, און זעהען, וואס עס טהיט זיך איבער אויף איהם אין א זיממער-טאג, פון זיינט אקערשט שארייען אויף טאג ביז אין דער זינקענדיגער נאכט אריין, — וועט איהר אייך איבער-צייגען, פון וואס פאר א מין טהייערען, זיסען גן-עדן איך בין נעביך, בחנם בלא דבר, פערטריבען געווארען פאר דער צייט! ? . . .

3.

## גאלד פון דער בלאטע ארויס.

אקערשט טאג, אינ׳ם חודש . . . (נישמעהר אלע טאג זענען דאך איינליך איינם אויפ׳ם אנדערע היא צוויא טראפּען וואסער . . . הייגם צוא וואס טויג דער דאטום); ווען אלע שלאפען נאך אין די צוויא צייליען שטיבער פון דער גרויסער גאסם און די לעבענם-קאליזשע איז נאך פערצויגען וויא מיט א טומאנער פליוקע אזויא, אז אפילו א פעדער ריהרט זיך ניט אויף איהר — דעמעלט — שטעה איך מיר צוריק מיט דרייסיג יאהר (הלוואי אויף הייגם געזאגט! . . .) און באטראכט מיין שטיל, צופריעדען מיט-וועלטעל; און וואס איך האב דעמאלט געפיהלט, געהערט און געזעהען, מאהל איך אייך יעטצט אפּ אין קורצען, אבער מיט אלע פּישטשעווקעס.

איך קוק מיר אזויא אויף דעם מיט-וועלטעל מיט אזא נחת-רוח עפּיס, וויא נאר א פאסטוך אויף זיין סטאדע שעפּעליך — נישמעהר גיין! דער פאסטוך קען ניט יעדעס שעפעלע זיינם בעזונדער, און איך קען אלע

שְׁטִיבֶּער מִיט זֵייעֶרֶע בַּעֲלֵי-בָּתִּים, בַּעֲלֵי-בַּיִתְ׳טֶעס, פִּיפְּקֶעס, בְּהֵמוֹת, קֶעלְבְּלִיךְ, צִיגָען, עוֹפוֹת אוּנ קֶעטְץ; אִיךְ קֶען אֲפִילוּ פוּן יֶעדָען זֵייעֶר הַלְבָּשָׁה, זֵייעֶר מֶעבֶּעל, זֵייעֶר גֶעפֶּעס, אוּנ וֵויים אֲפִילוּ וָוער פוּן זֵייא הָאט שׁוֹין תַּכְרִיכִים... אִיךְ קֶען אִיטְלִיכָען מִיט זַיין מֶזֶג, מִיט זַיינֶע מַעֲלוֹת אוּנ חֶסְרוֹנוֹת אוּנ מִיט זַיין שְׁטֶרְעבֶּען אִין דֶער לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע... אָ! אַ סַךְ, אַ סַךְ בְּלָאטֶע, גְּנוֹי אוּנ פַּאסְקוּטְצְטְוָוא הָאט אִין זִיךְ דִיא קַאלִיזְשֶׁע גֶעהַאט, נָאר אָבֶּער טַאקֶע אִין אָט דֶעם פַּארְשְׁטוּנְקֶענֶעם זוּמְפְּ וַוארְפֶען זִיךְ אָפְּט דוּרְךְ אַזוֹינֶע טְהַייעֶרֶע גָאלְד-שְׁפְּרִיטְצְלִיךְ, אַזוֹינֶע לֶעכְטִיגֶע פַייעֶר-פִינְקֶען, וָואס מֶע קְרִיגְט זֵייא נִיט בְּנֶאֱמָנוּת אִין דִיא גְרוֹיסֶע זִידֶענְדִיגֶע יַמִים בַּייא דִיא גְרוֹיסֶע לֵיארֶעמְדִיגֶע שְׁטֶאדְט! שְׁטֶעהֶענְדִיג דֶענְסְטְמָאל, יוּנְגֶעל-וַויים, אִין דֶער מִין קַאלִיזְשֶׁע, הָאבּ אִיךְ מִיר קַיין דִין וְחֶשְׁבּוֹן נִיט אָפְּגֶעגֶעבֶּען וֶועגֶען דֶעם; פַּאר מִיר אִיז דֶענְסְטְמָאל גְּלַייךְ צִיקַאוֶוע גֶעוֶועהן אַלְסְדִינְג, וָואס אִיז נָאר אִין דֶער קַאלִיזְשֶׁע גֶעשְׁווּימֶען, אוּנ פוּן אַלְסְדִינְג הָאבּ אִיךְ מִיר גְלַייךְ גֶעקְלוֹיבֶּען נַחַת... הַיינְט אָבֶּער דֶערְמָאהן אִיךְ מִיךְ אִין אִיטְלִיכֶען פִּיטְצָעלֶע, אוּנ הֵייבּ עֶרְשְׁט אָן אַרוֹיסְזֶעהן, וָואס פַּאר טְהַייעֶרֶע אוֹצְרוֹת דִיא קַאלִיזְשֶׁע הָאט אִין זִיךְ גֶעהַאט צְווִישֶׁען אַלֶע אִיהְרֶע פַּאסְקוּטְצְטְוֶועס, אוּנ שֶׁעהם זִיךְ אַזְשׁ פַאר זִיךְ אַלֵיין... אָט שְׁטֶעהט מִיר פַאר דִיא אוֹיגֶען דִיא אַייְנְגֶעהוֹיקֶערְטֶע שְׁטוּבּ מִיטְ׳ן הַאלְבּ אָפֶּענֶעם דַאךְ. זִינְט אִיךְ לֶעבּ שְׁטֶעהט זִיא אַלְץ אַזוֹיא, אוּנ עֶס וואוֹינְט אַלְץ אִין אִיהר שַׁכְנָא דֶער אוֹפִיר. דִיא וֶוענְט נֶעטְצֶען — אוּנ שַׁכְנָא וואוֹינְט; דֶער ווִינְד בְּלָאזְט אִין שְׁטוּבּ אַרַיין — אוּנ שַׁכְנָא וואוֹינְט; דֶער שְׁנֶעע מִיטְ׳ן פְרָאסְט לִיגְט אוֹיף דִיא וֶוענְט ווִינְטֶער, אוּנ הוּרְבֶּעס שְׁטוֹיבּ אוּנ פָארְךְ זוּמֶער — אוּנ שַׁכְנָא וואוֹינְט... וָואס זְשֶׁע אִיז אַזוֹינְס שַׁכְנָא? אַ רִיז? צִיא אַ פֶעלְד-גַזְלָן? צִיא אֶפְשַׁר אַזַא פוֹילֶע זַאךְ, וָואס וֶוערִים מֶעגָען אִיהם אוֹיפְטָאטְשֶׁען, ווִיל עֶר זִיךְ פוּנְ׳ם אָרְט נִיט רִירָען?... שַׁכְנָא אִיז אַ-נ-אוֹיסְגֶעדֶעוֶוערְט יוּדֶעל מִיט אַ גוּט לֶעכְטִיג פָּנִים אוּנ מִיט צְוֵוייא שְׁוַוארְצֶע, אָפֶּענֶע, רַחֲמָנוּת-דִיגֶע לִיכְטִיגֶע אוֹיגֶען אוּנ עֶר רוּהְט נִיט פוּן שַׁארִיעֶן אוֹיף טָאג בִּיז שְׁפֶּעט אִין דֶער נַאכְט כִּמְעַט אֵיין מִינוּט, אוּנ דָאךְ וואוֹינְט עֶר אָט אִין דֶער מִין שְׁטוּבּ נָאךְ מִיט אַ גַאנְץ הִיבְּשׁ גֶעזִינְדֶעל, אוּנ אִיהר וֶועט קַיין מָאל נִיט זֶעהֶען אוֹיף שַׁכְנָא׳ן דִיא מִינְדֶסְטֶע מִינֶע פוּן אוּנְצוּפְרִידֶענְהַייט אוֹיף זַיין אוּמְגְלִיקְלִיכֶער לַאגֶע!... וָואס זְשֶׁע אִיז שַׁכְנָא׳ס פַּרְנָסָה? — שַׁכְנָא הָאט קַיין שׁוּם פַּרְנָסָה נִיט, פוּן זִינְט עֶר אִיז צוּא זַיין שֵׂכֶל גֶעקוּמֶען!... פוּן וָואס זְשֶׁע לֶעבְּט שַׁכְנָא? — עֶר לֶעבְּט טַאקִי נִיט! סְטַייטְשׁ עֶר לֶעבְּט דָאךְ יָא נָאךְ מִיט אַ וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער אוֹיךְ? — אַ!... פוּן אַזַא לֶעבֶּען וֶועגֶען — אַ שִׁישְׁקֶע מִיט אַ קְנָאבֶּעל — הָאט שַׁכְנָא אַ שְׁטִיקֶעל טְהוּעֶכְטְס: שַׁכְנָא מַאכְט אָפּ שַׁבַּתְ׳נַאכְטְס אַ גַאנְץ פוּנְט שְׁמֶעק-טַאבַּאקֶע אוּנ דָאס וַוייבּ צוּטְרָאגְט עֶס שׁוֹין דִיא גַאנְצֶע וָואךְ

פַּארְקוֹיפֶען . . . נוּא, אוּנ שַׁבְנָא אַלֵיין וָואס טְהוּט דִיא גַאנְצֶע וָואך ? עֶר רוּהְט דָאךְ נִיט אֵיין מִינוּט אוֹיף אַ-נ-אָרְט ? — אַ ! . . . וָואס שַׁבְנָא טְהוּט דִיא גַאנְצֶע וָואך ? גֶעמְט, זַייט מוֹחֵל, אוּנ גֶעהְט אִיהם נָאךְ דִיא גַאנְצֶע וָואךְ טְרִיט בַּייא טְרִיט, וָועט אִיהר שׁוֹין זֶעהֶען, וָואס עֶר טְהוּט ! . . גֶעהְט אִין הֶקְדֵשׁ אַרַיין — גֶעפִינְט אִיהר שַׁבְנָא'ן אַרוּם אַלֶע שְׁוָוערֶע חוֹלִיִים : עֶר בֶּעט זַייא אִיבֶּער, לֶעגְט זַייא אִיבֶּער, פוֹיעֶט זַייא אָן מִיט אַ גוּט וַוארֶעם בִּיסֶעל יוֹךְ, טְרֵייסְט זַייא אוֹיף דִיא צָרוֹת אוּנ מִיטְ'ן גוֹטֶה-לָמוּת זָאגְט עֶר וִדּוּי אוֹיךְ . . . גֶעהְט צוּם נִשְׂרָף בִּשְׁעַת שְׂרֵפָה — טְרֶעפְט אִיהר שַׁבְנָא'ן אַרוֹיסְרַאטֶעוָוען דָאס בִּיסֶעל אָרֶעמְקַייט אוּנ בַּאוָוארֶענֶען עֶס אִין גוּטֶע הֶאנְד, אוּנ נָאךְ דֶער שְׂרֵפָה בַּאוָוארֶענְט עֶר דִיא אוּמְגְלִיקְלִיכֶע פַאמִילְיֶא מִיט בְּרוֹיט אוּנ מִיט אַ טְרֵייסְט אוֹיף דִיא צָרוֹת . . . גֶעהְט אִין דִיא יַאטְקֶעס — זֶעהְט אִיהר שַׁבְנָא'ן זִיךְ שְׁלָאגֶען מִיט דִיא קַצָבִים אוֹיפְ'ן בְּלוּט פַּאר זֵייעֶר פַאלְשׁ וָואגֶען אוּנ פַּאר זֵייעֶר גֶעבֶּען בֵּיינֶער דִיא אָרִימֶע לַייט . . . גֶעהְט אִין דִיא אַיינְגֶעהוֹיקֶרְטֶע זֶעמְלְיַאנְקֶעס צוּא דִיא אַלְמָנוֹת, יְתוֹמִים, קִינְפֶּעטָארֶענְס אוּנ מְסוּכָּנְ'עֶ חוֹלִיִים — שַׁבְנָא אִיז דָא מִיט זַיין קְלִימֶעקִיל וִוינְדֶעלִיךְ, סוּחַארֶעקְלִיךְ, אַ גוּט בִּיסֶעלֶע וַויין, טֶעה אוּנ צוּקֶער, עֶטְלִיכֶע בּוּלְקֶעס, אוּנ מְזוּמָנְ'ס אוֹיךְ עֶטְלִיכֶע גְרָאשֶׁען, אוּנ דֶערְצוּ אַ זִיסֶע טְרֵייסְט, וָואס דֶערְקְוִויקְט דֶעם אוּמְגְלִיקְלִיכֶען אִין אִיטְלִיכֶען אֵבֶר, אוּנ גִיט אִיהם כֹּחַ אוֹיף דִיא שְׁפֶּעטֶערֶע צָרוֹת . . . קוּקְט אִין גַאס, וווּ אֵיינֶער פַאלְט אוּנ שָׁאדִינְט זִיךְ אֵיין אֵבֶר; וווּ אַ פְרֶעמְדֶער אוֹרֵחַ זוּכְט אַ נַאכְטְ-לֶעגֶער; וווּ אַ בְּלִינְדֶער סְפָּאטִיקְעט זִיךְ אִין עֶפִּים; וווּ אֵיינֶער פֶּערְלִיעֶרְט עֶפִּים, צִיא וווּ אֵיימֶעצֶער שְׁטוּפְּט אַ הַאנְד אִין יֶענֶעמְס קֶעשֶׁענְיֶע — דָארְט זֶעהְט אִיהר שַׁבְנָא'ן אוֹיסְוַואקְסֶען צוּא דֶער מִינוּט, אוּנ עֶר הֵייבְּט שׁוֹין אוֹיף, פִיהְרְט אָפּ, גִיט אַ קְוָוארְטִיר, וַוייזְט דֶעם וֶועג, זוּכְט אוּנ טְרֵייסְט, אוּנ חַאפְּט דֶעם גַנָב שְׁטָלֶערְהֵייט בַּייא דֶער הַאנְד, אוּנ מוֹסָרְ'ט אִיהם אַזוֹיא לַאנְג, בִּיז עֶר אִיז אִיהם מַחֲזִיר לְמוּטָב . . . אַ כְּלַל, נִישְׁטָא דֶער אוּמְגְלִיק, דִיא צָרָה, דִיא מַגֵפָה, דָאס אוּמְרֶעכְט אוּנ דִיא דַאֲגָה, וָואס שַׁבְנָא וַואקְסְט דָארְט נִיט אוֹיס, וִויא אַ בְּלִיטְץ, אוּנ גִיט, אוּנ הֶעלְפְט, מוֹסָרְ'ט אוּנ טְרֵייסְט, מִיט אַזַא שִׂמְחָה, מִיט אַזַא לִיעבֶּע אוּנ מִיט אַזַא מְסִירַת נֶפֶשׁ, וָואס אֵייגֶענֶע טַאטֶע-מַאמֶע זֶענֶען דָאס נִיט בִּיכוֹלֶת ! . . . אוּנ פַּאר דִיא אַלֶע זַאכֶען וִויל שַׁבְנָא נִיט נֶהֱנֶה זַיין, וָואס אַ שְׁמֶעק טַאבַּאקֶע אִיז וָוערְט, אוּנ פַּאר אַ דַאנְק אֲפִילוּ אִיז עֶר לַהֲרוֹג וּלְאַבֵּד . . . „סְטַייטְשׁ, וווּ זְשֶׁע נֶעמְט שַׁבְנָא אָן דִיא מִיטֶעל פַּאר דִיא אַלֶע אוּמְגְלִיקְלִיכֶע ?“ — אַ ? . . . וווּ שַׁבְנָא נֶעמְט ? . . . גֶעהְט זְשֶׁע אִיהם טַאקֶע וַוייטֶער נָאךְ אִין אַלֶע קְלֵייטֶען, שַׁיינְקֶען, הַייזֶער פוּן בַּעֲלֵי-בַּתִּים אוּנ בַּעֲלֵי-מְלָאכוֹת אוּנ אִין אַלֶע אַיינְפָאהְרְהַייזֶער בַּייא דִיא אוֹרְחִים, וָועט אִיהר וִויסֶען, וווּ שַׁבְנָא נֶעמְט מִיטֶעל ! נָאר מֵיינְט נִיט אַז שַׁבְנָא רֵייסְט חָלִילָה אִיבֶּערִיגְס — חַס

ושלום (נסנ״ל)

ושלום! א פרוטה, א גראשען, א קאפיקע, א העמד, א בולקע, א זערנע טהע, א שטיקעל צוקער, א רעצעפט אין אפטעהק! אונ דאס ווערדט שכנא'ן ניט נמאס אלע טאג דאס אייגענע, שוין דרייסיג יאהר כסדר. אדרבה, מיט יעדען נייעם טאג טהוט שכנא זיין זאך מיט מעהר חשק, מיט מעהר התלהבות אונ מיט מעהר מסירת-נפש, אונ זיין סבר פנים יפות איז א טרייסט אויף יעדענס שמערץ! — „סטייטש, וואס קומט ארויס פון דיא אלע מעשים טובים פאר יענעם, אז ער טהוט גאר ניט פאר זיין פאמיליא?“ — שכנא מיט זיין ווייב, מיט זיינע קינדער, לעבען ניט פאר זיך; דיא שישקע מיט קנאבעל מיטן האלבען דאך איז בייא זייא איין עשירות, אבי דער מאן, אבי דער טאטע זאל קענען לעבען פון יענעמס וועגען! . . . דאס וואס שכנא איז בפועל — דאס איז חנה, שכנא'ס ווייב, בכח: ער ארבייט פאר אומגליקליכע, אונ זיא גיט איהם מוטה צוא זיין ארבייט! . . .

אט קוק איך אויף דער זעמליאנקע, מיט דער אפגעשטאנענער לעהם פון דיא וועגט, וויא א וואסער-געשווילעכץ; דארט וואוינט דער אלטער מנחם דער שוסטער, אדער וויא מען רופט איהם „מנחם דער אבל“ א שיכען-שוסטער, וואס לעבט אין דחקות פון זיין עהרליכען יגיע כפים נאר כדי חיונה. אונ זינט ער לעבט, שוין א יאהר פערציג, האט ער זיך איין עובדא איג'ם לעבען, וועלכע ער היט אפ, דיא דאס אויג אין קאפ, אונ וועלכע ער טהוט אלע טאג מיט מעהר פייער מיט מעהר מסירת נפש, גלייך ער וואלט נאך געוועהן א יונגערמאנטשיקעל, אונ איז שוין ב״ה אריבער ששים . . . זיין עובדא איז: וואו נאר, ניט דא געדאכט, א מת אין שטאדט, איז ער דער ערשטער בייא יציאת נשמה, ער איז זיך מתעסק וועגען זיין רעכט טהון אונ בעט מעשה צוא דערמינטערען דיא גאנצע בני-בית פון פערצווייפלונג, אונ בייא א-נ-ארימאן, צופערזארגען תכריכים, אונ דערוייל ברויט מיט א לעפעל ווארעמס אין שטוב, אונ נאך דער קבורה שלעפט ער צונויף א מנין א היין אויף גאנץ שבעה ערב ובוקר, אונ ברענגט אלע טאג דער ארימער פאמיליא איהר הצטרכות, ביז זייא וועלען אביסעל בערוהיגט ווערען פון זייער בראך, אונ נאך שבעה ארבייט ער מיט אלע כלים צוא בעשטאטען דיא קליינע יתומים וויא עס איז אין געטרייע האנד, אונ פיהרט זייא גאנץ שלשים אין שול אריין קדיש זאגען, אזויא אז מע קאן זעהען מנחם'ן געהענדיג מיט אגאנצער טשאטע יונגליך אין שוהל אריין, וויא א בעהעלפער; אונ דאס טהוט מנחם מיט שמחה, מיט אהבה שוין פערציג יאהר כסדר וויא איין טאג! . . .

אט זעה איך דארט א שטיבעל, וואס אויף דער טיהר איז אנגעמאלט אזויא וויא א פייענער קאלנער מיט א שטריימעל, דארט וואוינט דער אלטער מאטי שטרייכער, א-נ-ארימאן, א פראסטער ברודער, נאר זיין

עָרְלִיכְקַייט פַּארְמָאגְט נִיט דִיא וֶועלְט, אוּנ מֶע רוּפְט אִיהם „מָאטְקִי דֶער סְפְּרַאווְנִיק“. — עֶר הָאט זַיין לֶעבֶּען אֵיין עוֹבְדָא, פַאר וֶועלְכֶער עֶר בֶּע־קוּמְט נִיט זֶעלְטֶען שְׁטֶעקֶענְס מִיט בָּאכֶענְצִים, זִידְלֶערַייֶען, אויךְ קְלָלוֹת אוּנ חֲרָמוֹת — אוּנ אִיז דָאס אַלְסְדִינְג מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה אוּנ טְהוּט זִיךְ אַלְץ זַיינְס מִיט נָאךְ מֶעהר מוּטְה אוּנ מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּנ פִיהרְט דָאךְ אוֹיס זַיינְס... מָאטְקִי הָאט זִיךְ אֵיין עוֹבְדָא, צוּבֶּעהִיטֶען דִיא שְׁטָאדְט פוּן מְחַלֵּל-שַׁבָּת אוּנ יוֹם-טוֹב זַיין, אוּנ אַזוֹיא וִויא עֶס קוּמְט נָאר עֶרֶב-שַׁבָּת צִיא יו"ט פַאר נַאכְט, אִיז מָאטְקִי שׁוֹין דָא בַּייא אַלֶע קְלֵייטֶען, שֵׁיינְקֶען אוּנ שְׁטֶעלֶעכְלִיךְ, אִין מַארְק, אִין בָּאד, צְווִישֶׁען דִיא בַּעֲלֵי-מְלָאכוֹת אוּנ הַארְפַּאשְׁנִיקֶעס, אוּנ אַרְבַּייט, אוּנ שְׁרַייט, אוּנ בֶּעט, אוּנ וַויינְט, אוּנ לֶעגְט אַיין דִיא וֶועלְט: „גֶעוואַלְד, יוּדֶען, עַם-קְדוֹשִׁים, לֶעגְט אַוֶועק דִיא אַרְבַּייט! דֶער-שַׁבָּת קוֹדֶשׁ קוּמְט אָן, הָאט גָאטט אִין הַארְצֶען, פֶערְזִינְדֶענְט אַייךְ נִיט דִיא נְשָׁמוֹת אִיבֶּער נָאךְ אַ גְרָאשֶׁען פִּדְיוֹן, אִיבֶּער נָאךְ אַ תַּאֲוָה'לֶע צִיא אַ וִוינְגָאדֶע; גֶעוואַלְד, שַׁבָּת אִיז פוּן דִיא עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת! חִלּוּל-שַׁבָּת אִיז פוּן דִיא עֲבֵירוֹת, וָואס דֶער גֵיהִינָם וֶוערְט אֵייבִּיג פַאר זַייא נִיט פַארְלָאשֶׁען!... וַוארְפְט אַוֶועק, יוּדֶעלִיךְ, אַלֶעס אוּנ זַייט אַייךְ מֵכִין צוּא קַבָּלַת שַׁבָּת! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ מְמַלֵּא זַיין כֵּפֶל כִּפְלַיִם דִיא גַאנְצֶע וָואךְ!... „אוּנ דֶערְבַּייא שְׁטֶעהט עֶר טַאקִי נִיט פַארְלֶענְט דִיא הַאנְד: וֶוער עֶס פָאלְגְט אִיהם נִיט — חַאפְּט עֶר אוּנ צוּ וַוארְפְט דִיא סְחוֹרָה, טְרַייבְּט פוּן דִיא קְלֵייטֶען, רַייסְט בַּייא דִיא פָאלֶעס אַוֶועק, אוּנ וִויפִיל עֶר זָאל נִיט לֶעזֶען קְלֶעפּ מִיט זִידְלֶערַייא — טְהוּט עֶר אַלְץ זַיינְס אוּנ מֶע מוּז אִיהם פָאלְגֶען!... וָוארוּם עֶר טְהוּט עֶס מִיט אֶמֶת'ן מְסִירַת-נֶפֶשׁ שׁוֹין דְרַייסִיג יָאהר דוּרְךְ אַנַאנְד, אוּנ הָאט חָלִילָה קַיין שׁוּם פְּנִיָּה נִיט דֶערְבַּייא... וָואס זָאגְט אִיהר — אוֹיף דִיא עֶטְלִיכֶע בּוּרְלְיַאנְטֶעלִיךְ אִין דֶער לֶעבֶּענְס-קָאלִיזְשֶׁע?... עֶס זֶענֶען נָאךְ דָא אַ סַךְ אַזוֹינֶע, וָואס לֶעבֶּען נָאר פוּן יֶענֶעמְס וֶועגֶען, אוּנ זֶענֶען זִיךְ מַפְקִיר פַאר זֵייעֶר אֶרֶענְטְלִיכֶער אִידֶעע אוֹיף קִדּוּשׁ-הַשֵּׁם; דֶער אִיז מַקְרִיב זַיין גַאנְץ לֶעבֶּען אוֹיף הַכְנָסַת-אוֹרְחִים, דֶער אוֹיף רוֹדֵף-שָׁלוֹם זַיין, דֶער אוֹיף מְגַדֵּל זַיין פְּרֶעמְדֶע יְתוֹמִים, דֶער אוֹיף פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים א. ז. וו. אוּנ אַזוֹיא לֶעבֶּען זַייא אוּנ שְׁטַארְבֶּען אִין דֶער שְׁטִילְשְׁטֶעהֶענְדִיגֶער לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע אָהן אַ נָאמֶען, אָהן בְּרוֹיט, אָהן פַּאכְוַואלֶען, אָהן דַאנְקֶען אוּנ אָהן מַאנוּמֶענְטֶען!... קֵיינֶער גִיט עֶס זַייא נִיט אוּנ זַייא דַארְפֶען עֶס נִיט אוּנ פָאדֶערֶען עֶס נִיט פוּן קֵיינֶעם... זַייא קוּמֶען אִין דֶער פִינְסְטֶער אוּנ גֶעהֶען זִיךְ אַוֶועק אִין דֶער פִינְסְטֶער, אַבִּי זַייא הָאבֶּען זֵייעֶר הֵיילִיגֶ שְׁלִיחוּת אָפְּגֶעטְהוּן בִּשְׁלֵימוּת!...

4.

## דִיא וְצוֹנִי'ר לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע .

וּבְכֵן וַיְהִי כְּאוֹר הַבּוֹקֶר, צוּרִיק מִיט דְרַייסִיג יָאהר, שְׁטֶעהֶען מִיר אוּנ בֶּעטְרַאכְטֶען דִיא וְצוֹנִי'ר לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע סַאמֶע אִינְמִיטֶען מַארְק! אַלֶע אִין דִיא צְוֵוייא שׁוּרוֹת שְׁטִיבֶּער הַאלְטֶען נָאךְ אִין טִיעפֶען שְׁלָאף אוּנ דֶער עוֹלָם וָואלְט נָאךְ אֶפְשַׁר גֶעשְׁלָאפֶען אֶקֶענֶען אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה. נָאר פְּלוּצְלִים פָּאהרְט אָן טוֹבִיָה דֶער בַּעַל-עֶגְלָה מִיט זַיין בּוֹיד מִיט דִיא פִּיהר קְלְיַאטְשֶׁעס, פוּן דֶער טַאזְשִׁילֶעוֶוער רָאגַאטְקֶע, אוּנ בַּיים אַרַיינְפָּאהרֶען אוֹיפ'ן הִינְטֶער-טוֹיעֶר פוּן קֶעבֶּעבֶּעס אַיינְפָאהרְהוֹיז הָאט זִיךְ פוּנ'ם סְטוּק, וָואס דִיא הִינְטֶערְשְׁטֶע רֶעדֶער הָאבֶּען גֶעטְהוּן אִיבֶּער דֶער פְּרִיקְלַאדִינַא פוּנ'ם טוֹיעֶר—אוֹיף גֶעהַאפְּט דָאס גַאנְצֶע שְׁטֶעדְטֶעל אוּנ דִיא קַאלִיזְשֶׁע הָאט זִיךְ אַ הוֹידֶע גֶעטְהוּן . . . אָט עֶפֶענְט זִיךְ אֵיין טִיהר, דִיא אַנְדֶערֶע, דִיא דְרִיטֶע א. ז. וו. אוּנ אִין יֶעדֶער טִיעֶר שְׁטֶעקְט זִיךְ אַרוֹיס אַ דַאר, שְׁוַוארְץ, זָאוֶוער פְּנִים אוּנְטֶער אַיין אָנְגֶערִיקְטֶער פַארְשְׁמָאלְצִיוֶועטֶער קוּפְּקֶע, אוּנ עֶס וֶוערְט מִיט אַמָאל אַ ווִילְד מְשׁוּנָה'דִיג גֶעזַאנְג: „טֶעלֶעסְיַא! טֶעלֶעסְיַא! טֶעלֶעסְיַא!;“ — דָאס רִיהפֶען דִיא בַּעֲלֵי-הַבָּיִת'טֶעס דִיא בְּהֵמוֹת אִין דִיא שְׁטִיבֶּער אַרַיין צוּ דִיא צִיבְּרֶעס, אוּם אוֹיסְצוּמֶעלְקֶען זֵייא . . . אוּנ טַאקֶע אִין אַ פֶערְטֶעל שָׁעָה אַרוּם וֶוערֶען שׁוֹין בֵּיידֶע צַיילֶען שְׁטִיבֶּער מִיט זֵייעֶרֶע צֶעפְּרָאלֶעטֶע טִירֶען פָּאכֶאזְשֶׁע אוֹיף אַ לַאנְגֶער שְׁטַאל מִיט צְוֵוייא רֵיאַדֶען כַּטָאִילֶעס, אוּנ וֶוער עֶס גֶעהט דֶערְמָאלְט דוּרְךְ דִיא גַאס, זֶעהט שׁוֹין אִין יֶעדֶער טִיעֶר טָארְטְשֶׁען אַ פֶערְדְרִיפֶּעטֶער בְּהֵמָה'שֶׁער אוּנְטֶער-חֵלֶק מִיט צְוֵויי פֶּערְדְרִיפֶּעטֶע אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּיס, לֵייבֶּען וֶועלְכֶע עֶס זִיטְצְט שׁוֹין אַיין אָנְגֶערִיקְטֶע קוּפְּקֶע מִיט אַ מֶעלְקְשֶׁאפֶּעל, אוּנ מֶע זֶעהט ווִיא צְוֵוייא דַארֶע פַארְבְּרֶענְטֶע הֶאנְד מַאכֶען אַרָאפּ אוּנ אַרוֹיף, אוּנ בַּיי אִיטְלִיכֶער שְׁוֶועל שְׁלָאגְט שׁוֹין אַ פַּארֶע פוּן אַ נָאר-וָואס פְרִישׁ-גֶעלֵענְטֶער קָפֶּה . . . פוּן אֵיינִיגֶע שְׁטִיבֶּער, דָארְט ווִיא דִיא בְּהֵמוֹת צִיהֶען אוֹיס דִיא מָארְדֶעס צוּ דִיא שְׁלָאפֶענְדִיגֶע נַאקִיטֶע פִּיפְּקֶעס אוֹיף דֶ-רֶ-עֶרְד, הֶערֶען זִיךְ שׁוֹין קְווִיטְשֶׁענְדִיגֶע אוּנ פִּישְׁטְשֶׁענְדִיגֶע וֵויינֶענְדִיגֶע קוֹל'עכְלִיךְ: „מַאמֶע, זִיא לֶעקְט מִיךְ!“ . . . „אוֹי מַאמֶע, זִיא סָאפֶּעט אוֹיף מִיר!“ „אוֹי אוֹי אוֹי מַאמֶענְיוּ, זִיא ווִיל מִיךְ דוֹרֵס זַיין!“ „אוּנ בְּעֵת מַעֲשֶׂה הֶערֶען זִיךְ פֶערְשִׁיעדֶענֶע פֶערְדִימְפֶּענֶע קוֹלוֹת פוּן דִיא טָאטֶעס אוֹיף דִיא קוּפְּקֶעס: „וֶועלְכֶע רוּחוֹת וָואזְגֶעסְטִי זִיךְ דָארְט מִיט אִיהר? מֶעלְק זִיא גִיכֶער אוֹיס אוּנ טְרַייבּ זִיא אַרוֹיס צוּן אַלֶדֶע שְׁוַוארְצֶע יָאהר!“ . . . בְּעֵת דֶער מֶעלְקֶענִינֶע שְׁטֶעהט שׁוֹין אוּנְזֶער בֶּעקַאנְטֶער לֵייבּ וָואלְצִ'ס פַאר זַיין שְׁטִיבּ אִין אַ גֶעקְנֵייטְשְׁטֶער פֶערְשְׁמָאלְצִיוֶועטֶער יַארְמֶעלְקֶע אִין פֶּעדֶערִין, אִין אַ צִיצֶענֶעם פַאסֶענְדִיגֶען חַאלַאט, מִיט אַ פָּאר פֶערְדַארְטֶע פָּאפֶּעצְיֶעס אָהן קָאבְּצִים, אוּנ אוֹיף זַיין פוּילֶען לַאנְגֶען גֶענֶעץ.

(נבנ"ל)

יאוועט זיך שוין תוך כדי דבור א גאנץ רעדעל ארום איהם; לייב וואלצים איז דער אלבעקאנטער פאטשטעטשיק אין וצוני, וואס צו איהם קומען אן אלע כימענעקורעס פון דער דרויסענדיגער וועלט נאך איידער עפעס האט זיך געטראפען ציא פערלאפען... אונ אלע אינדערפריא, כאור הבוקר, איז ער שוין אויף דיא פיס אונ איז מודיע פאר עטליכע געשווארינע בטלנים זיינע נייע פאטשטען, נאר וואס פון דער נאדעל ארויס... אבער אזוי נאר שלעגיש, נאר ראשי פרקים, אזוי, אויפ׳ן ווינק... אונ ערשט ארום עלף א זייגער, אין באד, לפני כל עם ועדה, דערצעהלט ער שוין דעם ענין בהרחבה מיט אלע פישטשעוועקעס... מיילא, אט שטעהט ער דא אין גאס צווישען דעם רעדעל מיט א לאנגען ציבעק צווישען דיא צאהן, מיט איין אריינגעשטעקטער לילקע אין אקוטיג פוכירענעם שקאר־מיץ, וויא ער לעגט דארט אן דיא קארענציעס אויסעגווייניג... אונ פופקעט דערוויל דעם ציבעק אזוי אומפארעכערטערהייט... ער פופקעט אונ דער צעהלט האלבע ווערטער מיט טייטען אונ ווינקען;.. אונ אלעס מיט א מין בעזפעטשנע גדלות, וויא א וועלט-דיפלאמאט... אונ אלע הארען, אונ שטוינען אונ שמאצקען אונ פיס׳טשען אונ מאכען ווילדע תנועות אונ הויות, אונ שאקלען איהם ציא ערענסט מיט דיא קאפף, גלייך וויא אויף זייןווארט אונ אויף זייער הסכמה שטעהט דיא גאנצע פאליטישע וועלט!...

דערביא קראטצט זיך דערווייל יעדער אויף איין אנדער ארט מיט איין אנדער מין זלידנישער מינע — אונ לייב וואלצים לילקע איז נאך אלץ ניט פערריכערט... בעת דער סציענא הייבען שוין דיא בעלי-הבית׳טעס אן טרייבען דיא בהמות אין טשערעדע, אונ דער גאנצער מארק-פלאטץ ווערט פול מיט א זשימעריא פון דער אלט-בעקאנטער מעלאדיא „הי י ד א“... ציא געהט ניט דיא קיה, ציא געהט זיא יא, ציא לויפט זיא אפילו אין טשערעדע אריין — דיא יודענע מוז אלץ זינגען דעם „הי י ד א“ וויא איין אווטאמאט, גלייך דער „הי י ד א“ איז עפעס נאר א מין הייליגע תפלה... איינע זעהט מען שטענדיג פערריקט דעם שלייער, אין איהר יונגעלס א טילעבעל אויף איין אקסעל, אינ׳ם מאנס אלטע פאפיציעס מיט אויסגעמילעטע זאדניקעס, מיט א ריטעל פונ׳ם בערעזעווע בייזעם אין דער האנד... זיא געהט האלב שלאפעריג, אונ מיט אלע כוחות חזר׳ט זיא אזוי געטרייא דעם „הי י ד א“, אז אפילו בעת אומקעהרען זיך עטליכע טריט נאך דער פערלוירענער פאפיציע פונ׳ם פיס אראפ, מורמעלט זיא אלץ אין זיך דעם „הי י ד א“ אזוי אויסענווייניג, גלייך זיא האט מורא מפסיק זיין ארגע, זיא זאל חלילה ניט פערגעסען דעם נסוח...

בעת דאס טשערעדע-טרייבעכץ הייבען זיך שוין אן יאוועט דיא סע־דעכעס אונ מארקזיטצערקעס: צום אלעם ערשטען זעהט מען דיא גרויסע

גראבע אומגעלימפּערטע גויות פונ׳ם חזיר׳שען מארק, אין פערסאלעטע קערטקעס, טראגענדיג אין צווייען אויף א קאראמיסלע גרויסע שוואַרץ־גלאנצענדיגע פארעווניקעס מיט יושקא אונ געזאטענעם חזיר אזוי כדבעי... אז דיא יודישע סעדעכעס האבען זיך שוין אויסגעזאטצט מיט זייערע באקעליך, קעשעליך אונ מילטערליך — הייבען זיך שוין אן ארומדרייען יודלעך מיט פאטשיילעס אונ יודענעס מיט קאשעקעס אין דיא האנד, אונ אין מארק ווערט א גאנעריא, א שעלטעריא, מיט א זידלעריא, ביז דיא יודען טראגען שוין אין דיא פאטשיילעס לעבעדיגע פלאטעצים, שלייענד־ליך אדער קארעסליך, אונ דיא יודענעס אין דיא קאשעקעס — ציבעלעס, קנאבעל, רעטיך, קארטאפליעס, אוגערקעס אונ שאר ירקות; היסטע בעל־הבית׳טעס טראגען לונג אונ לעבער פון דער יאטקע אויך, אונ גאר דיא געזונטע בעל־הבית׳טעס טראגען שוין א שטיקעל פלייש מיט א מארך־ביין אויך; אום פרייטאג טראגען אלע ווייבער שטיקלעך פוס אויף פּעציא; אלע קוקען זיך איינע דיא אנדערע אין קאשעק אריין אונ קרימען מיט דיא פיסקעס, אונ פרעגען זיך כלומר׳שט אויס דעם מקח, אונ דערווייל ספליאטקעט מען, אויף וואס דיא וועלט שטעהט... אונ בעת דער גאנצער מאכינאציא, איז וואו מע טהוט נאר א ווארף מיט איין אויג, זעהט מען שוין שכנא׳ן דעם אופיר: דא בעט ער א גראשען, דא א בינטעל ציבעלעס, דא הייבט ער אויף א יודענע, וואס איז געפאלען אונ האט זיך אויסגעוועכנעט דעם שינביין, אונ פיהרט זיא שוין אריין צום דאקטאר; דארט רייסט ער זיך מיט א קצב פאר דער פאלשער וואג, אונ דא ווייזט ער אן א שלעפער צו ר׳ אייזיקעל מכנים אורח׳ניק... דערווייל זעהט מען שוין בעלי־מלאכות לויפען מיט צונויפגעלעגטע ציצענע טלית־ותפלין־זאקליך אין דיא פערשיעדענע צעכאוואיע שיהלעכליך אריין דאווענען; דערנאך רוקען זיך שוין דיא פראסטע בעלי־בתים מיט היבשע געווענטענע טלית־ותפלין זאקען אין שוהל אריין; שפעטער אביסעל זעהט מען שוין דיא עדלע בעלי־בתים, שיינע יודען אונ יחסנים, מיט גרויסע, געפאסעטע קעלבערנע טלית־ותפלין זאקען, אין גרויסען בית־מדרש אריין; ארום ניין געהען שוין דיא דרייצעהן־פערצעהן יאהריגע יונגעלייטליך, איידעמליך, מיט נייא־זאנענע טלית־ותפלין זאקליך, אויף איטליכען אויסגענייט מיט בלוטשקע דער פרט פונ׳ם שנת החתונה מיט זיין נאמען. — דיא דאזיגע געהען מיט א סטאטעטשנעם־גדלות אין פערשיעדענע קלייזליך אונ בתי־מדרשים אריין. אין א האלבער שעה ארום געהען שוין דיא דינים, שוחטים, גמרא־מלמדים אונ אנדערע כלי קודש מיט טלית־ותפלין אונ זילבערנע שטעקענס — גלייך אין דער קלויז רבתא אריין, אונ ערשט ארום צעהן, האלב עלף זעהט מען זיך שוין קלויבען דיא חסידים, איינזקליך, מקבלים, בטלנים אונ אזוי הייסע

יוּדֶען , גְלַייךְ צוּם רַב אִין קְלַייזֶעל אַרַיין , אָבֶּער נָאךְ נִיט דַאווְנֶען ; פוּנ׳ם קְלַייזֶעל לוֹיפֶען זַייא פְרִיהֶער גְלַייךְ אִין בָּאד אַרַיין זִיךְ מֵכִין זַיין צוּם דַאווְנֶען . . . דָארְט קְלוֹיבְּט מֶען זִיךְ צוּנוֹיף אוֹיף דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאנְק , אוּנ ר׳ לֵיבּ וָואלְצִיס אִינְמִיטֶען , אוּנ מֶע טְרַאקְטִירְט אִיבֶּער אַלֶע דְרוֹיסֶענְדִיגֶע וֶועלְט-נַייסֶען בִּכְלַל אוּנ אִיבֶּער דֶער פָּאלִיטִיקֶע בִּפְרַט , בִּיז מֶע בַּאשְׁטַאט קִירֶה׳ן אוֹיפֶ׳ן יַם הַגָדוֹל , אוּנ דֶעם תּוֹגֵר מִיט יִשְׁמָעאלֶ׳ן בַּייא דִיא הָרֵי-חֹשֶׁךְ אוּנ דִיא אִיבֶּערִיגֶע מַלְכוּתִים לָאזְט מֶען כִּמְעַט גָאר אוֹיף הֶפְקֵר ; דֶענְסְטְמָאל וָוערְט צְוֶועלְף דֶער זֵייגֶער אוּנ מֶען לוֹיפְט שׁוֹין אִין קְלַייזֶעל אַרַיין דַאווְנֶען . . . אִין דִיא צְוֵוייא שָׁעָה פוּן צֶעהְן בִּיז צְוֶועלְף זֶעהט מֶען לוֹיפֶען בַּחוּרִים פוּן דִיא קְלוֹיזֶען אוּנ בָּתֵּי-מִדְרָשִׁים אִין דִיא שֵׁיינְקְלִיךְ אַרַיין נָאךְ שְׁקַאלִיקֶעס , שָׁאם , אוּנ שְׁלִישׁ , פַאר יָאהרְצַייטֶען , תִּקוּן אוּנ קֶערְמְעשְׁלִיךְ , אוּנ דָאס חֲסִידִישֶׁע קְלַייזֶעל הָאט זִיךְ אַ שֵׁיינְקֶעל בַּייא זִיךְ אַלֵיין אוּנְטֶערֶ׳ן שַׁמָשׁ׳ס שְׁלָאס . . . אִין דֶער גַאנְצֶער צַייט זֶעטְצְט דֶער רוֹיךְ פוּן אַלֶע וְצוָנִי׳ר קוּימֶענֶעס , וָואס מֶע קָאכְט דֶעם אָנְבַּייסֶען , אַחוּץ נָאר אִין דִיא שְׁטִיבְּלֶעךְ אוּנ זֶעמְלְיַאנְקֶעס , וואו מֶען לֶעבְּט דִיא גַאנְצֶע וָואךְ מִיט קְנָאבֶּעל , מִיט בְּרוֹיט , אוּנ וואו דָאס אִיז אוֹיךְ נִיטָא . . . אַזוֹי הוֹידֶעט זִיךְ אָפּ דִיא וְצוָנִי׳ר קַאלִיזְשֶׁע בִּיז הַאלְבֶּען טָאג , אוּנ דֶערְנָאךְ פַאלְט אוֹיף אַלֶע בַּעֲלֵי-בָּתִּים אַשְׁלָאף פוּן נָאךְ וַוארֶעמְס , בִּיז אַרוּם פִיהר בַּייטָאג , אַחוּץ נָאר וָואס דִיא יוּנְגְלִיךְ אִין דִיא חֲדָרִים זִיטְצֶען אוּנ חַזְרֶ׳ן כְּלוֹמֶרְשְׁ׳ט דֶעם שִׁיעוּר אוּנ אוּנְטֶען שְׁנִיטְצֶען זַייא דֶעם שְׁטָאלֶען פוּנֶ׳ם טִישׁ , אוּנ אַחוּץ דִיא בַּחוּרִים אִין קְלוֹיז , וָואס גֶענֶעצֶען דֶעמָאלְט אוּנ סְטְרוֹיעֶן אָפּ פְּלַאנֶעס , וִויא אַזוֹי אָנְצוּלֶערְנֶען דֶעם גַבַּאי מִיטֶ׳ן שַׁמָשׁ , אוּנ אַלֶץ אִיבֶּער דִיא אָפֶּענֶע גְמָרוֹת , אוּנ אַחוּץ אֵיינִיגֶע בַּעֲלֵי-מְלָאכוֹת , וָואס זִינְגֶען זִיךְ צוּ פוּילֶע לִיעדְלִיךְ אוּנ קָאנְטְשֶׁען דִיא שְׁטִיקְלִיךְ אַרְבַּייט . — נָאכְ׳ן שְׁלָאף טְהוּט זִיךְ דִיא קַאלִיזְשֶׁע וִוידֶער אַ קְלֵיינֶעם הוֹידֶע : דִיא מְלַמְדִ׳שֶׁע קַאנְטְשִׁיקֶעס אוּנ צִיבֶּעקְלִיךְ גֶעהֶען וִוידֶער אַ גַאנְג , דִיא תַּלְמִידִים גוּנֶערֶען אוּנ שְׁווִיטְצֶען אוּנ הַאלְטֶען זִיךְ בַּייא דִיא בַּאקֶען , בַּייא דִיא אַקְסֶלֶען אוּנ בַּייא דִיא זַייטֶען ; בַּייא דִיא בַּעֲלֵי-מְלָאכוֹת קָאכְט דִיא אַרְבַּייט ; דִיא בַּעֲלֵי-הַבַּיִת׳טֶעס רוּימֶען צוּ אִין דִיא שְׁטִיבֶּער ; קִינְדֶערְלִיךְ לוֹיפֶען אַרוּם אִין אֵיינֶע צֶעשְׁפָּאלְטֶענֶע הֶעמְדְלִיךְ אִין גַאס אוּנ שְׁפִּילֶען אִין זַאמְד ; עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער , בָּארְפִיס , מִיט מַייטֶעקְלִיךְ , שְׁפִּיעלֶען אִין תַּלְיָן-מֶלֶךְ-שֶׁלָךְ-גַנָב , אוּנ מֵיידֶעלִיךְ אִין טְשֵׁייבֶען ; דִיא קְלוֹיזְנֶער בַּחוּרִים טְהוּן אוֹיף אַ פָּאר שָׁעָה אַ נְעשְׁמַאקֶען לָעהֶרֶען ; דֶער חַזָן מִיט דִיא זִינְגֶערְלִיךְ שְׁטֶעלְט זִיךְ אוּיס אַ מִמְקוֹמְךָ אוֹיף שַׁבָּת-נַחֲמוּ , אוּנ דִיא סֶעדֶעבֶעס וָוארְטְשֶׁען זִיךְ נָאךְ אִיבֶּער מִיט עֶטְלִיכֶע קְלָלוֹת אוּנ הֵייבֶּען אָן צוּנוֹיפְלֶעגֶען זֵייעֶרֶע סְחוֹרוֹת אוֹיף אַ לַאד . אִין אַ פָּאר שָׁעָה אַרוּם גֶעהֶען זִיךְ דִיא בַּחוּרִים מִיט דִיא חֲדָרִים בָּאדֶען . בַּעֲלֵי-בָּתִּים קְלוֹיבֶּען זִיךְ רָעדְלִיךְ אִין גַאס אוּנ מֶע

רֶעדְט בִּנְעִימוּת וָוענֶען קָהָל׳שֶׁע עֲנִיִּים-אוּנ אַזוֹי פּוּסְטֶע זַאכֶען ; דִּיא בַּעֲלֵי-בָּתִּ׳טֶעס קְלוֹיבֶּען זִיךְ צוּא פִּינְף-זֶעקְס אוֹיף אַ פְּרִיזְבֶּע, אָדֶער אוֹיף אַ קְלָאטְץ בַּייא אַ שְׁטוּבּ, אוּנ אַרְבַּייטֶען זַאק, דְרֵייעֶן בַּאנְוֶועל, קְלוֹיבֶּען אַרְבֶּעס, פְּלִיקֶען פֶּעדֶערֶען, אוּנ סְפְּלִיעטְנִיעֶן פוּן דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאדְט. וַוייטֶער, וַוייטֶער וֶוערְדְט נַאכְט ; דִּיא סֶעדֶעכֶעס גֶעהֶען מִיט דִּיא מוּלְ-טֶערְלִיךְ אוּנ מִיט דִּיא קִינְדֶערְלִיךְ בַּייא דִּיא פָּארְטֶעכֶער אַ הֵיים, דִּיא וַוייבֶּער—אִין דִּיא שְׁטִיבֶּער אַרַיין, אוּנ דִּיא מַאנְסְבִּילִין—אִין דִּיא שׁוּהֲלֶען. בָּתֵּי-מִדְרָשִׁים אוּנ קְלֵייזְלִיךְ דַאוְוּנֶען מִנְחָה.

אַזוֹי גֶעהט עָס צוּ אִין דֶער וְצִוָנִי״ר מִיט-וֶועלְט הַיינְט אוּנ נֶעכְטֶען אוּנ מָארְגֶען אוּנ תָּמִיד! . . . אַלֶע קֶענֶען זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע פוּנ׳ם פַּארְךְ בִּיז דִּיא מַאזָאלִים דוּרְךְ אוּנ דוּרְךְ. אֵיינְס בַּיים אַנְדֶערֶען וֵוייסְט אֲפִילוּ, וָואס בַּייא אִיהם אִין טָאפּ קָאכְט זִיךְ ; וֶוער סְ׳הָאט מֶעהר לִיעבּ אַ שְׁווִיטְץ-בָּאד אוּנ וָוער וֶועניגֶער ? . . . וָועלְכֶע יוֹדֶענֶע אִיז אִין וִויפִילְטֶען חוֹדֶשׁ ? — וָואסֶערֶע סְפָרִים אִיז דָא בַּייא דֶעם אוּנ בַּייא יֶענֶעם בַּעַל-הַבָּיִת ? — וֶועלְכָער טַאטֶע שְׁלָאגְט דִּיא קִינְדֶער אוּנ וֶועלְכֶער שֶׁעלְט ? — וָואסֶערֶע וַוייבֶּער זַענֶען אֵשֶׁת-חַיִל׳ס אוּנ וָואסֶערֶע זֶענֶען דְרִיפְּקֶעס ? — וֶוער פָאהרְט וָוען אַוָועק, אוּנ וֶוען קוּמְט וֶוער צוּפָאהרֶען ? — וִויפִיל קְוָוארְט מִילְךְ גִיט יֶעדֶער קוּה אוּנ וִויפִיל—יֶעדֶער צִיג ? . . . אַכְּלַל מֶע קָאן זִיךְ, מֶע וֵוייסְט זִיךְ, אָפְּגֶעשׁוּנְדֶענְערְהֵייט, אוּנ מֶע שְׁווִימְט אַלֶע אִין דֶער לֶעבֶּענְס קַאלִיזְשֶׁע אַזוֹי זִיס אוּנ צוּפְרִיעדֶען, אוּנ סְ׳פַּאלְט קֵיין מָאל קֵיינֶעם נִיט אַיין : וָואס ? . . . וַוייל סְ׳שְׁווִימְט זִיךְ אַזוֹי בֶּעזְפֶּעטְשְׁנֶע דָאס גַאנְצֶע טוּמַאנֶע לֶעבֶּען, אַז קֵיינֶעם גְלוּסְט זִיךְ גָאר נִיט אָפְּצוּשְׁטֶעלֶען אַמִינוּט אוּנ הִינְטֶער-שְׁטֶעלִיג בְּלֵייבֶּען פוּן דֶער אָבְּשְׁטְשֶׁע טֶעטְשֶׁענְיֶע ! . . .

## 5.

## רֶעדֶעלִיךְ, בּוּלְבֶּעלִיךְ אוּנ בּוּלְבֶּעס.

אִיהר מֵיינְט אֶפְשַׁר, אַז אַזוֹי גְלַאט גֶעהֶען אָפּ אַלֶע טָאג אוּנ יָאהרֶען אִין וְצִוָנִי״ר מִיט-וֶועלְט אָהן אַשׁוּם גֶערוּדֶער אוֹיף דֶער לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע אַ חוּץ דָאס גֶעוֶועהְנְטְלִיכֶע הוֹידֶען ? — חָלִילָה ! עֶס מַאכֶען זִיךְ דַוְקָא אָפְּט אַזֶעלְכֶע פְּלוּצְלִיכֶע סְלוּטְשַׁייעֶן, וָואס מַאכֶען אָן רֶעדֶעלִיךְ אוֹיךְ אוֹיף דֶער קַאלִיזְשֶׁע, אוּנ אַזֶעלְכֶע, וָואס מַאכֶען אָן בּוּלְבֶּעלִיךְ אוּנ בּוּלְבֶּעס, אוּנ אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע, וָואס צוּבּוּיטֶען דִּיא קַאלִיזְשֶׁע אוֹיף סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת אוֹיךְ . . . נִישְׁמָעהר אָט דִּיא אַלֶע פְּלוּצְלִיכֶע סְלוּטְשַׁייעֶן קוּמֶען אוֹיךְ אַזוֹי פָּאחָאזְשֶׁע אֵיינְס אוֹיפְ׳ן אַנְדֶערֶען, אוּנ אַזוֹי אוֹיסְגֶערֶעכֶענְט פוּן דֶער הַשְׁגָחָה צוּ גֶעוִויסֶע צַייטֶען, אַז מֶע קֶען זֵייא גָאר כִּמְעַט נִיט רֶעכֶענֶען פַאר

פלוצליך, נאר פאר מחויב, וואס איטליכער דארף זיך רעכטען אויף זייא אלע טאג, אלע שעה, אונ אלע מינוט, אונ וואס פארגעהען ווידער, אזוי וויא זייא זענען געקומען, אונ דיא לעבענס-קאליזשע שטעלט זיך ווידער אפפ אין איהר שטיל'שטעהענדיגען מעמד כמקודם. אט לאמיר זיך דא צוקיקען דערוויל צו דיא סלוטשייען, וואס ריהפען נאר ארוים אויף דער לעבענס-קאליזשע ריידעליך, בולבעליך אונ בולבעס — וועלען מיר בעמערקען, וויא אלע האבען זייא כמעט איין בעשטימטע צייט; אזוי אשטייגער אין דערפריא צווישען 11-9 אונ פארנאכט צווישען 6-4 אזייגער. — מיילא פון דיא בעשטענדיגע, אהן-תרוץ'דיגע ריידעליך, בולבעליך אונ בולבעס, וויא למשל: דיא ל״ג-בעומר'דיגע הילולא דר שמעון בן יוחאי מיט איהרע שניטצעריין אונ לימענאציעס, סעודה-ליך אונ מארשירען אונטערען בריק מיט דיא פיילענבויגענס. צי פורים אונ שושן-פורים מיט דיא שלוח'מנות'ן, גראגערס, המן-קלאפליך, שייטהאלצער פארשטעלעכצען אונ פורים-שפיעל; ציא תשעה באב מיט דיא פליי-בייסלעך, בוזיקעס אונ קנאבעל-ווארפעריא; ציא בין יום-כפור לסוכות מיט דיא סכך-פייפעליך, לולב-פינגערליך אונ קאשעקליך אונ דיא וואקסענע פיגורעליך פון דעם נשאר יום-כפור לעכט; צי הושענא-רבה-נאכט מיט דיא קאלפא'ס, פעטש,לעכטליך אויף דער רייף אין טייך, דיא ביטלעך פארטאג אונ דיא הושענות-קלאפעריא, צי שמחת-תורה מיט דיא פאהנען, הקפות, גנבה'שע קראפען בייא דער מאמען, שכור'ן, הילעין, זינגען אונ טאנצען משוגע'נער-וויים; צי חנוכה מיט די דריידליך, צינגלעך, קאשעקעס, האלבער 12, לאטקעס, ווארעניקעס מיט'ן חנוכה-געלט; צי שבועות מיט'ן שאוועור,ריידליך, אף דין, קרעפליך אונ ווערטוטען; ציא פאר-פסח מיט דיא שמירה-לאפעטקעליך, כשר-שטיינער, מצות-באקען, שאבען, רייבען אונ גליהען, וכדומה אזעלכע מחויב'דיגע סלוטשייען . . . פון זייא איז דאך שוין גאר קיין רעדע ניט! נישמעהר מיר וועלען רעדען פון דיא סלוטשייען, וואס זענען גאר כלל ניט מחויב אין קיין שום אופן — אונ פאלען דאך אוים אין דער וצונ״ר מיט-וועלט אזוי רעגעלמאסיג כמו וויא מחויב! למשל: אין דערפריא, בעת דיא בעלי-בתים זיינען ביים דאוונען, דיא חסיד'ארניע אין באד, דיא ווייבער בייא דיא אויבענס, בעלי-מלאכות בייא דיא ווארסטעטען, דיא קינדער אין דיא חדרים, דער מארק-פלאטץ רוהעט זיך אביסעל אב פונ'ם ארמידער — דעמעלט פלעגען זיך אפטרעפען אזעלכע מינים סלוטשייען. פלוצים האט אקיה געגעהמען א יודען אויף דיא הארנער אונ טראגט איהם סטרים-האלאוואי אין מארק אריין! (אונ דאס מאכט זיך אפט נאר מיט א יא-דעשליווע) ; . . . פלוצים האט זיך דעם סטאנאוואים הונד אבגעריסען פון דער קייט; פלוצים לויפען אלע חדר-יונגלעך צו טויבעלע דער נגידה'סטע



האפען

חאפען ביינגעליך מיט לייקעכליך נאכ'ן אויסוויעגען דיא קאטץ אין איהר
איינִיקעלס נייא וויעגעלע; פלוצים האט א חזיר אויסגעריסען בייא זוסעלס
קינד דעם פידפאלעק מיט'ן האנדעל אינגאיינעם! ציא פליצעם האט זיך
דער שטאדט-צאפ געיאוועט פון א פריליקעץ ארויס דורך דער גרויסער
גאס גלייך אין מארק אריין, און לויפענדיג האט ער אנגעמאכט שווארץ-
שבת בייא דיא מולטערליך; פלוצים טראגט א דיענסט יודענע א גע-
קוילעטע הוהן אין מיטען דער וואך... ציא איוונגעל קויפט אין מארק
א זעמעלע—דא איז שוין געווים אימיצער פארשלאפט געווארען... ציא
למשל, צו נחמן קעבעבע אין איינפאהרהויז איז פלוצים פארפאהרען עפיס
א דייטש... אז גלאט איין אורח קומט אן קיין זצנ"י, ווערדט שוין
אויך א רעדעלע אויף דער לעבענס-קאליזשע, ווארום אלע זצנ"ר
יודען זענען ציקאווע צווויסען, ווער איז ער? פון וואנען פאהרט ער?
און וואס דארף ער היע? און כמעט אלע הייבען זיך אן שיטען צו'ן
איהם מיט שלום-עליכם'ס... נאר אז ס'קומט אבער גאר פלוצלים א דייטש,
אט דא איז שוין גאר עפיס אנדערש! — דיא גאנצע שטאדט מיט דיא
מענשען, בהמות, קעלבליך און ציגען ווערדט דאמאלט פארביטען
אויף א פראגע-צייכען: „א דייטש!?... ווער איז דער דייטש!?...
האסט איהם געזעהן?... איא א גלוח?... אודאי א-נ-אדעסער!? ער
האט שוין געדאווענט?... וואס זאגט נחמן"?... און קינד און קייט
באלאגערט דעמאלט דאס איינפאהרהויז, צו חאפען א קוק, א ווארט,
צי עפעס א שמאכטע, וואס דער דייטש ווארפט ארויס, און ביז ער
פאהרט ניט אוועק-הוידעט זיך דיא קאליזשע שטארקער וויא תמיד, און
דיא גאנצע צייט שלאגען ארויף בולבעליך אויף איהר. אט אזעלכע
סלוטשייען טרעפען זיך אפט אין דער פריה, ס'הייסט פאר האלבען
טאג; פארנאכט מאכט זיך שוין זעלטענער א סלוטשייא. פארנאכט קען
זיך מאכען, אשטייגער, אזא פלוצליכע זאך: דער בוהייא פון דער
טשערעדע איז אריינגעלאפען אין שטאדטיל; די קלויזנער בחורים האבען
צוטאסקעט אלע קיסלעצעם בייא דער קוואסניטשקעס מיידעל אהן
א גראשען פדיון... בייא אבא-מאיר-מענדעלס איז פלוצלים געפייגער'ט
דיא לענדערשע קוה; דיא בעהעלפערס פיהרען אלע יונגלעך פון דיא
דרדקי חדרים צו פעסי דער כרעמערקעס טאכטער אויף א קריאת-שמע
לייענען, ציא דער סאטסקי פיהרט א יודען אין סטאן וכדומה אזעלכע
סלוטשייען... א פרייטיגדיגער טאג טרעפען זיך שוין אפט אזעלכע מינים
סלוטשייען, וואס מאכען שוין טאקע אן גאנץ היבשע בולבעס אויף דער
זצנ"ר לעבענס-קאליזשע, וויא למשל: פלוצלים איז אנגעקומען א גרויסער
חזן מיט אכט משוררים; פלוצלים ווערדט א געשלעג צווישען חאנצי-
מירלען מיט איהר שכנה, און מע רייסט זיך בייא דיא שלייערס צום

רָב: חַאנְצִי-מִירֶעל טַעֲנָה'ט, זִיא הָאט דֶער שְׁכֵנָה אַנְטְלִיגֶען אַ גַאנְץ יוֹךְ-טֶעפֶּעל אוּנ זִיא הָאט אִיהר אָפּ גֶעגֶעבֶּען אַ שְׁטְשֶׁערְבַּאטֶע, אוּנ דִי שְׁכֵנָה שְׁוֶוערְט, אַז, רֵאשִׁית, הָאט זִיא אִיהר בְּפֵירוּשׁ אָפּ גֶעגֶעבֶּען אַ גַאנְץ טֶעפִּיל, שֵׁנִית, שְׁוֶוערְט זִיא, אַז אַזוֹי וִויא זִיא הָאט עֶס בַּייא אִיהר גֶעלִיגֶען שְׁטְשֶׁערְבַּאטֶע, אַזוֹי הָאט זִיא עֶס אִיהר אָבְּגֶעגֶעבֶּען שְׁטְשֶׁערְבַּאטֶע, וְהַשְׁלִישִׁית, שְׁוֶוערְט זִיא, אַז זִיא הָאט גָאר כְּלָל בַּייא חַאנְצִי-מִירְלֶען קֵיין טֶעפֶּעל נִיט גֶעלִיגֶען.. . פְּלוּצְלִים אַ-נ-אַנְגֶעלוֹיף! דֶער רָב הָאט זִיךְ אַיוֹי לַאנְג גֶעשְׁמִיסֶען אוֹיף דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאנְק, בִּיז עֶר אִיז חַלָשׁוּת גֶעבְּלִיבֶּען! צִיא פְּלוּצְלִים וֶוערְדְט מֶען גֶעוָואהר, אַז חַיָה-רִיקֶעל הָאט גֶעמַאכְט צְוֵייא קוּגְלֶען אוֹיף שַׁבָּת: אַ גֶעקְנֶעטֶענֶעם אוּנ אַ גֶעבְּלֶע-טֶערְטֶען — עֶפִּים הֲלֹא דָבָר!.. . וּכְדוֹמֶה אַזֶעלְכֶע סְלוּטְשַׁייֶען. נִישְׁמָעהר דָאס אִיז אַלֶץ פוּן דִיא קְלֵיינִיגְקֵייטֶען; אָט הֶערְט, וֶועל אִיךְ אַייךְ אָפּ-מָאהלֶען אַזֶעלְכֶע וִויכְטִיגֶע סְלוּטְשַׁייֶען, פוּן וָועלְכֶע דִיא וְצוֹנֵי'ר לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע בּוּיטֶיעט זִיךְ אוּנ קָאכְט, וִויא אִין אַ קֶעסֶעל, אוּנ דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאדְט גֶעהט חָאדָארָאם, גְלַייךְ ס'טְהוּט זִיךְ דָא עֶפִּים וֶועגֶען אַ-נ-עֶנְיָן, וָואס אִיז נוֹגֵעַ דֶער גַאנְצֶער וָועלְט אִין לֶעבֶּען אַרַיין — וֶועט אִיהר מִיר עֶרְשְׁט דֶערְמָאלְט מוֹדֶה זַיין, וִויא זִיס, וִויא צִיקַאוֶוע, אוּנ וִויא שְׁפִּילֶענְדִיג אִיךְ הָאבּ מִיר אָפְּגֶעלֶעבְּט מַיינֶע יוּנְגֶעלְשֶׁע יָאהרֶען אִין אַזַא שֵׁיין-חָלוֹם'דִיג װעלְטֶעלֶע, אוּנ וִויא אוּמְגְלִיקְלִיךְ אִיךְ בִּין, אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי פְּרִיה בֶּעדַארְפְט דֶערְפוּן שֵׁיידֶען!.. . נָאר קוֹדֶם כָּל מוּזְט אִיהר וִויסֶען, אַז אַלֶע וִויכְטִיגֶע סְלוּטְשַׁייֶען אִינֶ'ם פּוֹלִישׁ-יוּדִישֶׁען לֶעבֶּען טְהֵיילֶען זִיךְ אִין דִיא 4 פָאלְגֶענְדֶע קַאטֶעגָארְיֶעס: 1 פְּלִיצְלִיכֶע גְלִיקֶען אוּנ אוּמְגְלִיקֶען. 2 פְּלִיצְ-לִיכֶע פְּחָדִים אוּנ בֶּהָלוֹת. 3 פְּלִיצְלִיכֶע מַחֲלוֹקוֹת אוּנ גֶעשְׁלֶאגֶען, אוּנ 4 פְּלִיצְלִיכֶע חֲטָאִים אוּנ נִסִים מִן הַשָׁמַיִם.. . אוּנ דִיא אַלֶע פְּ לִ י צֶ עֶ מְ ס בְּלִיעסֶען אִין דֶער לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע אַזוֹי פִּינְקְטְלִיךְ אוּנ אֵיינְלִיךְ אֵיינְס אוֹיפְ'ס אַנְדֶערֶע, גְלַייךְ וִויא נָאר פוּן דֶער הַשְׁגָחָה פָארְאוֹיס בֶּערֶעכֶענְט אַזוֹי! אַז אַלֶע וָוערֶען עֶפֶּעס חוּא אַ חִיוּב מִדְאוֹרַיְיתָא, אָהן וָועלְכֶע קֶען זִיךְ כִּמְעַט נִיט בֶּעגֶעהן!.. .

## 6.

## גְלִיקֶען אוּנ אוּמְגְלִיקֶען — פְּחָדִים אוּנ בֶּהָלוֹת.

אָט שְׁטֶעל אִיךְ מִיר פָאהר מַיין וְצוֹנֵי'ר מִיט-וֶועלְטֶעל צוּרִיק מִיט דְרַייסִיג יָאהר, וִויא אַלֶעס אִין דֶער שְׁטִילְשְׁטֶעהֶעדִיגֶער לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע שְׁווִימְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטִיל אוּנ צוּפְרִיעדֶען אוּנ אִיז זִיךְ עוֹסֵק אִין זַיין עִנְיָן: דִיא בַּעֲלֵי-מְלָאכוֹת קְלַאפֶּען זִיךְ אַזוֹי פַיין אוֹיף דִיא קָאפִּיטֶען, קְלִינְגֶען

מִיטְ'ן שֶׁער אוּנ אַייזֶען, רִימְפֶּלֶען אוֹיף דִיא רִימְפֶּעלֶקֶעס, הוֹידֶען אוֹיף דִיא זְשָׁארְנֶעס, הִינְקֶען אוֹיף דִיא טָאטְשִׁילֶקֶעס אוּנ מַאכֶען מִיט דִיא זַייטֶען; דִיא וַוייבֶּער וַואשֶׁען דָאס גֶעפֶּעס אוּנ צֶעהלֶען דָאס קוֹיטִיגֶע גְרֶעט; דִיא בַּעֲלֵי-בָּתִּים אוּנ כְּלֵי-קוֹדֶשׁ חְרָאפֶּען גֶעשְׁמַאק נָאכְ'ן וַוארֶעמֶעס מִיט אָפֶּענֶע מַיילֶער אַרוֹיף; דִיא קְלוֹיזְנֶער בַּחוּרִים אוּנ בַּטְלָנִים קַאנַארְכֶען אִיבֶּער דִיא גְמָרָא'ס אוּנ מוּסָר-סְפָרִים; דִיא אֵיידֶעמְלִיךְ, יוּנְגֶעלַייטְלִיךְ טְרַייבֶּען הִינְטֶער-וַוייכֶם קַאטָאוָועסְלִיךְ מִיט זַייעֶרֶע וַוייבֶּעלִיךְ; דִיא דַרְדְקֵי מְלַמְּדִים טְרֶעסֶען מִיט דִיא קַאנְטְשִׁיקֶעס, אוּנ אַ צְוֵויא-דְרַייא יוּנְגְלִיךְ שְׁטֶעהֶען פֶּערְשְׁפִּילְיֶעט דִיא הֶעמְדְלִיךְ אִין קוּגֶע, אוּנ דִיא בֶּעהֶלְפֶערְס פִּיצְקֶען זֵייא אַלֶע מְאל אוּנְטֶער; דִיא גְמָרָא-מְלַמְּדִים זִיטְצֶען אוֹיבֶּענְאָן בַּייא דִיא חֲדָרִים-טִישֶׁען אִין פַארְגֶעהלְטֶע טַלִית-קָטָן'ס, מִיט דִיא צִיבֶּעקְלִיךְ אִין דִיא הֶאנְד אוּנ בִּינְטְלִיךְ בְּעראָזֶעוֶע רִיטֶער בַּייא דֶער זַייט, אוּנ קְנֶעלֶען; דִיא סֶעדָעכֶעס גֶענֶעצִין אוּנ וָוארְטְשֶׁען אִין זִיךְ נָאךְ עֶטְלִיכֶע קְלָלוֹת, אוּנ אַלֶעס אִין שְׁטֶאדְטֶעל אִיז זִיךְ אוֹיף זַיין אָרְט — פְּלוּצְלִים טְהוּט זִיךְ דִיא קַאלִיזְשֶׁע אַ שְׁטַארְקֶען הוֹידֶע אוּנ הֵייבְּט זִיךְ אָן בּוֹיטְיֶען... עֶפִּים רוּדֶערְט דִיא גַאס — וָואס אִיז פַאר אַ גֶערוּדֶער?... „אַ גְלִיק בְּנֶאֱמָנוּת!" — „אַ גְלִיק, וִויא אִיךְ בִּין אַ יוּד!" — „אַזַא גְלִיק טְרֶעפְט זִיךְ אֶפְשַׁר פַּעַם אַחַת בְּיוֹבֵל!" — „אַזַא גְלִיק הֶערְט זִיךְ נִיט אִין דֶער הַאלְבֶּער וָועלְט!" — „אָט אַ גְלִיק אַזוֹיא אוּמְגֶערֶעכְטֶערְהֵייט!... דֶעם רֶבִּי'ן הָאט זִיךְ — פָאהרֶענְדִיג פַארְבַּייא אוּנְז קֵיין זְוָואנֶעץ — פְּלוּצְלִים צוּבְּרָאכֶען אַיין אַקְס אִין דֶער קַארֶעטֶע, אוּנ עֶר הָאט גֶעמוּזְט צוּ'ן אוּנְז אַרָאפְּפָאהרֶען אוֹיף שַׁבָּת!...." „טַאקִי נָאר עֶפִּים אַ בֶּעזוּנְדֶער זְכִיָה פוּן דֶעם, וָואס לֶעבְּט אֵייבִּיג, וִויא אִיךְ בִּין אַ יוּד!..." „דֶער לַייב-גַבַּאי אִיז שׁוֹין אֲפִילוּ דָא!..." „אָט פִיהרְט מֶען שׁוֹין אֲפִילוּ דֶעם רֶבִּי'נְס פֶערְד!" — „אָט פִיהרְט שׁוֹין דֶער עוֹלָם דֶעם רֶבִּי'ן אַלֵיין אִין זַיין קַארֶעטֶע!" — „עֶר אִיז שׁוֹין טַאקִי דָא אִין אַ גוּטֶער שָׁעָה!" — „אִין אַ גוּטֶע אַ מַזָל'דִיגֶער שָׁעָה! עֶר אִיז שׁוֹין דָא! דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין דָא!..." דִיא קַאלִיזְשֶׁע בּוֹיטְיֶעט אוּנ קָאכְט עֶטְלִיכֶע טָאג כְּסֵדֶר וִויא אִין אַ קֶעסֶעל, בִּיז דֶער רֶבִּי פָאהרְט אַוֶועק, אוּנ דָאס גְלִיק וָוערְדְט פֶערְשְׁווִינְדֶען, אוּנ דִיא קַאלִיזְשֶׁע הֵייבְּט זִיךְ פַּאוָואלִי אָן אַיינְשְׁטֶעלֶען אוֹיף אִיהר אָרְט. —

אַזֶעלְכֶע פְּלוּצְלִיכֶע גְלִיקֶען מַאכֶען זִיךְ אָפְּט אִין וְצוֹנִי'ר מִיט-וָועלְט, וָועלְכֶע פַארְזִיסֶען אוּנ פַארְצִיהרֶען דָאס פְּשׁוּט'ע וָואכֶעדִיגֶע לֶעבֶּען אוֹיף אַ קְלֵיינֶער צַייט, אוּנ מִיר אַלֶע פִיהלֶען זִיךְ, דוּרְךְ זֵייא, עֶפִּים וִויא אוֹיפְגֶעפְרִישְׁט, וִויא נַייא גֶעבּוֹירֶען, אוּנ מִיר בֶּעקוּמֶען קוֹרַאזְשׁ אוֹיף וַוייטֶער צוּא שְׁווִימֶען אוּנ צוּבָּאכְרֶען זִיךְ אִין דֶער שְׁטִילְשְׁטֶעהֶענְדִיגֶער קַאלִיזְשֶׁע, בִּיז עֶפִּים אַ צְוַוייטֶעס פְּלוּצְלִיכֶעס גְלִיק. וִויא לְמָשָׁל: אַ גְלִיק — דָאס קֶעסְטֶעל בְּלִינְדֶע אֶתְרוֹגִים, וָואס מְ'הָאט גֶעקוֹיפְט פַאר דֶער קְלוֹיז-רַבְּתָא,

אִיז הֶעכֶער הַאלְבּ מוּבְחָרִים! — אַנְגְלִיק פוּן זַיין לִיבְּעַן נָאמֶען — דֶער אַקְצִיזְנִיק אִיז דֶערְטְרוּנְקֶען גֶעוָוארֶען!... אַ גְלִיק — דֶער גִילוּחַ הָאט זִיךְ סְקַאלִיטְשֶׁעט דִיא בָּארְד מִיט דֶער בְּרִיטְווָע, וִויא אַ חֲזִיר!... אַ גְלִיק, וָואס דֶער תּוֹגֵר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט אַרַיינְגַנְבָ'נֶען קַיין קַארְדָאן, הָאבֶּען דִיא זָעלְנֶער דֶערְזֶעהֶן אוּנ הָאבֶּען אִיהם גֶעחַאפְּט!... אַ גְלִיק — אוּנְזֶער וְצִוְנִי'ר גְבִיר הָאט זִיךְ מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶועהֶן מִיט אַ בַּעַל-שֵׁם'סְקִי אֵיינִיקֶעל!... א. ז. וו. —

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז פָארְגֶעקוּמֶען בַּייא דִיא פְלוּצְלִיכֶע וְצִוְנִי'ר אוּמְ־גְלִיקֶען, וֶועלְכֶע זֶענֶען שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוָוארֶען וִויא מְחוּיָב, אִיטְלֶעכֶער אִין זַיין צַייט, כְּדֵי צוּא צוּבּוּיטֶען אַבִּיסֶעל דִיא לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע אוּנ צוּדֶער־פְרִישֶׁען דִיא וְצִוְנִי'ר יוּדֶען פוּן זֵייעֶר פַארְטֶעכְלִיקַייט אִינְ'ם וָואכֶעדִיגֶען לֶעבֶּען... אָט אַשְׁטֵייגֶער מַאכְט זִיךְ אַ טָאג, וָואס דִיא קַאלִיזְשֶׁע אִיז שׁוֹין מַמָּשׁ פַארְגְלִיוֶוערְט, וִויא דְרִילְיֶעס, אוּנ ס'קוּמְט נָאר מְשׁוּגָּע וֶוערֶען פוּן סְקוּקֶע אוּנ פוּן פוּסְטֶעפַּאסְנִיקַייט, הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער — עֶס וֶוערְדְט פְּלוּצְלִים אַ גֶערוּדֶער אִין אַלֶע גַאסֶען אוּנ הִינְטֶערְגֶעסְלִיךְ: „אוֹי אַ-נ-אוּמְגְלִיק, עֶס זָאל זִיךְ גָאר נִיט טְרֶעפֶען!: בַּייא מִיכַל קְוַואשֶׁע אִין קֶעהלֶער הָאט זִיךְ זַאנַאדֶעט אַ לֶץ!... אָט אַ-נ-אוּמְגְלִיק: דֶער דַיָּן הָאט זִיךְ נָאר וָואס מֵבִין גֶעוֶועהֶן צוּם בִּעוּר חָמֵץ, עֶר טִיהְט זִיךְ אַ חַאפּ: נִיטָא דֶער פַאלָאנִיק מִיטְ'ן פְלֵיידֶערְווִישׁ! נָאר וִויא אִין וַואסֶער אַרַיין!... גְוַואלְד! אַזְאַ-נ-אוּמְגְלִיק הֶערְט זִיךְ נִיט אִין דֶער הַאלְבֶּער וֶועלְט: עֶרְשְׁט נֶעכְטֶען נָאךְ קַבָּלַת שַׁבָּת הָאט מֶען נָאךְ גֶעזֶעהֶען דֶעם עֵרוּב גַאנְץ — הַיינְט גֶעהט אַגְשׁ'ל פְלַאכְט אִין מִקְוָה אַרַיין, עֶר טִיהְט אַ קִיק: דֶער עֵרוּב אִיז צֶערְרִיסֶען!... אָט, נֶעבִּיךְ אַ-נ-אוּמְגְלִיק אוֹיף אַזַא זַיידֶענֶעם יוּנְגֶען־מַאנְן!: גֶעצֶעלֶע, נָחוּם-גְדַלְיָה'ס אֵייְדֶעמֶעל הָאט הַיינְט גֶענִיבֶּען דֶעם סוֹפֵר מַגִיהַ זַיין זַיינֶע תְּפִלִּין — אַוַדַאי אִיז אִינְ'ם שֶׁל-יַד לַחֲלוּטִין אָפְּגֶע־שְׁפְּרִינְגֶען דִיא עֶרְשְׁטֶע ט פוּן לְטֹטָפֹת! „אוּנ עֶר, דֶער עוֹלָה תְּמִימָה, דַאוֶוענְט שׁוֹין נֶעבִּיךְ אַ קַיילִיכְדִיג יָאהר אִין דִיא תְּפִלִּין"!... עֶפֶּעס גִיט אַשְׁטֵייגֶער, אַז גֶעצֶעלֶע אִיז אַ „קַרְקַפְתָּא דְלָא מָנַח תְּפִלִּין?... אַזַא-נ-אוּמְגְלִיק וִויא ר' חַיִים חַייקֶעלֶעס פְלוּגִיתְ'שָׁע הָאט גֶעטְרָאפֶען זָאל מֶען עֶס גָאר נִיט דֶערְלֶעבֶּען!: נֶעכְטֶען, גֶעהֶענְדִיג פוּן דֶער טְבִילָה, הָאט זִיא פְרִיעֶר בֶּעגֶעגֶענְט, רַחֲמָנָא לִצְלַן, אַ הוּנְד, דֶערְנָאךְ אַ חֲזִיר אוּנ צוּלֶעצְט דֶעם אַקְצִיזְנִיק יִמַּח שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ זָאל עֶר וֶוערֶען!... אָט אַ-נ-אוּמְגְלִיק, זָאל זִיךְ גָאר נִיט שִׁיקֶען, טְרֶעפֶען!: חַאנְצִי ר' שְׁלִיָאמְקֶעס אִיז הַיינְט גֶעוֶועהֶן בַּייא אִיהר טַאטֶען אוֹיף קֶבֶר-אָבוֹת, אַוַדַאי לִיגֶענְדִיג אוֹיפְ'ן קֶבֶר, הָאט זִיךְ אִין אִיהר אַרַיינְגֶעחַאפְּט אַ דִבּוּק!... אוּנ נָאךְ אַזֶעלְכֶע פְלוּצְלִיכֶע אוּמְגְלִיקֶען, פוּן וֶועלְכֶע דִיא וְצִוְנִי'ר מִיט-וֶועלְט גֶעהט עֶטְלִיכֶע טָאג חָאדָארָאם, אוּנ דִיא קַאלִיזְשֶׁע בּוּיטֶעט אוֹיף סַכָּנוֹת-נְפָשׁוֹת, בִּיז

דָאס אוּמְגְלִיק פַארְגֶעהט אוּנ דָאס לֶעבֶּען טְרָעט אַרַיין צוּרִיק אִין זַיין אוֹיסְגֶערִיבֶּענֶער קָאלְיֶע . . .

אַזוֹיא פְלֶעגְט זִיךְ אוֹיךְ מַאכֶען אַ מָאל פְלוּצְלִיכֶע פְּחָדִים אוּנ בֶּהָלוֹת. מֶע שְׁווַיינְט זִיךְ אַזוֹיא שְׁטִיל אוּנ בִּנְעִימוּת אִין דֶער שְׁטִילְשְׁטֶעהֶענְדִיגֶער לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע, אוּנ מֶע וַוייסְט גָאר פוּנְ'ם תַּעֲנוּג נִיט צוּא זָאגֶען — פְּלוּצְלִים פַאלְט אָן אוֹיף דֶער שְׁטָאדְט אַ מָרָה-שְׁחוֹרָה, וְוִיא אַ שְׁוַוארְצֶע, פִינְסְטֶערֶע חְמַארֶע, אוּנ וואו נָאר צְוֵוייא הֶערְט מֶען דִיא ווֶערְטֶער: „פְּחָדִים בְּנֶאֱמָנוּת! דִיא אַלְטֶע צֵייטֶעל הָאט הַיינְטִיגֶע נַאכְט אָפְּגֶערֶעכְט חֲצוֹת אִין וַוייבֶּערְשֶׁען שׁוּהְלְכֶען, הָאט זִיא אַלֵיין גֶעהֶערְט דוּרְךְ דִיא גְרַאטֶעס מִינֵי מְשׁוּנֶה'נֶע קוֹלוֹת פוּן מֵתִים, וְוִיא זַייא הָאבֶּען גֶעמַאכְט אַ בָּרְכוּ אִין שׁוּהְל! . . .“ אוֹיף אִיטְלִיכֶען הָאט דֶעמָאלְט גֶעצִיטֶערְט דִיא הוֹיט, חוּץ נָאר דָאס לִיטְווִישֶׁע לֶעהְרֶערִיל — ווָאס אִיז דֶעמָאלְס נִיט לַאנְג אָנְגֶע-קוּמֶען קַיין וְצוֹנֵי — עֶר אֵיינֶער הָאט עֶפִּיס קַיין מוֹרָא נִיט גֶעהַאט, אוּנ הָאט אֲפִילוּ גֶעדְרוּנְגֶען, אַז סְ'אִיז אַ לִיגֶען, ווָארוּם אִין פָּסוּק שְׁטֶעהְט: לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ יָהּ. (מֵתִים לוֹיבֶּען נִיט גָאטט). נָאר ווֶער הָאט אִיהם גֶעהֶערְט אִין דֶער לִינְקֶער פְּיַאטֶע אֲפִילוּ? . . . מֶע הָאט אִיהם נָאךְ גוּט אוֹיסְגֶעפַּאטְשׁ אוּנ אַרוֹיסְגֶעווָארְפֶען פוּנְ'ם בֵּית-מִדְרַשׁ אַרוֹיס. — „אוֹי אַ פַּחַד, אַיין אֵימָה, דִיא הָאר שְׁטֶעלֶען זִיךְ קַאפּוֹיר! דֶער בָּאדֶער זָאגְט, אַז חַאנְצִי דִיא טוּקֶערִין הָאט אִיהם אַלֵיין דֶערְצֶעהְלְט, אַז שׁוֹין אַ פָּאר גֶעכְט בַּאמֶערְקְט זִיא, וְוִיא צְוֵוייא גְרָאוֶע אוֹיגֶען שְׁטֶעקֶען אִין דֶער סְטֶעלִי פוּנְ'ם וַוייבֶּערְשֶׁען בָּאדֶעל, סַאמֶע בְּעֵת דִיא נָשִׁים גֶעהֶען טְבִילָה הָאבֶּען!“ . . . „סְ'אִיז גָאר אַ פַּחַד בְּנֶאֱמָנוּת! עֶפֶּעס שׁוֹין אַ פָּאר טָאג דְרֵייט זִיךְ דָא אַרוּם עֶפִּיס אַ-נ-אָפְּגֶערִיסֶען פְּרִיץ'ל אוּנ בֶּעט אַ בִּיסִיל בְּרַאנְפִּין אִין דִיא שֵׁיינְקֶען . . . אִיהר פַארְשְׁטֶעהט דָאס עֵסֶק? . . . סְ'אִיז אַוַדַאי אַ טַיינֶע רֶעווִיזָאר אוֹיף דִיא שֵׁיינְקֶען אוּנ פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ כְּלוֹמַר'שְׁט פַאר אַ בֶּעטְלֶער!“ . . . „גַאט אַייךְ גָאר אַ נַייֶע בֶּהָלָה אִין שְׁטָאדְט: חַאסְקִיל מָסוּר, ווָאס אִיז צוּרִיק מִיט אַ חוֹדֶשׁ גֶע-שְׁטָארְבֶּען, גֶעהט שׁוֹין אַרוּם אוֹיפְ'ן עוֹלָם-הַטוֹעֶה; הַאנְזִי, דִיא שִׁיקְסֶע, הָאט אִיהם הַיינְט פַארְטָאג גֶעזֶעהֶען בַּיים טַייךְ, בְּשַׁעַת זִיא אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאךְ ווַאסֶער, אוּנ אָט עֶרְשְׁט פַאר אַ פֶערְטִיל שָׁעָה הָאט אִים דִיא אַלְטֶע דָאבְּרֶעשְׁקֶע אַלֵיין גֶעזֶעהֶן הִינְטֶערְ'ן שׁוּהְל-בֵּית-עָלְמִין'דְעל“ . . . — אַ פַּחַד, אַ בֶּהָלָה! הַיינְט בַּיינַאכְט אִיז ר' קַלְמָן-מָרְדְכַי-משֶׁה'ס אַרוֹיסְגֶעפָאהְרֶען קַיין סְטְרִיזְשֶׁעווְקֶע אוֹיפְ'ן יָרִיד — אִינְגַאנְצֶען אַ הַאלְבֶּע מַייל — הָאט עֶס אִיהם, רַחֲמָנָא לִצְלַן, אַרוּמְגֶעפִיהְרְט דִיא גַאנְצֶע נַאכְט. אַז סְ'הָאט אַזְשׁ גֶעשְׁלָאגֶען אַ פִּינֶע פוּן דִיא פֶערְד . . . אוּנ עֶרְשְׁט צוּם טָאג, עֶר טְהוּט אַ קוּק — אִיז עֶר נָאךְ נָאר דָא אִין שְׁטָאדְט בַּייא דֶער גְרֶעבְּלִי!“ . . . וּכְדוֹמֶה אַזֶעלְכֶע פְּחָדִים אוּנ בֶּהָלוֹת, ווָאס פְלֶעגֶען פְלוּצְלִים קוּמֶען אוֹיף וְצוֹנֵי'ר יוּדֶען, בִּכְדֵי דוּרְךְ-צוּלוּפְּטֶערֶען זַייעֶר שְׁטֶעהֶענְדִיגֶע לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע, עֶס זָאל זִיךְ

חָלִילָה אִין אִיהר נִיט אַרַיינְחַאפֶּען דֶער גְרוֹיסֶער עִיפּוּשׁ. בַּאלְד הָאט מֶען טַאקִי, ווִיא דֶער שְׁטֵיינֶער אִיז, גֶענוּמֶען צוּא זֵייא אַלֶע שְׁטְרֶענְגֶע מִיטֶעל, ווִיא לְמָשָׁל: גוּטֶע יוּדֶען, בַּאבְּקֶעס, בַּעַל-שֵׁם׳ס, סְגוּלוֹת, הַשְׁבָּעוֹת, טָאטֶערְס, שְׁפְּרוּכֶען, פֶּעטְשׁ לְאַחַר-יַד, וּכְדוֹמֶה, אוּנ חָאטְשֶׁע עֶס הָאט צוּ׳ן אַ סַךְ אוּמְגְלִיקֶען נִיט גֶעהָאלְפֶען... דָאךְ אִיז מֶען מִיט דֶער צַייט צוּא זֵייא גֶעווֹאוֹינְט גֶעוָוארֶען אוּנ דִיא קַאלִיזְשֶׁע הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אִין אִיהר גֶעוֶועהְנְטְלִיכֶען צוּשְׁטַאנְד... צִיגְד וֶועלֶען מִיר בֶּעשְׁרַייבֶּען דִיא לֶעצְטֶע קַארְטִינֶעס[3]:

---

7.

## גֶעשְׁלֶאגֶען, מַחֲלוֹקֶת׳ן, חֲטָאִים אוּנ נִסִים.

רִיהֶרֶעווְדִיגֶער אוּנ צִיקַאוֶועדִיגֶער פְּלֶעג זִיךְ דִיא שְׁטִילְשׁ-וֶועהֶענְדִיגֶע לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע צוּשְׁפִּילֶען בַּייא אַ פְּלוּצְלִיכֶען גֶעשְׁלֶאג אוּנ מַחֲלוֹקֶת! מֶע קוּקְט זִיךְ אַרוּם אִין דֶער מִיט-וֶועלְט, דַאכְט זִיךְ — אַלֶעס אִיז שְׁטִיל, רוּהִיג, ווִיא נָאר אוֹיף אַ הֵיילִיג אָרְט, נָאר פְּלוּצְלִים, פוּן דֶער הָעלֶער הוֹיט, וֶוערְדְט אַ קָאךְ אִין שְׁטָאדְטֶעל: דִיא סַאדֶעגֶערֶער הָאבֶּען אוֹיף בַּיינַאכְט פֶערְשְׁלָאסֶען דֶעם שְׁטָאדְט-צַאפּ אִין דֶער סְקְווֶערֶער קְלוֹיז; דִיא סְקְווֶערֶער זֶענֶען פַארְטָאג דֶערְפוּן גֶעווָאהר גֶעווָארֶען, אוּנ הָאבֶּען טַאקִי פַּארְטָאג גֶעחַאפְּט אַ סַאדֶעגֶערֶער חָסִיד, נָאךְ אִין אֵיינֶע תַּחְתּוֹנִים, הָאבֶּען אִיהם גוּט גֶעבּוּנְדֶען רֵייטֶענְדִיג אוֹיפְ׳ן צַאפּ, אוּנ הָאבֶּען אִיהם אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין מַארְק אַרַיין; דֶער בִּידְנֶע רַייטֶער הָאט מִיט זַיינֶע בִּיטֶערֶע קוֹלוֹת אוֹיפְגֶעוֶועקְט דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאדְט, אוּנ ס׳אִיז גֶעווָארֶען אַ גֶעשְׁלֶאג צְווִישֶׁען דִיא בֵּיידֶערְלֵייא שַׁייקֶעס חֲסִידִים עַד לֵב הַשָּׁמַיִם, אוּנ דָאס הָאט אָפּ גֶעדָאוֶוערְט עֶטְלִיכֶע טָאג, בִּיז דֶער סְפְּרַאווְנִיק אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוּנ הָאט גֶעמַאכְט אַלַאד, אוּנ דִיא קַאלִיזְשֶׁע הָאט ווִידֶער גֶערוּהְט!... דֶעסְטְגְלֵייכֶען מַאכְט זִיךְ פְּלוּצְלִים אַ-נ-אַנְגֶעלוֹיף צוּם קָהָל-שְׁטִיבֶּעל; וָואס אִיז? דֶער סְבָארְשְׁטְשִׁיק מִיטְ׳ן קָהָל׳שֶׁען שְׁרַייבֶּער הָאבֶּען זִיךְ צוּפַּאטְשְׁט אוֹיף סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת. דִיא מַעֲשֶׂה דֶערְפוּן אִיז אַזוֹיא: דֶער סְבָארְשְׁטְשִׁיק הָאט גֶעהֵייסֶען דֶעם שְׁרַייבֶּער שְׁרַייבֶּען אַ בְּרִיף צוּ׳ן אַ וְצְוָנִי׳ר חוּץ אִין שַׁארֶעווְקֶע, פַאר וָואס עֶר צָאהלְט שׁוֹין צְוֵוייא יָאהר נִיט קַיין פָּאדַאט? אוּנ דֶער סְבָארְשְׁטְשִׁיק הָאט אִיהם בְּפֵירוּשׁ אָנְגֶעזָאגְט, עֶר זָאל אָנְהֵייבֶּען שְׁרַייבֶּען דֶעם בְּרִיף מִיטְ׳ן וָוארְט „כְּפִי" אוּנ דֶעם „כְּפִי" זָאל עֶר נָאךְ שְׁרַייבֶּען מִיט אַ גְרוֹיסֶער כּ״ף, כְּדֵי סְ׳זָאל יֶענֶעם רִיהֶרֶען בַּייא דֶער לֶעבֶּער... נֶעמְט דֶער קָהָל׳שֶׁער שְׁרַייבֶּער אוּנ הֵייבְּט גָאר אָן דֶעם בְּרִיף מִיט „הִנֵּה", אוּנ

אַז דֶער סְבָּארְשְׁטְשִׁיק הָאט אִיהם גֶעפְרֶעגְט: וָואס הֵייסְט דָאס? — הָאט עֶר נָאךְ מִיט עַזוּת גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז צוּם עֶרְשְׁטֶען מָאל טָאר מֶען יֶענֶעם נִיט פְרִיטְשְׁמֶעלִין דֶעם קָאפּ מִיט „כַּפִּי“... פַארְ'ן עֶרְשְׁטֶען מָאל אִיז „הִנֵה“ אוֹיף גֶענוּג, אוּנ אַז עֶר וֶועט נִיט פָאלְגֶען — אָ! דֶעמָאלְט קוּמְט אִיהם שׁוֹין „כַּפִּי“, וִויא מִיט אַ דָאבְּנְיַא, אִין קָאפּ אַרַיין... דֶער סְבָּארְשְׁטְשִׁיק הָאט דָאס נִיט אָנְגֶענוּמֶען אִין רֶעזְאָן אוּנ מֶע הָאט זִיךְ צוּא פַּאטְשְׁט... אוּנ גַאנְץ קָהָל גֶעהַט חָאדָארָאם.

וִוידֶער מַאכְט זִיךְ, וֶוען אַלֶעס אִיז שְׁטִיל אוּנ רוּהִיג — פְּלוּצְלִים אַ לְיַארֶעם אַ גֶעפִילְדֶער!... „וואוּ אִיז? — וואוּהִין לוֹיפְט מֶען עֶס?“... אִין מִקְוָה אַרַיין! — „וָואס אִיז דָארְט אַזוֹינְס גֶעשֶׁעהֶן?“ — עֶס הָאט אוֹיס גֶעבְּרָאכֶען אַ שְׁרֶעקְלִיךְ מַחֲלוֹקֶת צְווִישֶׁען דִיא שֶׁענְסְטֶע צְוֵוייא וְצִוְנִי'ר שְׁטָאדְט-בַּעֲלֵי-בָּתִּים, יַחְסָנִים אוּנ שֵׁיינֶע יוֹדֶען: ר' אַייזִיק יָעקֶעלֶעס אוּנ ר' יָעקֶעל אַייזִיקֶעלְס! — „פַאר וָואס אִיז?“ — אָט פַאר וָואס: דֶער בְּלֶעכֶער הָאט הַיינְט גֶעבְּרַאכְט דֶעם נַייעֶם סַאמָאוואר אוֹיף צוּא וַוארְמֶען מִיט אִיהם דִיא מִקְוָה אוּנ, וִויא מֶע הָאט שׁוֹין גֶעוָאלְט אַרַיינְשְׁטֶעלֶען דֶעם סַאמָאוַואר אִין מִקְוָה אַרַיין, אִיז פְּלוּצְלִים נִצְמַח גֶעווָארֶען אַ שְׁפַּארֶענִישׁ צְווִישֶׁען ר' אַייזִיק יֶעקֶעלֶעס מִיט ר' יָעקֶעל אַייזִיקֶעלְס; דֶער הָאט גֶעזָאגְט, מֶע זָאל שְׁטֶעלֶען דֶעם סַאמָאוַואר אִינְ'ם ווִינְקֶעל פוּן צְפוֹנִית-מִזְרָחִית, אוּנ דֶער הָאט גֶעזָאגְט: נֵיין, נָאר אִינְ'ם ווִינְקֶעל פוּן דְרוֹמִית-מַעֲרָבִית!... אַ וָוארְט פַאר אַ וָוארְט, בִּיז ס'אִיז גֶעקוּמֶען צוּא טַאטֶענְס-טַאטֶען, אוּנ דָא זָענֶען אָנְגֶעלָאפֶען דִיא קְרוֹבִים אוּנ גוּטֶע פְרַיינְד פוּן בֵּיידֶע צְדָדִים... נוּא, נוּא, מְהוּט זִיךְ עֶס אַ מַחֲלוֹקֶת עַד לֵב הַשָּׁמַיִם!... אוּנ נָאךְ אַזָעלְכֶע פְּלוּצְלִיכֶע גֶעשְׁלֶאגֶען אוּנ מַחֲלוֹקוֹת'ן, וְוִיא לְמָשָׁל: פַאר אַתָּה-הָרְאֵיתָ, פַאר גַבָּאוֹת, פַאר שׁוֹחֲטִים, פַאר דַיָנִים, פַארְ'ן חַזָן, פַאר עֲלִיוֹת, פַאר שְׁלוֹחַ-מָנוֹת'ן, פַארְ'ן אֶתְרוֹג אוּנ פַארְ'ן עוּקֶץ, אוּנ פַארְ'ן פִּטוּם. א. ז. וו.

זֶעהט אִיהר, מִיט דִיא פְּלוּצְלִיכֶע סוֹדוֹת'דִיגֶע חֲטָאִים אִיז שׁוֹין גָאר עֶפִּיס אַנְדֶערְשׁ גֶעוֶוען; דָא פְלֶעגְט זִיךְ עֶס דִיא קַאלְיָזְשֶׁע צוּשְׁפִּיעלֶען אוֹיף סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת, אַז ס'הָאט גֶעקְעהרְט דִיא וְצִוְנִי'ר מִיט-וֶועלְט מִיט אִיהר גַאנְצֶער סְבִיבָה, אוּנ הָאט אַלֶעס גֶעהוֹיבֶּען אִין דֶער לוֹפְט, אַזוֹיא אַז אַלֶע זָענֶען אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אוּנְטֶער דְ-ר-עֶרְד, אוּנ אֲפִילוּ אַ קִינְד אִין ווִיג הָאט אוֹיךְ בֶּעקוּמֶען דָאס דְרַיי-יָאהרִיגֶע קַדַחַת... אוּנ דָאךְ הָאבֶּען אַלֶע גֶעווּיסְט, אַז ס'אִיז אוֹיךְ נָאר אַיין אִיבֶּערְגַאנְג, אוּנ יֶעדֶער אִיז כִּמְעַט תָּמִיד מוּכָן וּמְזוּמָן גֶעוֶוען דֶערְצוּ. — פַאר אַ פְּלוּצְלִיכֶען סוֹד, אָדֶער אַ חֵטְא, הָאט תָּמִיד פְרִיהֶער גֶעמוּזְט קוּמֶען עֶפִּיס אַ מִין וִויכְטִיגֶע שְׁטְרָאף אוֹיף דֶער שְׁטָאדְט, וִויא לְמָשָׁל: דִיא תְּקִיעוֹת זָענֶען בֵּיידֶע טֶעג רֹאשׁ-הַשָּׁנָה נִיט גֶעגַאנְגֶען; גַאנְץ סוּכּוֹת לְיַאפֶּעט אַ רֶעגֶען; דָאס מֶרְחָץ אִיז אַיינְגֶעפַאלֶען; אַ סַךְ נְשָׁמָה-לִיכְט זָענֶען פַארְלָאשֶׁען גֶעווָארֶען יו"כ אִין

שוהל; מתים געהען ארום צוא חלום; א פאר נגיד'שע ווייבליך האבען מפיל געוועזען אין איין חודש; שדים האבען זיך געיאוועט אונטער דיא ליטאקעס; א פוהאטש ווינט עטליכע נעכט כסדר אויף דיא דעכער, וכדומה אזעלכע ביטערע גאטט'ס שטראפען. — אט דא ווערדט עס אמאל אינמיטען דערהיגען א שרעקליך שושקעריי אין אלע גאסין, געסליך און פרילקליך, ביז ס'ברעכט אוים מיט אמאל וויא אויף ערדציטערניש: „ארוים דער סוד! אז אך און וועה אויף אונזערע יאהר, וואס מיר האבען זיך דערלעבט אזא הולטייכקע וועלט! ניט אומזיסט שטראפט אונז אזויא דער אייבערשטער מיט זיין רעכטער האנד! גאט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט! איבער איין הולטייא, א ימח-שמוניק דארף א גאנצע שטאדט געהן קאפוט! — וויא אזויא זאלען זיך ניט לעשען דיא נשמה-ליכט, אז אזא הולטיאישקע, דזיאלקע דער יתום, מיט'ן פארך איבער דיא אויגען, וואס האט זיך בייא אונז איין געבעטען געכטיגען אין בית-מדרש פאר רחמנות, איז שוין העכער א חודש, אז ער טונקט ביינאכט סוחערעס אינ'ם נר-תמיד און פרעסט, ביז דער שמש האט איהם געחאפט און דער סוד איז ארוים!?... נוא, זאל מען איהם ניט ציקאטעווען אין פאליש, אז ריקעס בלוט זאלען פון איהם רינען?"... „וויא זאלען דיא שדים ניט טאנצען אונטער דיא ליטאקעס, אז דער קודלאטע בעהעלפער שפאצירט שוין דארט ארום אלע נאכט מיט'ן מלמד'ס מויד, ביז דער מיהלנער האט זייא ערשט נעכטען דערזעהן, און דער חטא איז נתגלה געווארען פאר גאנץ קהל!?... נוא, זאל מען איהם אט דעם טרפה'נעם ימח-שמו'ניק, ניט ארײנשטופען בעז סמשאט אין געוואנד ארײן?"... — „וויא אזויא זאל ניט וויינען דער פוהאטש אויף דיא דעכער, אז אזא שיבעניק, אפרים'צי דעם דיק'ס לעהרענט שוין א צייט תנ"ך אויפ'ן בוידעם פונ'ם קליינעם בית-מדרש'יל, און ס'איז ערשט נעכטען קוים ארוים דער סוד?!... נוא, דארף מען איהם ניט, אט דעם אפיקורס, ארײנווארפען א פופציג הייסע פאנטעפעל און אפשיקען צום רבי'ן אויף תשובה?"... „וויא זאלען עס געהען דיא תקיעות אומ-שטיינסגעזאגט, אז דער הולטייא, דער פאטשטאר, איז אין דיא גאנצע ניין טעג ארומגעפאהרען מיט א גלאק!?... און דעם סוד איז מען ערשט היינט געוואהר געווארען, פון מאטקי דעם אביעשטשיק, וואס האט איהם אליין געזעהן פאהרען בייא דער רויטער קרעטשמע מיט'ן גלאק"... „וויא אזויא זאלען דיא נשים ניט מפיל זיין רחמנא לצלן, אז דיא הולטייקע, חיה'לע ר' אייזיק יעקעלעס, האט מען היינט אין דערפריה געחאפט שטעהענדיג ביים שפיגעל מיט דיא האר אין דרויסען!... נוא, זאל מען אזא-נ-אויסגעלאזטע אשת איש ניט שטעלען אין קונע בפני כל עם ועדה, אז דער, וואס לעבט אייביג, זאל שוין אראפ נעמען זיין

גְרִימְצָארְן פוּן אוּנְזֶער שְׁטָאדְטֶעל, אוּנ מִיר זָאלֶען בַּאהִיט זַיין פוּן צַעַר אִיבֶּער אַזוֹינֶע פַארְבָּארְגֶענֶע הוֹלְטַייֶעס, יִמַח שְׁמוֹ׳נִיקֶעס ?״... אָט אַזֶעלְכֶע אוּנ נָאךְ אַזוֹינֶע כוֹדוֹת אוּנ חֲטָאִים שְׁווִימֶען פוּנְקְטְלִיךְ אִין זַייעֶר צַייט אוֹיף דֶער קַאלִיזְשֶׁע אַרוֹיף, אוּנ דֶערְנָאךְ גֶעהֶען דִיא צֶערֶעמָאנִיֶעס פוּנ׳ם מִשְׁפָּט׳ן דִיא הוֹלְטַייֶעס אוּנ הוֹלְטַייקֶעס, אוּנ עֶס קָאכְט אַזוֹיא לַאנְג, בִּיז דִיא קַאלִיזְשֶׁע שְׁטֶעלְט זִיךְ ווִידֶער אוֹיף אִיהר פְרִיהֶערִיגֶער שְׁטִילְשְׁטַאנְד וְהָעִיר וְצוֹנִ״י צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה!... נוּא, אוּנ פוּן דִיא פְּלוּצְלִיכֶע נִסִּים וְנִפְלָאוֹת אִיז דָאךְ נִיטָא, וָואס צוּרֶעדֶען — אִיהר וֵוייסְט שׁוֹין בּ״ה אַלֶע פוּן פּוֹלִישֶׁע נִסִּים וְנִפְלָאוֹת, וָואס זֶענֶען חוּץ מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע, ווִיא לְמָשָׁל: אַ נֵס, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעבָּארֶעט מִיט׳ן ס״ם אַלֵיין אוּנ הָאט אִיהם גוֹבֵר גֶעווֶען! — אֵלִיָהוּ הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פַאר׳ן סְטַאנָאווָאי אוּנ הָאט מַצִּיל גֶעוֶוען דִיא יוּדִישֶׁע פֶּעקֶעל-מַאכֶערְס פוּנ׳ם סָאטְסְקֶעס הַאנְד אַרוֹיס... קָהָל הָאט בֶּעדַארְפְט גֶעהֶען סַאמְבִּיר אִיבֶּער פַאלְשֶׁע בִּיכֶער, וָואס זֶענֶען גֶעלֶעגֶען אִין קָהָל׳ס-שְׁטִיבֶּעל פֶּערְהַתְמָה׳ט מִיט׳ן סְפְּרַאווְנִיק׳ס חֲתִימָה, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעטְהוּן אַ נֵס מִן הַשָּׁמַיִם — דָאס שְׁטִיבֶּעל מִיט דִיא בִּיכֶער מִיט הַכֹּל בַּכֹּל, זָענֶען אִין אֵיין הֶרֶף-עַיִן אַוֶועק מִיט׳ן פַייעֶר!... וּכְדוֹמֶה אַזֶעלְכֶע טוֹיזֶענְטֶער נִסִּים וְנִפְלָאוֹת, וָואס אִיטְלִיכֶער אִיז פוּנְקְטְלִיךְ גֶעקוּמֶען אִין זַיין צַייט צוּא פֶערְזִיסֶען אוּנ פַארְצִיהֶרֶען דִיא שְׁטִילְשְׁוַוייגֶענְדִיגֶע וְצוֹנִ״י׳ר לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע אוֹיף עֶטְלִיכֶע טֶעג, אוּנ אִיז זִיךְ ווִידֶער צוּרִיק אַוֶועק אִין זַיין רוּהַ אַרַיין, בִּיז אַ צְווַייטֶער נֵס וֶועט קוּמֶען... אוּנ אָט אַזַא זִיס, שְׁטִיל, צוּפְרִידֶען, שֵׁיין, צִיקַאוֶוע וָועלְטֶעלֶע, מִיט דִיא אַלֶע אִיהרֶע פְּלִיטֶערְלִיךְ אוּנ בְּלוּמֶערְלִיךְ, הָאבּ אִיךְ, צוּא פֶערְצֶעהן יָאהר אַלְט, פַארְלוֹירֶען בְּחִנָּם אִיבֶּער מַיין נַארִישֶׁער פְלוֹינִית׳טֶע!...

8.

# טַאקֶע נָאר מַעֲשֵׂה שָׂטָן!

הַגַּם אִין אוּנְזֶער אַמָאלֶעדִיגֶען גֶעבֶּענְטְשְׁטֶען פּוֹילֶען הָאט נָאךְ דֶער פָּסוּק „וְאֶל אִישֵׁךְ תְּשׁוּקָתֵךְ וְהוּא יִמְשָׁל בָּךְ״ גֶעשְׁפִּיעלְט זַיין מַעֲשֵׂה-בְּרֵאשִׁית׳דִיגֶע רָאלֶע גָאר אוֹיפ׳ן שְׁרֶעקְלִיכְסְטֶען אוֹפַן!: דֶער מַאנְן גָ א ר אוּנ דָאס וַוייבּ גָ א ר נִ י ט!... אוּנ הַגַּם דָאס קְלֵיינֶע, שְׁוַוארְצֶע, פֶּערְסְמָארְקֶעט, 13-יָאהְרִיגֶעס יוּנְגֶערְמַאנְטְשִׁיקֶעל הָאט גֶע׳יִחוּס׳ט מִיט׳ן נָאמֶען „מַ א נְ סְ בִּ י ל״ אוּנ דִיא הוֹיכֶע שָׁאנֶע, טְשֶׁעפֶּקֶע 14-יָאהְרִיגֶעס וַוייבֶּעלֶע הָאט גֶע׳בָּטוּל׳ט מִיט׳ן נָאמֶען „אִשָּׁה״ ס׳הֵייסְט שָׁאאף וָואס אִיז מְחוּיָב צוּא צוּזֶעהן פוּן אִיהר יַם-קוּטֶער אַלֶע זַיינֶע מָאוּסֶע תְּנוּעוֹת אוּנ צוּא צוּהֶערֶען

פוּן אִיהם זַיינֶע זְלִידְנִישֶׁע עַזוּת'דִיגֶע וֶוארְטֶערְלִיךְ אוּנ קַאטוּעֶסְלִיךְ אוֹיף אִיהר סְטְשָׁאט, אוּנ זַיין בַּייא אִיהם אַיין עֶבֶד עוֹלָם אוּנ נָאךְ מוּזֶען אָנְ־קְוֶועלֶען קִיקְעֶנְדִיג אוֹיף אִיהם אַלְס אוֹיף אִיהרֶען עוֹלָם-הַבָּא פֶערְזָארְגֶער... אוּנ אָט דֶער מִין מַאנְסְבִּיל הָאט זִיךְ נָאךְ צֶערֶעמָאנְיֶעט צוּרֶעדֶען, צוּקוּקֶען אוֹיף זַיין פְלוֹנִית'טֶע אַ יָאהר נָאךְ דֶער חֲתוּנָה, אוּנ צוּ נֶעמֶען פוּן אִיהר הַאנְד אֶפְשַׁר דְרַייא יָאהר נָאךְ דֶער חֲתוּנָה, אוּנ הָאט זִיא גֶערוּפֶען „הָארְכְסְטוּ“, אָהן אַ נָאמֶען, כִּמְעַט דָאס גַאנְצֶע לֶעבֶּען... וּבִפְרַט נָאךְ אִיךְ, תַּכְשִׁיט, וָואס מִיךְ הָאט מֶען דָאךְ גֶענוּמֶען פַאר אַ חָשׁוּב בָּחוּר'ל, אַ עִלוּי, אַ יַחֲסָן, פוּן צַדִיקִים יְסוֹדֵי עוֹלָם, אוּנ אַגוּטֶען-יוּדִישֶׁען-רָבִּ'ס אַ זוּהן — בִּין אִיךְ דָאךְ אַוַדַאי תַּקִיף מִיט מַיין קְלַיין, שְׁוַוארְץ, דַאר פִיגוּרֶעלֶע אַקֶעגֶען מַיין גֶעווִיקְסִיגֶער, שֵׁיינֶער, אוֹיסְגֶעפּוּצְטֶער פְלוֹנִית'טֶע!... נָאר דֶער רוּחַ וַוייסְט מִיךְ, וָואס מִיט מִיר אִיז אַזֶעלְכֶעס גֶעשֶׁעהֶן? עֶפִּיס פוּן נָאךְ מַיין חֲתוּנָה אָן, הָאט זִיךְ מִיר עֶפִּיס נָאר גֶעוָואלְט גֶעפֶעלֶען דֶער פְלוֹנִית'טֶע מַיינֶער, אוּנ נוֹשֵׂא חֵן זַיין בַּייא אִיהר אִין דִיא אוֹיגֶען!... אֱמֶת, אִיךְ הָאבּ גֶעוְוּיסְט דֶעם גְרוֹיסֶען חֵטְא דֶערְפוּן אַקֶעגֶען גָאט אוּנ אַקֶעגֶען לַייט, אַקֶעגֶען יוּדֶעשְׁקַייט אוּנ אַקֶעגֶען דֶעם דִין פוּן מַאנְסְבִּיל... אוּנ אִיךְ הָאבּ זִיךְ טַאקִי בֶּאֱמֶת גֶעסְטַארֶעט בְּכָל מַאֲמַצֵי כֹּחַ, נָאכְצוּטְהוּן אַלֶע יוּנְגֶעלַייטְלִיךְ מִיט נִיט-רֶעדֶען, נִיט-קוּקֶען אוֹיף אִיהר, אוּנ מִיט שְׁטֶעלֶען פוּן זִיךְ אַ טָאן פוּן מַאנְסְבִּיל... נָאר אִין זִיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעפִיהלְט, אַז אִיךְ שְׁטַארְבּ מִיט אַלֶע אֵבָרִים אַ קוּק צוּטְהוּן אוֹיף אִיהר לֶעכְטִיג פָּנִים, אוֹיף אִיהרֶע זִיסֶע פָּאסְטֶעמְקֶעס, אוּנ גֶעה אוֹיס פוּן דִיא כּוֹחוֹת, אַז זִיא זָאל אוֹיף מִיר אַ גוּטֶען קוּק טְהוּן... אוּנ אִיךְ הָאבּ טַאקִי הִינְטֶערְוַויילֶעכְס גֶעחַאפְּט אַ קוּק אוֹיף אִיהר אוּנ אַ רִיהר אִין אִיהר מַלְבּוּשׁ, אָבֶער פוּן אִיהר זַייט הָאבּ אִיךְ קֵיין נַחַת נִיט אַרוֹיסְגֶעזֶעהֶן; ס'הֵייסְט, אִיךְ הָאבּ אִין אִיהרֶע הַנְהָגוֹת גֶעגֶען מִיר בַּאמֶערְקְט, אַז מִיךְ גוּפָא הָאט זִיא דַוְקָא נִיט פַיינְד, נָאר אוֹיף מַיין זִיסֶען הוֹלֵךְ מִיטְ'ן צֶעחְרַאסְטֶעטֶען הַארְץ, מִיט מַיינֶע חֲסִידִישֶׁע תְּנוּעוֹת קוּקְט זִיא עֶפִּיס קְרוּם, עֶס הָאט מִיךְ אִין פְלוּק אֲפִילוּ פֶערְדְרָאסֶען: נָאךְ אַמָאל, וִויא הֵייסְט?... זִיא... פְלוֹנִית'טֶע... קוּקְט קְרוּם אוֹיף מִיר... מַאנְסְבִּיל... אוּנ אִיךְ, יַחֲסָן, חָסִיד'שֶׁער יוּנְגֶער מַאן אוּנ רָבִּ'ס זוּהן, וֶוער בָּטֵל דֶער פַאר?... אַוַדַאי הָאט מִיךְ דִיא מַחֲשָׁבָה פוּן וֶועלֶען גֶעפֶעלֶען אוּנ יוֹצֵא זַיין פַאר אַ-נ-אִשָּׁה... פַאר מַיין פְלוֹנִית'טֶע... גֶעקְרֶענְקְט אִין טִיפֶען הַארְצֶען, אוּנ אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעפְּרִיוְוט בְּרִיָה'ן אוּנ מֶעשֶׁען זִיךְ גֶעגֶען אִיהר... אָבֶער אוּמְזִיסְט! אַיין קוּק אִיהרֶער הָאט מִיךְ מְבַטֵל גֶעוֶוען כִּקְלִיפַּת-הַשׁוּם, אוּנ נָאךְ אַ קַיילֶעכְדִיג יָאהר בָּארֶען זִיךְ גֶעגֶען אִיהר, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעמוּזְט אוּנְטֶערְגֶעבֶּען אִיהר רָצוֹן, וֶועלְכֶע זִיא הָאט מִיר נָאר אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען מִיט אַ שְׁטָאלְצֶען, פֶערַאכְטִיגֶען, אַ רַחֲמָנוּת'דִיגֶען קוּק... אִיךְ וָואלְט מִיךְ נָאךְ אֶפְשַׁר גֶעוֶוען גֶעבָּארֶעט אַ צַייט, נָאר

צום אומגליק האט זיך אונטערגעחאפט דאס ליטווישע לעהרערעל; אונ דאס איז מיר שוין אזוי דערגאנגען צום הארצען, אז איך האב לחלוטין פארגעסען אין מיין פראווא מאנסביל אונ דער שטן האט גענומען דעם ווערך!... פארשטעהט איהר מיך: דאס ליטוויקעל פלעג אלע טאג דורכגעהן איבער'ן יאר צו דיא צווייא דרייא דייטשען, וואס וואוינען דארט, אויף שטונדען, אונ כפי דעם טאטענס שטוב מיט'ן קלייזעל האבען געהאט צווייא פענסטער צום יאר, אונ כפי איך פלעג אפט קוקען פונ'ם קלייזעל אויפ'ן יאר, אונ מיין פלונית'טע פלעג אויך קוקען אהין דורכ'ן שטוב-פענסטער, וועלכע זענען געוועזען איבערגעשאליוועט מיט ברעטליך פאר אמחיצה צווישען דער שטוב מיט'ן קלייזעל, האב איך עפים אנגעהייבען הערען, אז תמיד, אין דער מינוט, ווען דאס ליטוויקעל געהט איבער דעם יאר, טוהט דארט מיין פלונית בייא איהר פענסטער א זיפטץ, אט דאס האט מיך שוין אנגענומען ביים הארצען... אונ איך האב בייא זיך געפועל'ט, אז איך מוז זיך מיט איהר אויג אויף אויג דורכרעדען מכח דעם גאנצען ענין... אונ דאס האט באדארפט זיין מיין ערשטער שמועס מיט איהר פאר א קיילעכדיג יאהר נאך דער חתונה. מילא וויא אזוי מיר איז אנגעקומען דאס ערשטע מאל רעדען מיט איהר, אונ וויא אזוי דער שמועס האט זיך געפיהרט צווישען אונז, דערפון איז ניט דא דאס ארט צו רעדען אונ טאקי ניט נאטהיג... דער עיקר איז דאך אייך נאר צו וויסען דעם היוצא לנו מזה, מיט וואס אונזער שמועס האט זיך געקאנטשעט, אונ דאס, מיין איך, פערשטעהט איהר שוין אליין... נאר אולי, טאמער שטויסט איהר זיך נאך אלץ ניט אן, מוז איך אייך אין קורצען איבער געבען איהר מיינונג וועגען מיר: מיך האט זיא כלל גאר ניט פיינד, נאר דאס הארץ רייסט איהר, קוקענדיג אויף מיין פליאסקעדריגישער הולך, מיט מיינע מאוסע תנועות אונ הויות אונ דאריבער טהוט זיא תמיד אזיפטץ, קוקענדיג אויפ'ן ליטוועקעל, ווייל זיא קרייענקט אין דער זיבעטער ריפ, פאר וואס זאל איין ארעם לעהרעריל געהען אזוי טשעפקע, ריין אונ זויבער ארום זיך, אונ איהר מאן זאל זיין אזא נאחליע אונ א פנים האבען פון א שווארץ יאהר?... אונ ווידער, פאר וואס זאל אזא פארוואגעלט ליטוויקעל האבען אין זיך אזוינע בנעימות'ע, סטאטעטשנע פאסטעמקעס, אונ איר מאן זאל זיין אזוי ווילד, וויא א ציג?... איהר קאנט פארשטעהן, וויא וויט דיא רייד איהרע האבען בעליידיגט אונ מבטל געוועזען מיין מאנסביל'שען כבוד אונ שטאלץ, אונ וויא וויט זייא האבען מיך געשטאכען אין דער זיבעטער ריפ!... חוץ וואס זיא האט דאך דא פשוט גערעדט גאר וויא אפריצה... גאר ניט וויא קיין יודעש קינד, רחמנא ליצלן! אונ נאך א גוטען-יודישען רב'ס אשנור!... אונ באמת האב איך טאקי כמה פעמים, בעת אונזער

שמיעס, אטראכט געטהון מכח דעם ענין, אז על פי דין תורה און על פי יושר און על פי חסידות קומט איהר גט אהן כתובה, און האב עס טאקי געטראכט, איך זאל עס מקיים זיין פונקטליך, וויא מיר, חסידישען יונ־גענמאן, שטעהט אן... נישמעהר איהרע ווייכע, זיסע רעד, מיט איהרע שיינע פייעריגע אויגען, מיט וועלכע זיא האט געקוקט אויף מיר, האבען מיך אזוי פריטשמעליט, אזוי איינגענארט, אזוי איינגעקויפט און אזוי צוגעצויגען צו זיך, אז איך האב לחלוטין פארגעסען אין אלע דין-תורה׳ס און מדות-חסידות, און אין איין הרף-עין האב איך מיך מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען דער יצר-הרע אין דיא לאפקעס אריין, וויא א געבונדענע שאף!... אויף מארגען- פארשטעהט זיך-האב איך מיך שוין בעקאנט מיט׳ן ליטווישען לעהרעריל, און האב מיין נשמה פארקויפט דעם שטן בחנם, בלא דבר!... און אזוי איז אוועק דיא זיסע, שטילע, צופריעדענע, ציקאוועדיגע לעבענס-קאליזשע, וויא א גאלדענער חלום!... אוועק מיינע קליינע, עהרליכע, נישטיגע השגות און פרעטענזיעס!... מיר איז שוין צו ענג געווארען דיא וצונגי׳ר מיט-וועלט... איך בין שוין פול מיט קשיות אהן תרוצים אויף זייא... קשיות, וואס טריקענען דעם קאפ, טאטשען דאס הארץ און פארמארען דאס לעבען... אכלל, איך בין שוין אין הארצען געווארען א חסיד-משכיל און אין קאפ- שוין א האלבער דייטש... מיין קאליזשע שטינקט מיר שוין, מיין וצונגי׳ר לופט שטיקט מיך שוין; אט, אט ווער איך דערווארגען!... על כן מוז מען וויא גיכער פון דאנען אנטלויפען, און פאר אנטלויפען איז דאך דאס איינציגע ערי-מקלט, נאר די גרויסע ליארעמדיגע, געאכפערטע שטאדט, וועלכע איך האב מיר אויסענווענדיג פארגעשטעלט דעם אמת׳ן „אויפן הימעל א יריד"... וואו השכלה פארקויפט זיך א גראשען דער פוד, און הארץ קריגט מען נאך גרינגער, וויא ביי אונז אין יאטקע לונג און לעבער!... און קוים מוז איך און דארף אהין פאהרען – מוז מען זיך דאך פארגרייטען אקעגען דיא דארטיגע משכילים מיט עפיס נאך כחו׳ה א חוץ תלמוד ופוסקים... בכדי איך זאל זיך מיט עפיס איינקויפען ביי זייא – נוא, נוא, אודאי האב איך אנגעהייבען קלויבען פרעמדע חכמות, מליצות, שירים, חדות, מאדנע פשטליך, שיינע טייטשען, ראשי-תבות׳ן, גמטריאות און נוטריקון... אליין האב איך אויך עפיס אויפ-געטהון מיט מיין שכל, און וויא נאר דער זאפאס איז ביי מיר פארטיג געווארען, וואליאי צו טוביה דעם בעל-עגלה מיט׳ן אויסרעד פון׳ם גט... און אדיע מיינע שטילע, גילדענע יונגעלשע יאהרען!... אדיע מיין שפיגעלגלאטע, שטילשטהענדיגע, פארכשוף׳טע לעבענס-קאליזשע בכלל און מיין טהייער, זיס, יודעש וועלטעלע בפרט!... אדיע אויף אייביג שוין ניט צום ווידערזעהן!...

(גמנ״ל)

מיין

9.

# מַיין יודישֶׁע וֶועלְט.

אַךְ, וִויא גוּט אוּנ גֶעשְׁמַאק אִיז מִיר יוּנְגֶעלְוַויִיז גֶעוֶוען צוּא שְׁווִימֶען אִין דָער לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע, אוּנ מֵיינֶען גַאנְץ בִּתְמִימוּת, אַז דָאס שְׁווִים אִיךְ אִין מַיין אַייגֶענֶער וֶועלְט — אִין אַיוּדִישֶׁער וָועלְט!... אוּנ וִויא הָאבּ אִיךְ דֶען גֶעוָואלְט, צִיא גֶעקָאנְט אַנְדָערְשׁ מֵיינֶען, אַז דָאס אַלֶעס, וָואס אִיךְ הָאבּ מִיךְ דֶערְלֶעהֶרֶענְט אִין מַיין יוּנְגֶעלְשֶׁען שְׁטוּדְיוּם — אִין תַּלְמוּד, מְדְרָשִׁים אוּנ מוּסָר-סְפָרִים — דָאס זֶעלְבֶּע הָאבּ אִיךְ אִין מַיין יוּנְגֶעלְשֶׁער פְּרַאקְטִיקַא מִיט דִיא אוֹיגֶען גֶעזֶעהֶן?! — אִין דִיא אַלֶע מִינִים סְפָרִים הָאבּ אִיךְ מִיךְ דֶערְלֶעהְרֶענְט, אַז נָאר פוּנ'ם יוּדֶען וֶועגֶען הָאט גָאט דִיא וֶועלְט בַּאשַׁאפֶען; אַז אַלֶע בְּרוּאִים פוּן דֶער וָועלְט, אוּנ פוּן יֶענֶער וֶועלְט, אוּנ פוּן אַלֶע ש״י עוֹלָמוֹת, זֶענֶען נָאר גֶעמַאכְט צוּא מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם יוּדֶען; אַז פוּן אַיוּדֶענְס אַגוּטֶען צִיא אַשְׁלֶעכְטֶען וִוינְק, פוּן זַיינֶער אַמַחֲשָׁבָה-טוֹבָה צִי אַמַחֲשָׁבָה-זָרָה — וֶוער שְׁמִיעֶסְט פוּן זַיינֶער אַמִינְדְסְטֶער מִצְוָה צִי אַ-נְ-עֲבֵירָה — וֶוערֶען גֶעבּוֹיט, אָדֶער חָרֵב וְנֶחְרָב גַאנְצֶע וֶועלְטֶען, גֶעשַׁאפֶען אָדֶער פַארְבְּרֶענְט גַאנְצֶע לֶיגְיָאנֶען מַלְאָכִים, שֵׁדִים אוּנ מַזִיקִים... אוּנ אַז וֶוען נִיט דָאס יִשְׂרָאֵל עַם קְדוֹשִׁים — אַזוִויא קֶעהְרְט זִיךְ דִיא וֶועלְט צוּרִיק צוּא תּוֹהוּ וָבוֹהוּ... נוּא, אוּנ אִין דֶער פְּרַאקְטִיקַא הָאבּ אִיךְ מִיךְ דָאס זֶעלְבֶּע אִיבֶּערְצַייגְט מִיט מַיינֶע אוֹיגֶען: אִיךְ הָאבּ דָאךְ פָּארְט אַלֵיין גֶעזֶעהֶן, אַז מַיין וְצִוְנִ״ד מִיט-וָועלְט בַּא-שְׁטֶעהט נָאר פוּן גָאלֶע יוּדֶען, יוּדֶענֶעס אוּנ יוּדִישֶׁע קִינְדֶער, אוּנ וָואס אִיךְ הָאבּ אוּסְפֶּעיֶעט יוּנְגֶעלְוַויִיז אִיבֶּערְצוּזֶעהֶן אוּנ אִיבֶּערְצוּהֶערֶען פוּן דֶער דְרוֹיסֶענְדִיגֶער וֶועלְט, אַחוּץ וְצִוְנִי — אִיז דָאס אוֹיךְ אַלְץ גָאר גֶע-וֶוען פוּן יוּדֶען, יוּדֶענֶעס אוּנ יוּדִישֶׁע קִינְדֶער... לְמָשָׁל, אִיךְ הָאבּ גֶע-זֶעהֶן פְרֶעמְדֶע אוֹרְחִים, שְׁלֶעפֶּערְס, דוּרְכְפָאהְרֶער אוּנ דוּרְכְגֶעהֶער אִין מַיין וְצִוְנִי, צִי אָנְגֶעקוּמֶענֶע יוֹם-טוֹב'נִיקֶעס אוֹיף יָמִים נוֹרָאִים, צִי כָּאלְדַאטֶען אִין שׁוּהל וּכְדוֹמֶה; — צִי לְמָשָׁל אִיךְ הָאבּ מִיךְ אָנְגֶעהֶערְט פוּן גוּטֶע-יוּדֶען, גְרוֹיסֶע גְבִירִים, אַדִירִים; פוּן גְרוֹיסֶע חֲכָמִים אוּנ גְאוֹנִים; פוּן דִיא עֲשֶׂרֶת-הַשְׁבָטִים; פוּן אֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל-יוּדֶען; פוּן דִיא בְּנֵי-מֹשֶׁה; פוּן דִיא רוֹיטֶע יוּדֶעלִיךְ אוּנ פוּן דִיא רוֹיטְשִׁילְדֶען, וּכְדוֹמֶה. — נוּ? אִיז דָאךְ עֶס טַאקִי אַלְץ נָאר יוּדֶען!... אוּנ טַאקִי מֵהַאי טַעֲמָא הָאבּ אִיךְ מִיר יוּנְגֶעלְוַויִיז גַאנְץ עֶרֶענְסְט גֶעמֵיינְט, אַז דִיא גַאנְצֶע דְרוֹיסֶענְדִיגֶע וָועלְט, חוּץ וְצִוְנִי, אִיז אוֹיךְ נָאר מִיט גָאלֶע יוּדֶען, יוּדֶענֶעס אוּנ יוּדִישֶׁע קִינְדֶער, אוּנ גֶעווִיס נָאר מִיט אַזֶעלְכֶע יוּדֶען, וִויא בַּייא אוּנְז: מִיט חֲסִידִים, בַּעֲלֵי-בַּתִּים, סוֹחֲרִים, בַּעֲלֵי-מְלָאכוֹת פַאקְטֶערְס, שֵׁיינְקָארֶעס,

פּעקעלמאַכערס, מְלַמְּדִים אונ כְּלֵי קוֹדֶשׁ, אונ מיט יודענעס: פיהר-
זאָגערנס, גַבָּאי'טעס שְׁפּרעכערקעס, שַׁאחַרייקעס, קרעמערקעס,
סעדעכעס אונ בַּעֲלֵי-בַּית'טעס. איך האָב געגלויבט בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה,
אַז ס'איז אַוַדאי ניטאָ אין דער גאַנצער וועלט קיין שטאָדט אָהן גוטע-
יודישע קליינלעך, עֵרוּבֿ'ס, בַּטְלָנִים, מְקַבְּלִים, שַׁדְכָנִים, באַבעס,
טוקערנס, בַּעַל-טַקְסאָ'ס, חַאפּערס אונ קָהָל-שטיבלעך, אפילו אַזעלכע
שַׁכְנָא'ס אופירען, מיט מְנַחֵם אָבֵל'ס מיט מאַטקי ספּראַוואָניק'ס, מיט
אפילו אַשטאָדט-צאַפּ פעהלען אַוַדאי אויך ניט... אונ אַז אין אַלע
שטיבער זענען אַוַדאי דאָ סוּכָּה'ליך, מְזוּזוֹת, שְׁמִירוֹת, ר' מֵאִיר בַּעַל-
נֵס-פּושקעס, לעמפּליך, מִזְרָח'ן, כָּשֵׁר-שטיינער, ליימליך אויף בענטש-
לעכט אונ שִׁיר-הַמַּעֲלוֹת'ן... הַכְּלָל איטליכס פּיטצעלע, אַזויא וויא
ביא אונז אין דער וְצָוְנִי'ר מיט-וועלט אפילו מיט אַהיסטאָרישׁ בֵּית-
עָלְמִין'דעל ביא דער שוהל, מיט שֵׁדִים אונטער דיא ליטאַקעס, מיט
לֵצִים, שרייטעליך, דבוקק'ס אונ מֵתִים אין שוהל... האַלט מיך ניט פאַר
אַזאַ טִפֵּשׁ, אַז איך האָב נאָר ניט אָנגעהייבען וויסען פון „גוֹי" אויף
דער וועלט — חָלִילָה! איך האָב בְּפֵירוּשׁ יאַ געוויסט פון גוֹיִם, אונ
האָב געזעהן גוֹיִם ביא אונז אויפ'ן מאַרקטאָג... נִישְׁמָעהר, וואָס
מאַכט עס אויס? איז דען שייך געווען צו זאָגען, אַז דיא מִינֵי בְּרוּאִים
האָבען אויך עפּעס אַחֵלֶק אין דער וועלט?... בְּרוּאִים אין פעלצען
מיט יאַלעמעס אונ פּאַסטעלעס, אָהן שטאָדט מיט שטאָדטישע איינ-
פיהרעכטצען אונ קָהָל'שע עִנְיָנִים, הייסען אויך אַוועלט?... איך האָב
עס מיר פאַרגעשטעלט נאָר פָּשׁוּט, אַז כְּפִי דיא מִינִים בְּרוּאִים געפינען
זיך ערגעץ אין סטעפּ אַרום וְצָוְנִי, אין פאַרשיעדענע דערפליך, אונ
איטליכס דערפיל האָט אויף זיך אַ יודישען רענדאַר, אַמוּכְסָן — מוז
מען אַפָּנִים זאָגען, אַז איטליכע יודישע שטאָדט, האָט אַרום זיך אַזעלכע
דערפליך מיט גוֹיִם אין יאַלעמעס, פעלצען אונ פּאַסטעלעס, וואָס לעבען
אינ'ם זְכוּת פון דיא יודישע רענדאַרעס, אונ וואָס זענען נאַראַטשנע
באַשאַפען געוואָרען נאָר פונ'ם יודישען שטאָדטעל וועגען: זייא זאָלען
אַרבייטען אויף דיא יודען יוֹמָם וָלַיְלָה אונ פאַרזאָרגען זייא מיט אַלע
הִצְטָרְכוּת'ן צום לעבען אין שטאָט אַריין... וְהָרַאיָה אַז ס'איז אַזוֹי? —
זעה איך דאָך, אַז אין שטאָדט גוּפָא געפינען זיך אויך עטליכע פון
דיא דאָרפישע גוֹיִם, גוֹיוֹת אונ שיקסעס, וואָס זענען אַפָּנִים אינמיסטען
צוגעשיקט פון דיא דערפליך אין שטאָט אַריין אויף שטענדיג דאַרט
צו זיין, כְּדֵי זייא זאָלען מְשַׁמֵּשׁ זיין דיא יודען מיט איטליכען פּיט-
צעלע, וואָס מע דאַרף אין יעדער יודישער שטוב אונ אין שטאָדט-
זאַכען... אָט אַשטייגער, וויא מיר האָבען אין וְצָוְנִי שטוב-גוֹיוֹת צום
קעהרען אונ רוימען; שטוב-שיקסעס צום וואַשען אונ וואַסער-טראָגען,

אונ עֶטְלִיכֶע שְׁטָאדְט-גוֹיִם אונ גויות צום הָאלְץ-הַאקֶען, צום שְׁמִירֶען, דִיא טְשֶׁערֶעדֶע פַארְנֶעמֶען א. ז. וו., חוץ וָואס מִיר הָאבֶּען אִין כְּלַל אַ בָּאד-גוֹי אונ אַ שַׁבָּת-גוֹי . . . אונ אָט פון דִיא אַלֶע שְׁטָאדְט-גוֹיִם אונ גויות וָועגֶען, זֶענֶען אַוַדַאי צוגֶעשִׁיקְט פון דִיא דֶערְפְלִיךְ דִיא גְרוֹיסֶע, אומְגֶעלומְפֶּערְטֶע גויות פונ׳ם חֲזִיר׳שֶׁען מַארְק, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען קָאכֶען אונ בַּאקֶען פַאר דִיא דָאזִיגֶע שְׁטָאדְט גוֹיִם . . . וָואס דֶען? — יוּדֶען זָאלֶען זִיךְ מְטַפֵּל זַיין מִיט חֲזִיר אונ טְרֵפוֹת? . . . „גָאר נִיט! אָט נַא דִיר צֶעהְן גְרָאשֶׁען פַאר דָער פוּהר הָאלְץ צוהַאקֶען, צִיא פַאר דֶער שְׁטוּב אויסְשְׁמִירֶען, אונ גֶעה, קויף דִיר חֲזִיר אונ פְרֶעס!“ . . . מֶע מוז דָאךְ דֶעם קְנֶעכְט גֶעבֶּען פְרֶעסֶען, אַלֶעהֵיי דֶער בְּהֵמָה פַאר אִיהר מִילְךְ . . . אונ טַאקִי דֶערִיבֶּער זֶענֶען דִיא גוֹיֶעשֶׁע סֶעדֶעכֶעס אַזוֹיא גְרָאבּ אונ גְרוֹיס, וַוייל דִיא שְׁטָאדְט-גוֹיִם אונ גויות חַאפֶּען אָפְּט אַבִּיסֶען כָּשֵׁר׳ם בַּייא דִיא יוּדֶען, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען דִיא צֶעהֶנֶער גְרָאשֶׁענְס בֶּעסֶער אָפְּטְרָאגֶען צוּא דִיא יוּדִישֶׁע שֵׁיינֶקָארֶעס . . . וָוער שְׁמִיֶעסְט, דֶער שַׁבָּת-גוֹי לֶעבְּט דָאךְ טַאקִי נָאר פון דִיא יוּדִישֶׁע שְׁטִיקְלִיךְ קוֹילֶעטְשׁ . . . נִמְצָא, אַז דִיא סֶעדֶעכֶעס בְּלַייבְּט תָּמִיד אַנְשְׁאַר חֲזִיר נִיט פַארְקוֹיפְט — אָ דָאס פְרֶעסֶען זֵייא אוֹיף כְּסֵדֶר אונ וֶוערֶען אַלֶע טָאג גְרֶעסֶער אונ גְרֶעבֶּער . . . נוּא, אִיז עֶפֶּעס דָא וָואס צוּא רֶעדֶען פון דִיא אַלֶע מִינִים גוֹיִם? . . . הַיוֹצֵא לָנוּ מִזֶה, אַז אִיךְ הָאבּ יוּנְגֶעלְוַויז אַנְדֶערְשׁ נִיט גֶעקֶענְט אונ נִיט גֶעטָארְט מֵיינֶען, נָאר, אַז דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אַנָאלֶע וָועלְט פון יוּדֶען, יוּדֶענֶעס אונ יוּדִישֶׁע קִינְדֶער, וָואס פִיהרֶען דִיא וָועלְט אִין דִיא שְׁטָאדְט אונ שְׁטָאדְלִיךְ, אונ שִׁיקֶען צוּא פון זִיךְ אַ יוּדֶען אוֹיף יֶעדֶען דֶערְפֶעל פַאר אַמוֹכְסָן, אונ דִיא אַלֶע גוֹיִם אִין דִיא דֶערְפְלִיךְ דַארְפֶען פַארְזָארְגֶען אונ בַּאדִיעֶנֶען דִיא אַלֶע יוּדֶען אִין דִיא שְׁטָאדְט! . . . אַי וָואס, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אָפְּט גֶעזֶעהֶן פְּרִיצִים אוֹיךְ אִין וְצוֹנִי, וָואס יוּדֶען בַּאדִיעֶנֶען זֵייא גָאר? . . . אִיז דָאךְ, רֵאשִׁית, אַ פָּרִיץ נִיט קַיין גוֹי, וְהָרַאְיָה? — אַז עֶר גֶעהט נִיט אִין אַ פֶּעלְץ מִיט אַ יַאלֶעם אונ פָּאסְטֶעלֶעס . . . וְהַשֵׁנִית, וָואס-זְשֶׁע אִיז דֶערְפון גֶעדְרוּנְגֶען? — אַדְרַבָּא, גָאר פַארְקֶעהְרְט! אָט דִיא מִינֵי בְּרוּאִים זֶענֶען אוֹיךְ אַפָּנִים נַארָאטְשְׁנֶע בַּאשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען, אַז זֵייא זָאלֶען גֶעבֶּען יוּדֶען גֶעשֶׁעפְטֶען, פון וָואס יוּדֶען זָאלֶען קֶענֶען לֶעבֶּען, קִינְדֶער מְגַדֵל זַיין, אַ שְׁטָאדְט אויס הַאלְטֶען, עֲלִיוֹת קוֹיפֶען אונ אָנְקְלוֹיבֶּען אַ-נ-אַפּוֹתִיקִי אוֹיךְ . . . וָואס אִיז? קַארְג דַארְף דֶער יוּד גֶעבִּיךְ? . . . דֶער יוּד אִיז אָהְן עַיִן-הָרָע אַ מְטוּפָּל בְּנִים; מֶע דַארְף פַאר זֵייא שְׂכַר-לִמוּד, חֲתוּנָה-מַאכֶען, דְרָשָׁה-גֶעשַׁאנְקֶען, קֶעסְט-גֶעבֶּען, אונ עֶפִּים אַלֵיין אִיז מֶען דָאךְ אַ יוּד . . . מֶע דַארְף אַ שׁוּהל, אַ מֶרְחָץ, אַ הֶקְדֵשׁ, אַ תַּלְמוּד-תּוֹרָה, אַ גוּטֶען-יוּדֶען, אַ מִקְוָה, אַיין עֵרוּב, עֲשָׂרָה בַּטְלָנִים, אונ מַאלֶע וָואס נָאךְ אַ יוּד בַּאדַארְף? . . .

נוּא, וואוּ חָאלְט עָר דָאס אַלְסְדִינְג אָנְגֶענוּמָען ? . . . הָארֶעוָוען זָאל עָר אֶפְשַׁר גֶעהְן ? הַא ? . . . וִויא שְׁטָעהְט עָס גָאר אָן אַ יוּדֶען, אַ גוֹי קָדוֹשׁ, צוּא הָארֶעוָוען ? צִיא וִויא קֶען עֶר גָאר, דֶער עֶדְלֶער, שַׁיינֶער יוּד נֶעבִּיךְ הָארֶעוָוען ? . . . אוּנ לְמַאי זָאל עָר גָאר הָארֶעוָוען, אַז סְ׳אִיז דָא, וֶוער סְ׳זָאל אוֹיף אִיהם הָארֶעוָוען ? . . . דִיא גוֹיִם אִין דִיא פָּעלְצָען, יַאלֶעמָעס אוּנ פָּאסְטֶעלְעס אַרְבַּייטָען אוֹיף אַלֶע זַיינֶע שְׁטוּב-הִצְטַרְכוּת׳ן אוּנ דִיא פְּרִיצִים — אוֹיף זַיינֶע אַלֶע מוֹתְרוֹת׳ן, אַלְס אַ יוּד . . . נוּא, אִיז שׁוֹין עֶפִּים אַ קַשְׁיָא, וָואס טוֹיגֶען דִיא פְּרִיצִים אִין דֶער גָאלֶער יוּדִישֶׁער וֶועלְט ? . . . דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט׳ן סְטַאנָאוָואי אוֹיךְ אוּנ מִיט׳ן סְפְּרַאווְנִיק אוֹיךְ אוּנ מִיט אַלֶע דִיא בְּרוֹאִים, וָואס גֶעהֶען אִין רוֹיטֶע קֶעלְנֶער מִיט שְׁוֶוערְדֶען . . . אִין פְּלוּק פְּלֶעג זִיךְ אוֹיס וַוייזֶען, אַז דִיא לַייט זֶענֶען עֶפִּים אוֹיךְ אַ שְׁטִיקֶעל יִחוּס אִין דֶער וֶועלְט — נָאר צוּם אֶמֶת הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען, אַז זַייא זֶענֶען אוֹיךְ גָאר בַּאשַׁאפָען גֶעוָוארֶען פוּן יוּדֶען וֶועגֶען . . . וָוארוּם אֶלָּא נִיט, אִיז דָאךְ דִיא קַשְׁיָא, וָואס הָאט צוּא טְהוּן בֶּאֱמֶת אַיין רוֹיטֶער קָאלְנֶער, צִיא צְוַוייא, צִיא דְרַייא אֲפִילוּ, אִין אַ שְׁטָאדְט פוּן גָאלֶע יוּדֶען ? . . . נִישְׁמָעהר, אָט דָאס אִיז טַאקִי דִיא מַעֲשֶׂה, אַזוֹיא וִויא אִיךְ הָאבּ יוּנְגֶעלְוַוייז גֶעמֵיינְט גַאנְץ בִּתְמִימוּת: אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַארְזָארְגְט זַיין יוּדִישֶׁע וֶועלְט מִיט אַלֶעמֶען, וָואס אַ יוּדִישֶׁע וֶועלְט דַארְף, כְּדֵי דֶער יוּד זָאל פַארְשְׁפָּארֶען אַהַאנְד אִין קַאלְט וַואסֶער אַיינְטוּנְקֶען, אוּנ לָכֵן הָאט עָר זַייא גֶעגֶעבֶּען דִיא רוֹיטֶע קֶעלְנֶער אוֹיךְ, אַז וֶוען סְ׳וֶועט זִיךְ עֶפִּים מַאכֶען אַ מִין סִכְסוּךְ, אַ מַחֲלוֹקֶת, צִיא אַסוּמַאטָאכֶע, אָדֶער אַ קָאנְפֶעדֶערַאצְיֶע אִין דִיא יוּדִישֶׁע שְׁטָאט-זַאכֶען, צִיא קָהָל׳שֶׁע עִנְיָנִים, אוּנ יוּדֶען וֶועלֶען, אִיבֶּער זֵייעֶר עַקְשָׁנוּת אוּנ נִצְחוֹן — וִויא אַ-נְ-עַם חָכָם וְנָבוֹן שְׁטֶעהְט אָן — נִיט קֶענֶען קוֹמֶען צוּא קַיין גְּמַר . . . זָאלֶען זִיךְ דִיא רוֹיטֶע קֶעלְנֶער אַרַיינְלֵייגֶען רֹאשׁוֹ וְרוּבּוֹ אִין דֶעם עִנְיָן אַרַיין אוּנ זָאלֶען אַזוֹיא לַאנְג אַרְבַּייטֶען מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, בִּיז זַייא זָאלֶען בְּרֶענְגֶען אַלְסְדִינְג אוֹיף אַלַאד, כְּדֵי דִיא יוּדֶען זָאלֶען זִיךְ וַוייטֶער קָאנֶען לֶעבֶּען רוּהִיג אִין עוֹשֶׁר אוּנ אִין כָּבוֹד, וִויא זַייא שְׁטֶעהְט אָן ! . . . אַ סִימָן הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט, אַז דָאס אִיז נָאר אַזוֹי, נִיט אַנְדֶערְשׁ — וְהָרַאְיָה — אַז רֵאשִׁית הָאבּ אִיךְ דָאךְ גֶעזֶעהְן, אַז דִיא רוֹיטֶע קֶעלְנֶער זֶענֶען נִיט קַיין גוֹיִם אִין פֶּעלְצָען, יַאלֶעמְעס מִיט פָאסְטֶעלֶעס . . . שֵׁנִית, הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט, אַז דֶער סְטַאנָאוָואי מִיט׳ן סְפְּרַאווְנִיק זֶענֶען כִּמְעַט הֶעכֶער הַאלְבּ יוּדֶען . . . וְהָרַאְיָה ? זַייא הָאבֶּען גֶעקָאנְט רֶעדֶען אַ גוּזְמָא יוּדֶעשׁ; זַייא זֶענֶען אָפְּט גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּהל אַרַיין; זַייא הָאבֶּען זִיךְ כִּמְעַט גֶעמִישְׁט אִין אַלֶע יוּדִישֶׁע אֲסִיפוֹת; זַייא הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען בַּייא דִיא יוּדֶען כִּמְעַט אַלֶע שַׁבָּת אוּנ יוֹם-טוֹב — פִישׁ מִיט חְרַיין, אוּנ אַלֶע

פֶּסַח – קְנֵיידְלִיךְ מִיט פַּאלִירְטְשִׁיקֶעס; פּוּרִים הָאבֶּען זֵייא יוּדֶען גֶעשִׁיקְט שְׁלוּחַ-מָנוֹת אוּנ זֵייא הָאבֶּען אֲפִילוּ גֶעוואוֹינְט אִין יוּדִישֶׁע שְׁטִיבֶּער אוּנ גֶעגַאנְגֶען אִין יוּדִישֶׁען מֶרְחָץ אַרַיין... עַל כָּל פָּנִים זֶעהט אִיהר בֶּעשַׁיינְפֶּערְלִיךְ, אַז אִיךְ הָאבּ מִיר גַאנְץ עֶרֶענְסְט גֶעמָאגְט מֵיינֶען, אַז מַיין גַאנְצֶע טוֹיזֶענְט – וֶוערְסְטִיגֶע וֶועלְט אִיז פוּן גָאלֶע יוּדֶען מִיט יוּדֶענֶעס אוּנ יוּדִישֶׁע קִינְדֶער, פּוּנְקְט וִויא אִין מַיין וְצוֹנְי'ר מִיט-וֶועלְט, אוּנ אִיךְ הָאבּ מִיר אִין אָט אָדֶער אֵייגֶענֶער יוּדִישֶׁער וֶועלְט גֶעשְׁווימֶען אַזוֹיא זִיס אוּנ תַּקִיף'דִיג, וִויא בַּיים טַאטֶען אִין וַויינְהוֹיז – אוּנ פְּלוּצְלִים, נַא דִיר גָאר אַ חֲכָמָה, אַ פְּלוֹנִית'טֶע מִיט אַ טְשֶׁעפְּקִי לִיטְוָועקֶעל... אוּנ אִיךְ דַארְף פַּאר טְרִיבֶּען וֶוערֶען פוּן אַזַא גַן-עֵדֶן, פוּן אַזַא טְהַייֶער אֵייגֶען – יוּדֶעשׁ וֶועלְטֶעלֶע אוּנ פַאר וָוארְפֶען וֶוערֶען אִין דֶער גְרוֹיסֶער לְיַארֶעמְדִיגֶער שְׁטָאדְט, וואוּ אִיךְ בִּין גֶעבִּיךְ בְּחֶרְפּוֹת-בּוּשָׁה גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען פוּן גָאר, גָאר אַגְרוֹיסֶער, וַוייטֶער, אוּנְעֶנְדְלִיכֶער, קִיילֶעבְּ-דִיגֶער וֶועלְט, אוּנ אַוֶועלְט דַוְקָא נָאר פוּן גָאלֶע גוֹיִם... אַ גָאלֶע גוֹי'שֶׁע וֶועלְט!... וֶועלְכֶע נָאר זֵייא רוּדֶעוֶוען אוּנ גֶעוֶועלְטִיגֶען מִיט אִיהר, אוּנ מִיר, זְשְׁמֶענְקִי יוּדֶעלִיךְ, זֶענֶען גָאר בַּייא זֵייא אִין דִיא הַאנְד כַּחוֹמֶר בְּיַד הַיוֹצֵר, אוּנ מִיר זֶענֶען בַּייא זֵייא אִין דִיא אוֹיגֶען בָּטֵל וּמְבוּטָל כִּקְלִיפַּת-הַשּׁוּם!... אוֹי לְאוֹתָהּ בּוּשָׁה, וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְלֶעבְּט צוּא הֶערֶען אוּנ צוּא זֶעהֶען, אַז אִיךְ הָאבּ מִיךְ שִׁיער בֶּע-גְרָאבֶּען לֶעבֶּעדִיגֶערְהַייט פַאר בּוּשָׁה, פַאר בְּטֵלוּת, וָואס אִיךְ בִּין אַזוֹי מִיאוּס צוּם נַאר גֶעבְּלִיבֶּען!... נוּא, פְרֶעג אִיךְ אַלֵיין: וָואס הָאבּ אִיךְ עֶס בֶּעדַארְפְט? וֶועלְכֶע שְׁוַוארְצֶע יָאהר הָאט מִיר גֶעפֶעלְט צוּא לִיגֶען אוּנ טָאטְשֶׁען, וִויא דֶער וָוארְם אִין חְרֵיין?... זָאל נִיט אַ רוּחַ אִין טוֹבְיָה'ס טַאטֶען אַרַיין, וָואס עֶר הָאט מִיר אַיינְגֶערֶעדְט דִיא עֵצָה מִיט'ן קְלִימֶעקִיל...? יָא, מַחְשָׁבוֹת'ן! לָאם אִיךְ אַייךְ שׁוֹין דֶערְצֶעהלֶען דֶעם סוֹף פוּן מַיין קְלִימֶעקִיל...

## 10.

## מַיין לֶעטְצְטֶע הָאפְנוּנְג.

אַוַדַאי, אַוַדַאי הָאט דֶער בַּאלְטָער צוּגֶענוּמֶען מַיין קְלִימֶעקִיל אוּנ ס'אִיז פֶערְפַאלֶען גֶעוָוארֶען אוֹיף הַיינְטִיגֶען טָאג! – אָ, טְהַייֶער קְלִימֶעקִיל מַיינֶס! וָואס אִיז דֶען אִין דִיר נִיט גֶעלֶעגֶען? – מַיין רַאצָעמָארֶען זְשׁוּפֶּעצַאל מִיט אוֹיס גֶעטְרִיפֶּעטֶע אַרְבֶּעל, וָואס הָאבֶּען, מִיט זֵייעֶרֶע פַאסְמֶעס נַאטֶען אוּנ רַאצָעמָארֶע, אוֹיסְגֶעזֶעהן פּוּנְקְט, וִויא יַעֲקֹב אָבִינוּ'ס

(נסנ"ל) גֶעפלעקעלטע

גֶעפְּלֶעקֶעלְטֶע שְׁטֶעקֶענְס בַּייא דִיא קָארְטֶעס . . . מַיין אָפְּגֶעקְרָאכֶען
גַאפְּעלְיָאנְקֶעלֶע , אָדֶער חֲצִי-שַׁבָּתֶ'ל , פוּן וֶועלְכֶען דִיא גַארֶע אִיז שׁוֹין
מֶעהר פָּאחָאזְשֶׁע גֶעוֶועהן אוֹיף אַקְנִישׁ , וִויא אוֹיף אַוואָרֶעגִיק . . .
(אוּנ גֶערוּפֶען הָאט מֶען אִיהם דָאךְ „וַוארֶענִיקֶעל“ . . .) ; אַ פָּערְגֶעלְטֶער
טַלִית מִיט צְוֵוייא גְרוֹיסֶע פָּאר תְּפִילִין פוּנְ'ם פָּאלֶענָאֶער סוֹפֵר ; אַ-נ-אָפְּ־
גֶעבְּלְיַאקִיוָועטֶער גְרִינֶער סַאדֶעגֶערֶער שַׁאל אוּנ אַ הֶעמְד מִיט אַ פָּאר
תַּחְתּוֹנִים , בַּיידָע פוּן טֶערְקִישֶׁער לַייוֶוענְט . — דִיא אַלֶע חֲפֵצִים הָאבּ
אִיךְ אִינְמִיסְטֶען גֶעפִּיהְרְט אִין דֶער גְרוֹיסֶער שְׁטָאט אַרַיין , אִיטְלֶעכְס
מִיט אַ-נ-אַנְדֶער כִּינָן : דִיא זְשׁוּפֶּעצֶע — אוֹיף אִיבֶּערְצוּנֵייעֶן פוּן אִיהר
מִיט דֶער צַייט אַלַאנְגֶען סָערְדֶעט מִיט אַ שְׁפַּאלְט (אוֹיף אַ גֶעוֶוענְטֶענֶעם
סָערְדֶעט הָאבּ אִיךְ נָאךְ דֶעמָאלְט אֲפִילוּ קַיין הֶשָּׂגָה נִיט גֶעהַאט . . .) ;
דָאס חֲצִי-שַׁבָּתֶ'ל הָאבּ אִיךְ גֶעפִּיהְרְט — פַאר אַ זֵכֶר לִיצִיאַת-מִצְרַיִם . . .
דֶעם טַלִית — טָאמֶער שְׁטַארְבּ אִיךְ אִין וֶועג , צִי אִין דֶער גְרוֹיסֶער שְׁטָאט ,
זָאל אִיךְ נִיט הֵייסֶען בַּייא דֶער חֶבְרָה קַדִּישָׁא „אַ בָּחוּר“ אוּנ אַ-נ-אַלְטֶער
בָּחוּר פוּן אַכְטְצֶעהְן יָאהר ! . . . דָאס אִיז אַ חֶרְפָּה פַאר אַיין עֶדֶעלֶען
פּוֹילִישֶׁען יוּנְגֶעתְמַאן . . . דִיא תְּפִילִין — אוֹיף צוּפֶערְקוֹיפֶען בַּייא אַ גוֹיט
אוּנ קוֹיפֶען קְלֵיינֶע סָאלְדַאטְסְקֶע תְּפִילִין'דְלִיךְ ; דֶעם שַׁאל — אוֹיף טָאמֶער
וֶועל אִיךְ נָאךְ אֶפְשַׁר וֶועלֶען שְׁפֶּעטֶער תְּשׁוּבָה טְהוּן , זָאל אִיךְ מִיךְ
קָאנָען וַוייזֶען פַאר אַ סַאדֶעגֶערֶער חָסִיד . . . אוּנ דָאס הֶעמְד מִיט דִיא
תַּחְתּוֹנִים — פָּשׁוּט אוֹיף צוּטְרָאגֶען דָער וַוייל . . . דֶער וַוייל הָאבּ אִיךְ
מִיךְ שׁוֹין בֶּעצַייטֶענְס פֶערְזָארְגְט אִין קְלִימֶעקִיל מִיט אַ מַאנִישְׁקַא ,
אַ הַאלְזְטִיכֶעל , אַ בַּייגַארְטֶעלֶע , אַ שֶׁערֶעל פַאר דִיא פֵּאוֹת . . . אַהַאלְבּ
קֶעמֶעלֶע אוּנ אַ פָּאר אַלְטֶע שְׁלֵייקֶעס מִיט אַ קְלֵיינְטְשִׁיק סִידוּרְ'ל פוּן
אַחַן'דֶעל וֶועגֶען . . . דֶעם קַאשְׁקֶעט הָאבּ אִיךְ מִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעשְׁטֶעלְט
אָנְצוּטְהוּן תֵּיכֶף בַּיי וְצוֹנָ'ר רָאנַאטְקֶע , אוּנ הָאבּ אַיינְגֶערֶעדְט טוֹיבִיָה'ן ,
אַז אִיךְ בִּין גֶעפַאלֶען אוֹיף דִיא אוֹיגֶען — מוּז אִיךְ זֵייא פַארְשְׁטֶעלֶען
מִיט אַ דַאשֶׁעק . . . (וואוּ נֶעמְט מֶען דֶעם דַאשֶׁעק , וָואס זָאל מִיר אִיצְט
קָאנֶען פַארְשְׁטֶעלֶען מַיינֶע אוֹיגֶען פַאר בּוּשָׁה ? . . .) אוּנ וְעַל כֻּלָּם הָאבּ
אִיךְ אִינְם קְלִימֶעקִיל גֶעפִּיהְרְט מַיין שְׁוַוארְצַאפֶּעל פוּנְ'ם אוֹיג . . . מַיין
פַּאק כְּתָבִים ! — טְהַייעֶר פֶּעקֶעל כְּתָבִים מַיינֶע , וָואס הָאט זִיךְ דֶען
אִין דִיר נִיט גֶעפוּנֶען ? ! אַלֶעס שֶׁענְסְטֶע אוּנ בֶּעסְטֶע אוּנ לִיעבְּסְטֶע אוּנ
טְהַייעֶרְסְטֶע , וָואס אִיךְ הָאבּ אִין אַ מֶשֶׁךְ פוּן דְרַייא יָאהר צוּנוֹיפְגֶע־
קְלִיבֶּען אוּנ אָנְגֶעמַאכְט מִיט מַיין בְּלוּטִיגֶען שְׁוֵויס , אוּנ וָואס הָאבּ עֶס
מִיר גֶעהַאלְטֶען פַאר אַגִילְדֶענֶעם אוֹצָר , מִיט וֶועלְכֶען אִיךְ וֶועל מִיךְ
קָאנֶען אַבִּיסֶעל טְשְׁוַואנֶען אִין דֶער גְרוֹיסֶער שְׁטָאדְט ! . . . אַלֶע קוּנְצֶען
אוּנ בְּרִיָה'שַׁאפְטֶען אוּנ חֲרִיפוּתְ'ן אוּנ פְּלָאוֹתְ'ן , וָואס דִיא וְצוֹנִי'ר מִיט־
וֶועלְט אִיז נָאר בִּיכוֹלֶת גֶעוֶוען אַרוֹיס צוּגֶעבֶּען דוּרְךְ אִיהרֶע עֶטְלִיכֶע

גֶעצֶעהלְטֶע פַארְבָּרֶגעֶנֶע קְלויז-אַפִּיקוֹרְסִים'לִיךְ אִין יֶענֶער מְסוּכָּנֶ'ר צַייט;
אַלֶע טְהַייעֶרָע שְׁטִיקְעלִיךְ אוּנ-פְּלִיטֶערְלִיךְ, וָואס אִיךְ הָאבּ צוּנוֹיפְגֶע-
זַאמֶעלְט, אִין דִיא לֶעצְטֶע דְרַייא יָאהר פוּן מַיין וִויסְטֶען אִיבֶּערְגַאנְג,
מִפִּי הַשְּׁמוּעָה, אוּנ אַלֶע מַיינֶע אֵייגֶענֶע אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעטֶע אַנְטִיקְלִיךְ
אוּנ בְּרִיָה'שַׁאפְטֶען, וָואס אִיךְ הָאבּ בְּסֵתֶר אַלֶץ אוֹיפְגֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף
דִיא בּוֹידֶעמֶער פוּן דִיא וַוייבֶּערְשֶׁע שׁוּהְלֶכְלִיךְ בְּמֶשֶׁךְ דִי לֶעצְטֶע דְרַיי
יָאהר—דָאס אַלֶעס אִיז גֶעלֶעגֶען אִין דֶעם פַּאק כְּתָבִים, וָואס אִיךְ
הָאבּ גֶעפִיהְרְט אִין דֶער גְרוֹיסֶער שְׁטָאט אַרַיין פוּן לְמַעַן יֵדְעוּ וֶועגֶען! . . .
אַ כְּלַל, אִין דֶעם פֶּעקִיל הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען פוּן פוֹיגֶעלְ-מִילְךְ: אַ נָאוֶוע-
מָאדְנֶע פֵּרוּשׁ אוֹיף חַד גַדְיָא פוּן אַקְרָעמֶענֶעצֶער מִתְנַגֵד . . . אַ חֲקִירָה
אוֹיף רַבָּה-בַּר-בַּר-חָנָה'ס גוּזְמוֹת עַל פִּי דֶרֶךְ הַטֶבַע . . . פוּן אַ וֶועלֶעדְ-
נִיקֶער מְשׁוּמָד; אַ שֵׁיינֶער אַיינְפַאל אוֹיף קֹרַח'ס אַיינְזִינְקֶענִישׁ עַל פִּי
הַשֵׂכֶל . . . פוּנ'ם וְצִוָנִי'ר אַקְצִיזְנִיק; אַקוּנְצִיגֶער אוֹיפְטוּהּ אוֹיף מֹשֶׁה
רַבֵּינוּ'ס שְׁטֶעקֶען, וִויא אַזוֹי עֶר אִיז גֶעוָוארֶען אַ שְׁלַאנְג, פוּן אַ דוּבְּנָא'ר
אַלְטֶען בַּעַל-עֲבֵירָה'נִיק; אַ לֵצָנוּת'יל אִיבֶּער לוֹט'ס טֶעכְטֶער. פוּן
אַ טַאלְגֶער חָסִיד, אַ בַּעַל תַּאֲוָה'נִיק; אַ רֶמֶז אִין דֶער תּוֹרָה אוֹיף
אַ הֶיתֵּר צוּרוֹיכֶערֶען צִיגַאר אוּם שַׁבָּת פוּן אַ מַאחְנֶעוְוקֶער גְלוּחַ;
אַ גַאנְצֶע מַסֶכְתָּ-גֵהִינֹם עַל פִּי לֵצָנוּת מִיט רַשִׁ"י אוּנ תּוֹסְפוֹת אוּנ מַהַרְשָׁ"א
פוּן אַוִוילְנָא'ר אַפִּיקוֹרֶס; אַ הַכְחָשָׁה אוֹיף קַבָּלָה מִיטְ'ן זוֹהַר פוּן אַ פַּאר-
פִיהְרְטֶען חַבַּ"דְ'נִיק; קוּנְצִיגֶע גִמַטְרִיָאוֹת אוּנ נוֹטְרוּקִין פוּן אַ קַאטֶער-
בַּארְגֶער הַיינְטִיגְוֶועלְטִיגֶער מְלַמֵד אִין וְצִוָנִי א. ז. וו., אַחוּץ אַגוּזְמָא
אוּים גֶעטְרַאכְטֶע גֶעשְׁלִיפֶענֶע מִדְרַשׁ-פְּלִיאוֹת, עֶטְלִיכֶע קוּנְצִיגֶע חִידוֹת
אוֹיף דִיא וָוערְטֶער: „הַגְדִגְדָה“, „סְחַרְחַר“, „יַכֶּכָּה“, „וַחֲלַקְלַקוֹת“,
„שְׁחַרְחוֹרֶת“, „גַרְגֶרֶת“ אוּנ „יְרַקְרַקֶת“ וּכְדוֹמֶה, אוּנ עֶטְלִיכֶע פְּלָאֵי-
פְּלָאוֹת'דִיגֶע פְּשֶׁטְלִיךְ אוּנ טַייטְשֶׁען פוּן גוּטֶע-יוּדֶען עַל פִּי הַדֶרֶךְ-אֶרֶץ,
הַיינְט מַיינֶע אֵייגֶענֶע קוּנְצֶען אוּנ בְּרִיָה'שַׁאפְטֶען, לְמָשָׁל אַ-נָ-אַלֶ"ף בֵּי"ת
לְפוּרִים אִין גְרַאם עַל פִּי פָּאלִיטִיקָא; אַ חִידָה אוֹיף שִׁמְשׁוֹן הַגִבּוֹר'ס
חִידָה; אַ-נָ-אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְטֶען מִזְרָח, גָאר אַ פֶּלֶא וְהַפְלֵא . . .; גַאנְץ קֹהֶלֶת
אִין רָאשֵׁי-תֵּיבוֹת עַל פִּי הַחֲקִירָה . . . דִיא גַאנְצֶע מְגִילָה אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען
אוֹיף אֵיין פֶערְטִיל פַּאפִּיר, וָואס מֶע הָאט עָס נָאר גֶעמָאגְט אָפּ דְרוּקֶען
אוֹיף חִדוּשִׁים! . . . אַ גוּטֶע-יוּדִישֶׁע קָאמֶעדְיֶע, זָעהר שֵׁיין רַשִׁ"י כְּתַב.
אוּנ אַשִׁיר לִכְבוֹד דֶער גְרוֹיסֶער לֶיארֶעמְדִיגֶער שְׁטָאט, פוּן וֶועלְכֶען
יֶעדֶער שׁוּרָה הָאט בַּאטְרָאפִין בְּגִמַטְרִיָא „אַדֶעם אַדֶעס, אַחֲרֶיךָ אֲנִי
מֵת“! . . . אַ חוּץ אֶפְשַׁר הוּנְדֶערְט שִׁירִים אוּנ מְלִיצוֹת אַקֶעגֶען דֶעם
פִינְסְטֶערֶען פַאנַאטִיזְמוּס אוּנ לִכְבוֹד דֶער לֶעכְטִיגֶער הַשְׂכָּלָה . . . וּכְדוֹמֶה.
אוּנ אָט אָ דֶעם גַאנְצֶען אוֹצָר הָאט צוּגֶענוּמֶען דֶער בַּאלְטֶער יוּד אוֹיף

הַיינְטִיגְעָן טָאג, אוּנ אִיךְ בִּין, קוֹמֶענְדִיג אִין דֶער גְרוֹיסֶער שְׁטָאט, גֶעבְּלִיבְּעָן כְּצֹאן בְּלֹא רוֹעֶה, אָדֶער וִויא אַשֵׁיינָעץ אָהן אַפַּייפֶעלֶע!...

## 11.

## דִיא יוּנְגֶעלְשֶׁע תַּאֲוָה.

וּבְכֵן אִיז דָאס לִיטְווִישֶׁע לֶעהְרֶערְעל גֶעוֶועזֶען דִיא עֶרְשְׁטֶע טְרֶעפּ צוּם אִיבֶּערְגַאנְג פוּן מַיין פּוֹילִישׁ-חֲסִידִישֶׁ׳ען לֶעבֶּען אִין דֶער הַשְׂכָּלָה׳שֶׁער וֶועלְט אַרַיין. — צִי אִיז דָאס גֶעוֶועזֶען אַטְרֶעפּ אַרוֹיף, צִי אַטְרֶעפּ אַרָאפּ? — דַארוֹיף קֶען אִיךְ מִיר עַד הַיּוֹם קַיין חֶשְׁבּוֹן נִישְׁט אָפּ גֶעבֶּען: עֶס אִיז שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם קַארְגֶע 36 יָאהר; אִיךְ בִּין שׁוֹין אִין דֶעם מֶשֶׁךְ דֶערְגַאנְגֶען דִיא קוּנְסְטְץ וִויא אַזוֹי צוּא מַאכֶען פוּן פַּאפִּיר צוּרִיק שְׁמַאטֶעס; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין, גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, אוּסְפִּיעֶט צוּא וֶוערֶען אַטַאטֶע פוּן 5 לֶעבֶּעדִיגֶע אוּנ 3 טוֹיטֶע קִינְדֶערְלִיךְ; אוּנ דָאס 9-טֶע אַמַפִּיל. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אִין דֶער צַייט אִיבֶּערְגֶעפְּרִיוְוט אַלֶערְלֵיי שְׁטוּת אוּנ אַלֶערְלֵיי פַּרְנָסוֹת אוּנ לֶעבּ שׁוֹין אַצַייט מִיט יָאהרֶען גָאר אָן אַשׁוּם שְׁטֶה אוּנ אָהן אַשׁוּם שְׁטִיקֶעל פַּרְנָסָה; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אִין דֶעם מֶשֶׁךְ כְּמוֹ וִויא גְרִינְטְלִיךְ קֶענֶען-גֶעלֶערְענְט דִיא כַּארַאקְטֶערֶען פוּן אַוֶועלְט מֶענְשֶׁען אוּנ בִּין שׁוֹין יַאקָאס גֶעקוּמֶען צוּגְלוֹיבֶּען, אַז אִיךְ קָאן קֵיינֶעם נִיט אוּנ זִיךְ אַוַדַאי נִיט. הַכְּלָל, אִיךְ הָאבּ מִיר שׁוֹין אִין דֶער צַייט פַּארְעֶנְטְווֶערְט גוּזְמֵי-גוּזְמָאוֹת קְלָאטְץ-קֻשְׁיוֹת אִינֶ׳ם לֶעבֶּען, אִינֶ׳ם גְלוֹיבֶּען, אִינֶ׳ם מֶענְשֶׁענְ׳ס שְׁוֶועבֶּען אוּנ אִינֶ׳ם יוּדֶענְ׳ס שְׁטְרֶעבֶּען... אוּנ אָט אַדִיא קְלֵיינֶע, נִישְׁטִיגֶע קֻשְׁיָא: וָואס פַאר אַמִין חִלּוּף הָאבּ אִיךְ׳ס אָפּ גֶעמַאכְט אוֹיף מַיין פִיהְרְצֶעהְנְטֶען יָאהר לֶעבֶּען...? דָאס קֶען אִיךְ מִיר בְּאֵין עִנְיָן וְאוֹפֶן נִיט פֶערְעֶנְטְפֶערִין אוּנ גָאט דֶער הַארְר וַוייסְט, צִיא וֶועט זִיא מִיר פֶערְעֶנְטְפֶערְט וֶוערֶען בִּיז אִין טוֹיטְט אַרַיין, וֶוען אִיךְ זָאל אֲפִילוּ אוֹיסְלֶעבֶּען מְתוּשֶׁלַחְ׳ס יָאהרֶען נָאךְ מִיט אַקָאפּ פוּן אַרִיסְטָאטְלֶעס דֶערְצוּ! לָכֵן וֶועל אִיךְ אַייךְ דָא נָאר בֶּעשְׁרַייבֶּען דִיא גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה כְּהֲוָיָה, נָאר אָהן פֵּרוּשִׁים אוּנ פְּשֶׁטְ׳לֶעךְ פוּן מַיין זַייט, אוּנ אִיהר, טֶערְפְּלִיוֶוע לֶעזֶער, זַייט מוֹחֵל אוּנ בְּרֶעכְט אַייךְ שׁוֹין אַלֵיין דִיא קָאפּ צוּא גֶעפִינֶען עֶפִּים אַתֵּרוּץ אוֹיף אָט דֶער פְרִיקְרֶע, אַיינְגֶעגֶעסֶענֶער קֻשְׁיָא.

דִיא וֶועלְט זָאגְט אַשְׁפְּרִיכְוָוארְט: „אַז ס׳קוּמְט צוּם לֶעבֶּען-סְטַאיֶעט נִישְׁט קַיין יָאהרֶען"—בְּרֹאשׁ הָאט אִיהם דֶער רוּחַ אָנְגֶעטְרָאגֶען, אַדֶער

פַאסקִידנֶע לִיטְוַואק, סַאמֶע אִינ'ם רֶעכְטָען הַאק, װֶען אִיךְ הָאבּ מִיךְ עֶרְשְׁט צֶעלָאזְט שְׁװִימֶען אוֹיף אַלֶע זַאסְטַיוְוקֶעס, אַסַךְ לֶעבֶּעדִיגֶער אוּנ צִיקַאװֶער װִיא אִין אַלֶע מַיינֶע 13 יוּנְגֶעלְשֶׁע יָאהר! — עֶס וַויינְט אִין מִיר פְּשׁוּט מַיין הַארְץ דֶערְמָאהנֶענְדִיג, אַז 13 יָאהר כְּסֵדֶר הָאבּ אִיךְ גֶענַארְט מִיט אַלֶע אֵבָרִים אוּנ גֶעהָאפְּט אַלְץ אוֹיף דֶער גִילְדֶערְנֶער צַייט, װֶען אִיךְ װֶעל שׁוֹין אָנְהֵייבֶּען װֶערֶען אַיוּד, אַ טַאטֶע—אוּנ אַז אִיךְ הָאבּ עֶס יָא קוים מִיט צָרוֹת דֶער לֶעבְּט, קוּמְט אַ שְׁלַאק פוּן אַלְדֶע שְׁװַארְצֶע יָאהר אוּנ פַאר שְׁטֶערְט מִיר מַיין גַאנְצֶע גְדוֹלָה, אוּנ מַיינֶע 13-יָאהרִיגֶע גִילְדֶענֶע הָאפְנוּנְגֶען זֶענֶען אוֹיף אֵייבִּיג פַאר פְלוֹיגֶען װִיא אַ חֲמַארֶע, װִיא אַ גָאלְד גֶעװֶעבְּטֶער זִיסֶער חָלוֹם. — װֶער פִיהלְט אוּנ וַוייסְט, װִיא מִיר יוּנְגְלֶעךְ, דִיא װִילְדֶע תַּאֲוָה, װָאס בְּרֶענְט אִינ'ם פּוֹילִישָׁען יוּנְגָעל װִי אַהֶעלִישׁ פַייעֶר, צוּא װֶערֶען אַ גְרוֹיסֶער, אַ יוּד מִיט אַ בָּארְד, אַ טַאטֶע ?!... װָאס זְנַאצֶעט דָאס גַארֶען פוּנֶ'ם הַיינְטִיג אַרִיסְטָאקְרַא-טִישׁ יוּנְגֶעל צוּא זַיין אַ „סְקוּבֶּענְט“, אַ „יָאקְטֶער“, אַ „פְּרִיקֶערָאר“ אַ „אִיד-נֶעַראל“ אֲפִילוּ, אַקֶעגֶען דֶעם פּוֹילֵישֶׁען יוּנְגֶעלְ'ס תַּאֲוָה צוּא װָערִין אַיוּד, אַטַאטֶע ?! — װִיפִיל צָרוֹת, שְׁלֶאק אוּנ חַרְפּוֹת-בּוּשׁוֹת טְרָאגְט אִיבֶּער דָאס פּוֹילִישֶׁע יוּנְגֶעל אִין זַיין בֶּעסְטֶען אוּנ לִיבְּסְטֶען שְׁװִימֶען, אוּנ אִיז דָאס אַלְץ מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה, אוּנ לֶעבְּט מִיט דֶעם חִיוּת, מִיט דֶער הָאפְנוּנְג: „אָט, אָט װֶעל אִיךְ װֶערֶען בַּר-מִצְוָה, װֶעל אִיךְ גִיךְ מִסְתָּמָא אַרַיין אִין אַ טַלִית, װֶעל אִיךְ דָאךְ װֶערֶען אַיוּנְגֶער מַאנְטְשִׁיק, אַבַּעַל-הַבַּיִת'עֶל, אַ חֲצִי-יוּד, אַ יוּד מִיט אַבָּארְד, אַ טַאטֶע!...“ אֱמֶת, מֶע שְׁװִימְט טַאקֶע יוּנְגֶעלְוַויִיז אוֹיךְ זֶעהר זִיס אוּנ צִיקַאװֶע אִין דֶער לֶעבֶּענְם-קַאלִיזְשֶׁע-דָאס שְׁװִימֶען אִיז אָבֶּער כְּכֹל חַיָּא אוּמְגְעהרֶען, װִיא נָאכְגֶעשְׁטוּפְּט, װִיא עָפִּים אוֹיף בָּארְג; סְ'אִיז אַ'נְ-אַרְט שְׁװִימָען אוּנְטֶערֶען וַואסֶער: מֶע שְׁװִימְט נוּר נָאךְ, פֶּערְטוּמֶעלְט װִיא נֶעבִּיכְלֶעךְ, נָאךְ דִיא גְרוֹיסֶע יוּדֶען; מֶע קוּקְט זֵייא אִין דִיא אוֹיגֶען אַרַיין, װִיא דָאס זֵייג-קִינְד אוֹיף דֶער מַאמֶע; מֶע הָאפְּט, מֶע שְׁלִינְגְט זֵייעֶר אִיטְלִיכֶען קוּק, אִיטְלִיכֶע מִינֶע, מֶע קְװֶעלְט, װִיא אַ טוֹיבֶּער צְװִישֶׁען לַאכֶענְדִיגֶע, אוֹיף זֵייעֶר פַּאנִי-בְּרַאצִיוֶען זִיךְ מִיט אוּנְז אוּנ מֶע רֶעכְט זִיךְ יֶעדֶער מִינוּט אוֹיף זֵייעֶרֶען אַבֵּאזֶער, אַ צוּפּ בַּיי'ם אוֹיהֶער, אַ פְּלִיק דִיא פֵּאָה, אַ פַּאטְשׁ, אַ קְנִיפּ, אוּנ אָפְּט—אַ רוּט אוֹיךְ, װִיא עֶפִּים נָאר אוֹיף אַ הוּידֶע בַּייא אַ קַאטְשְׁקֶע אִין יַם—אָט טְהוּט עֶס אַ קַאטְשְׁע אוּנ אַלֶע קִישְׁקֶעס קֶעהרֶען זִיךְ אִיבֶּער, אָט פְלִיהט אַ פַּאטְשׁ פוּן אַ טַאטֶען אַ רַבִּי'ן אָדֶער גְלַאט אַזוֹיא פוּן אַיוּדֶען מִיט אַ בָּארְד— אוּנ מִיר בְּלַייבֶּען, נֶעבִּיךְ, אָבֵל וַחֲפוּי רֹאשׁ; אוּים חָבֵר, אוּים שְׁמֶעלְקִי אוּים פַּאנִי-בְּרַאצִי — אוּים שִׂמְחָה! זֵיי זֶענֶען יוּדֶען אוּנ מִיר-יוּנְגְלֶעךְ— אוּנ אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ'נְ-עֶק! — אַזוֹי וַואגְט מֶען אוֹיף דֶעם הָאאר בַּייא אִיטְלִיכֶען פְּלוּסְק, בַּייא אִיטְלִיכֶען שְׁוִוים אוּנ מֶע הֶענְגְט אָפּ פוּן זֵייעֶרֶען



אגוטען

אַ גוּטְן צִי אַ שְׁלֶעכְטְן קוּק, אַגוּטֶער קוּק זַייעָרער אִיז אַוַדאי אַזְכִיָה פוּן דֶעם וָואס לֶעבְּט אֵייבִּיג; דֶעמָאלְט גֶעהְט דָאס שְׁווִימֶעכְץ אַזוֹי זִיס וִויא אַ מִזְמוֹר אוּנ גְלַאט, וְויא אַ פּוּטֶער, אַז פָּשׁוּט דִיא נְשָׁמָה שְׁמֶעלְצְט זִיךְ אִין תַּעֲנוּג, וְויא דֶער שִׂמְחַת-תּוֹרָה קְרַאפּ אִין הָאנִיג, אוּנ אַז גוּט אוּנ וואוֹיל אִיז דֶעמָאלְט דֶעם יוּנְגֶעל, דֶעם מַזָל'דִיגְן יוּנְגֶעל, וָואס אִיז זוֹכֶה צוּא חַאפְּן פוּן אַ שְׁווִימֶענְדִיגְן יוּדֶעק אַ כַּתָּבוֹת'דִיגְן פַּאטְשׁ, אַ קִיפּ אִין בֶּאקֶעל צִי אַ סְטִיסָאק אִין פְּלֵייצֶע... דֶעמָאלְט פְלִיהְט דָאס יוּנְגֶעל גְלַייךְ אִין הִימֶעל אַרַיין, חָאטְשׁ דָאס כַּתָּבוֹת'עֶל חַאפְּט אִיהְם אָן בַּייא דֶער לֶעבֶּער. דָאס פְּרֵאהְלִיכְסְטֶע אוּנ גְלִיקְלִיכְסְטֶע שְׁווִימֶען צְווִישֶׁען זִיךְ יוּנְגְלֶעךְ אַלֵיין, הָאט נִישְׁט קֵיין טוֹיזֶענְד חֵלֶק'טֶעל טַעַם, וְויא דָאס שְׁווִימֶען אִינְאֵיינֶעם מִיט דִיא יוּדֶען, מִיט דִיא טַאטֶעס; אוּנ אוּנ וָואס מֶעהר „רִישְׁכֶעס“ עֶר לַיידְט פוּן זֵייא בְּעֵת מַעֲשֶׂה—מֶעהר וַוארְפְט עֶר פוּלְקֶעס אִין דֶער לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע אוּנ מֶעהר טַייעֶט אִיהְם דָאס הַארְץ פוּן תַּעֲנוּג, פוּן שִׂמְחָה: עֶפִּיס אַ קְלֵיינִיגְקֵייט זַיין חַבֵר-לַאפּ מִיט יוּדֶען, מִיט טַאטֶעס אוּנ בְּלַאזֶענֶען מִיט זֵייא קוּטְצֶענְיוּ-מוּטְצֶענְיוּ בִּשְׁעַת שְׁווִימֶען?! וואוּ אִיז נָאךְ דָא אַזַא תַּעֲנוּג אִין דֶער וֶועלְט! דָאס יוּנְגֶעל פַארְגֶעסְט דֶעמָאלְט לַחֲלוּטִין וֶוער אוּנ וָואס עֶר אִיז אַזֶעלְעכְס אוּנ מֵיינְט, אַז עֶר אִיז אוֹיךְ אַגְרוֹיסֶער, אַ יוּד גְלַייךְ מִיט אַלֶע—אוּנ פַאר וָואס זָאל עֶר דֶעמָאלְט טַאקִי נִיט מֵיינֶען? — גֶעדֵיינְקְט-זְשֶׁע: פוּן אוֹיוֶוענְאוֹיף, אוֹיפֶ'ן קוּק, אִיז דָאךְ דָאס פּוֹילִישֶׁע יוּנְגֶעל אִין אַלֶע עִנְיָנִים דֶער אֵייגֶענֶער יוּד, וָואס דֶער טַאטֶע, וָואס אַיוּד מִיט אַ בָּארְד; אִינֶ'ם הוֹלֵךְ טְרָאגְט עֶר אוֹיךְ פוּן קִינְד-וַוייס אָן אַ יַארְמֶעלְקֶע, אַ פֶּערְגֶעהֶלְט טַלִית-קָטָן'דְעל, זִימֶער אַיין אַיילְקִיטַייֶען קַאפְּטֶענְדִיל מִיט אַפַּאלְבָּאן, אָדֶער אַ צִיצֶען תַאלַאטֶעל, וַויים-קוּטִיגֶע תַּחְתּוֹנִים'לִיךְ אוֹיף בֶּענְדְלִיךְ מִיט אַ קְרִימְפּוּלֶעץ, טִינְקֶעל-פַּארִימִיגֶע קָאבְּצִים מִיט יַאלֶעווִיטְשֶׁענֶע פַּאנְטֶעפְעלִיךְ, מִיט אַ הָאזֶען קַאפֶּעלוּשֶׁעל, אוּנ וִוינְטֶער אַגֶעשְׁטֶעפְּט וָואטָאוֶוע בְּרִישְׁלִיקְל אוֹיף פַּאטִישְׁקֶעס מִיט אַ גַארְעסֶען קַיילִיכְדִיג מַאזְנִיטְשְׁקֶעלֶע, אָדֶער אַ קְלֵיין לַאפְּעְנְמִיטְצֶעל. — אִין דֶער אֲכִילָה אִיז עֶר אוֹיךְ דָאס זֶעלְבֶּע, וָואס דִיא גְרוֹיסֶע יוּדֶען: פּוֹילִישֶׁע קִינְדֶער וֵויסֶען נִיט פוּן קֵיין לַאקֶעטְקֶעס צוּא זָאגֶען, זֵייא חֲלֶיעבְּטְשֶׁען גְלַייךְ מִיט דִיא טַאטֶעס, בַּייא אֵיין טִישׁ, דִיא קְוַואשֶׁע, צִי דִיא קִיסֶעלִיצֶע, צִי דֶעם וָואלֶעכְשֶׁען בָּארְשְׁט, טֵאגְלִיךְ מִיט פַּאסָאלֶיעס בַּאלַאבֶּעשְׁקֶעס צִי שְׁקָצִים'לִיךְ מִיט מָאהְן אִין דֶער וָואכֶען, אוּנ דֶעם הֵיילִיגֶען טְשׁוּלֶענְט מִיט דֶער פִּיצַיא, לֵייבֶּערְלִיךְ, רֶעטִיךְ מִיט צִיבֶּעלֶעס אוּנ אַרְבִּיס אוּם שַׁבָּת, אוּנ בֶּעלֶעפֶּען אוֹיךְ אַרוֹיס אֵיינְס גֶעגֶען ס'אַנְדֶערֶע דִיא צוּנְגֶען צוּא הַאפְּן אַ לָאקְשׁ פוּן דֶער מָאקְרִיטֶע אָבְּגֶעזִיגֶענֶע לָאקְשֶׁען-יָאךְ... שְׁלָאפֶען-שְׁלָאפֶען זֵייא אוֹיךְ אוֹיפֶ'ן טְאפְּטְשָׁאן, צִי אוֹיפֶ'ן, אָדֶער אוּנְטֶערֶען אוֹבֶען, צִי אִין

קלויז-אויף דער באנק אדער אויף דער הוילער ערד-און אמאל אין א צעטויטשטעט הילצערן בעטעל אויף קלינעס, אנגעשפיגעוועט מיט וואנצען און נאך עפעס . . . אין עבדת-הבורא זענען זייא אויך גלייך מיט דיא טאטעס: ביידע געהען זייא גלייך ערב ובוקר מיט דיא סדורים אונטער דיא פאכוועס אין קלויז אריין; מיט דיא אויסגעקאטשעטע זאנענע העמדער-אין באד אריין; מיט אנגעקלעבטע בערעזעוועו בעטליך אויפ'ן לייב-אין מקוה אריין, מיט שעפעליך און באזעמליך-אויף דער אויבערשטער באנק, און מיט בריה'ש-איינגעמאכטע קלימעקליך, פון דיא העמדער-הארבעל, פון דער באד ארויס . . .; אין דער פיגור זענען זייא דאך אודאי איינס: ביידע זענען געגאלט דיא קאפף ביז אין דער הויט אריין, בייא ביידע הענגען אפאר לאנגע, גלייכע אדער געגרייזעלטע פאות ביז דיא אקסלען, ביידע האבען צוא צווייא געשטעלטע באנקים אויף דער פאטיליצע, ביידע מיט היבשע קנאפ אין דיא גארגלען און ביידע גלייך צערראסטעט, מיט זיידעס און פערקיסנעטע אויגען, פערדאסטע אויערען און אויסגעפארצטע צאהן . . . נא, און אין דעם ענין חסידות, איז דאך גאר קיין רעדע ניט!: נאגעל-וואסער וואשען דיא הענד נאך א נ . . . שלאפען אין דער יארמעלקע, מלוה-מלכה, ארבע-תעניתים, תקון-ליל-שבועות; מרור, כורך מיט'ן ווארגענדיגען אפיקומן . . . אכלל, אלע תרפ"ט אלפים דינים, מנהגים, סיגים און זאבאבאנעס איז דאס פוילישע יונגעל מקים מיט דיא אללע משונה'נע תנועות, הויות, שאקלען, גלאנצען, זיפצען און קרעכצען וויא דיא גרויסע יודען, וויא דיא טאטעס כדבעי . . . אפילו לעהרנען און קוקען אין מוסר-ספרים, אויך ביידע גלייך! — נמצא, אז דאס פוילישע יונגעל איז דאך ממילא איוד מיט אלע פישטשעווקעס, גאר פאקע א קליין יודעלע, נישמעהר וואס איז דער חילוק . . . הײנט אז דיא גרויסע יודען נעהמען איהם נאך אין קאהן אריין צום שווימען אויך און מע מאכט מיט איהם חבר-לאפ, אזויא, מעשה קונדס-וויא זאל ער דעמעלט ניט מיינען, פון גרויס שמחה און התלהבות, אז ער איז שוין אויך אפארטיג-אויסגעפרעסטער גרויסער יוד! א טאטע! . . . ?

מילא איז דאס אלץ גערעדט בייא א גוטען קוק פון דיא גרויסע יודען אויף איהם בעת שווימען, — וויא וויסט און פינצטער איז איהם אבער בייא זייערען א שלעכטען קוק אויף איהם! אז ווען סאמע אינ'ם רעכטין פערטאראמטען שווימען, יאוועט זיך פלוצים א תקיפות פון א בארד, און עס פליהעט שוין טאקע א פאטש, א פליק, א ריסס, צי מ'קעהרט גאר מחילה איבער דאס שווימענדיג-פארפאליעטע קליין יודעלע מיט'ן פנים אראפ! . . . א! א דא פאלט ער געביך אראפ בייא זיך וויא פונ'ם זיבעטען הימעל אין שאול-תחתיה אריין! . . . ער דער פיהלט

בַּאלְד צוּרִיק זַיין בְּטֵלוּת גֶעגֶען „יוּד“ אוּנ דָאס גַאנְצֶע שְׁווִימֶען פַּאלְט אִיהם נָעבִּיךְ אוּיס בָּאקָאם ! . . . הַיינְט דַארְפְט אִיהר פֶערְשְׁטֶעהֶען, ווִיא גְרוֹיס אוּנ ווִילְד אוּנְזֶער תַּאֲוָה אִיז גֶעוֶועהן צוּא וָוערֶען אַגְרוֹיסֶער יוּד מִיט אַבָּארְד ! . . . אוּנ אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין יָא אָנְגֶעהֵייבֶּען דֶער לֶעבֶּען צוּא זֶעהֶען דִי דָאזִיגֶע תַּאֲוָה אִינְ׳ם עֶרְשְׁטֶען יָאהר נָאךְ מַיין חֲתוּנָה ,קִימְט אַ שְׁוַוארְץ יָאהר אוּנ צֶערְשְׁטֶערְט מִיר מַיין גַאנְצֶע הָאפְנוּנְג אִין אֵיין הֶרֶף עַיִן ! . . . גִישְׁמָעהר, זֵייעֶר אָבְּזָאגֶען אוּנְז פוּן קְוַואטֶערְשַׁאפְט בְּעֵת שְׁווִימֶען מִיט זֵייא אִינְאֵיינֶעם, אִיז נָאךְ פָּארְט נִיט אַזוֹי בְּכוֹחַ גֶעוֶועהן, צוּ דֶער וֶועקֶען אִין אוּנְז אַזַא בְּרֶענֶענְדִיגֶע תַּאֲוָה, אַ יוּד צוּ וָוערֶען, וָוארֶען כְּ׳לֶעבֶּען, ווִיא זָאגְט מֶען עֶס : „גִיט אִיז אַיין אָרֶעמַאן אַ שְׁוַוארְץ יָאהר אוּיף שַׁבָּת“ — אַבִּיא מִיר שְׁווִימֶען מִיט זֵייא אִין קָאהן-אִיז שׁוֹין פַּאר אוּנְז דַיֵּינוּ, חָאטְשֶׁע מִיר חַאפֶּען אָפְט בָּרוּךְ-הַבָּא׳ס אִין מִיטֶענְדֶערְאִינֶען, דֶער עִיקָר טַעַם צוּ אוּנְזֶער בְּרֶענֶעדִיגֶער תַּאֲוָה אִיז דָאס גֶעוֶועהן וָואס צוּ אַסַךְ מִינִים שְׁווִימֶעכְצֶען לָאזֶען זֵיי אוּנְז גָאר לַחֲלוּטִין נִיט צוּא מִכֹּל וְכֹל ! . . . אָט אָ דָאס פְלֶעגְט אוּנְז יוּנְגְלֶעךְ, צוּפִּיקֶען דִי גַאלל, פְרֶאגֶענְדִיג בַּיי זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דִיא קְלָאטְץ-קַשְׁיָא : סְטַייטְשׁ, הַיִתָּכֵן, פַאר וָואס בַּייא עֶטְלִיכֶע מִינִים שְׁווִימֶעכְצֶען מֵאגֶען מִיר יָא זַיין מִיט זֵייא קוּצְנֶיוּ-מוּצֶעְנִיוּ אוּנ בַּייא אַסַךְ אַנְדֶערֶע טוּרֶען מִיר אֲפִילוּ אִין זֵייעֶרֶע ד׳ אַמוֹת נִיט שְׁטֶעהֶען, אוּנ דָאס הַארְץ דַארְף אוּנְז צוּשְׁפְּרִינְגֶען וָוערֶען, קִיקֶענְדִיג פוּן וַוייטֶען אוּיף זֵייעֶר שְׁווִימֶען נָאךְ ווִילְדֶער פוּן אוּנְז, יוּנְגְלֶעךְ צְווִישֶׁען זִיךְ אוּנ — מִיר מוּזֶען נָאר שְׁלִינְגֶען דִיא סְלִינֶע . . . ? לְמָשָׁל : פַאר וָואס מָאגֶען מִיר גְלַייךְ מִיט זֵיי אִינְאֵיינֶעם אַזוֹי טְשַׁאקֶענְדִיג אוּנ לֶעבֶּעדִיג שְׁווִימֶען בַּייא דִיא מַצוֹת-בַּאקֶען, בַּיים לַ״ג-בָּעוֹמֶר שְׁפַּאצִירֶען, בַּייא דֶער בּוּזִיק-שְׁפִּיעל אוּנ פוּרִים-שְׁפִּיעל, בַּיים סֻכָּה אוּנ לוּלָב-פְלֶעכְטֶען, בַּייא דִיא הוֹשַׁעְנוֹת-קְלַאפֶּען, הַקָּפוֹת-דְרֵייעֶן, זִינְגֶען אוּנ טַאנְצֶען, בַּיים שְׁלוֹחַ-מָנוֹת׳ן אוּנ קַאשֶׁע-וַוארְפֶען דִיא פֵאגֶעלִיךְ וּכְדוֹמֶה . . . אוּנ פַאר וָואס טוּרֶען מִיר קַיין חֵלֶק נִיט נֶעהמֶען בַּיי דִיא מִינִים שְׁווִימֶעכְצֶען, ווִיא לְמָשָׁל : בַּיים אֱלוּל׳דִיגֶען שׁוֹפָר-בְּלָאזֶען, בַּייא דִיא כּוֹרְעִים-קְנִיפּ אִין . . . בַּייא דֶער שִׂמְחַת בֵּית-הַשּׁוֹאֵבָה, בַּייא דִיא גַבָּאִי׳שֶׁע קְלָפָּא׳ס אוּנ רַאטְהמַאנְשֶׁע ווִיבָּארֶעס, בַּייא דִיא בָּאאד-פָּאטְשְׁטֶען, בַּיי בִּעוּר-חָמֵץ׳דִיגֶען פַּאלָאנִיק מִיטְ׳ן פְלֶעדֶערְווִישׁ, בַּיים חֲרוֹסֶת-מַאכֶען, בַּייא מִצְוָה-טֶענְץ אוּנ נָאךְ בַּייא אַסַךְ מִינִים שְׁווִימֶעכְצֶען, וָועלְכֶע אִיךְ וֶועל נָאךְ דָא שְׁפֶּעטֶער אוּיס רֶעכֶענֶען אִין דֶעם בִּיכֶעל . . . ? סְ׳אִיז דָאךְ נַארִישׁ גֶערֶעדְט : זָאגֶען, אַז טַאטֶעס, יוּדֶען מִיט בָּארְד הָאבֶּען חָלִילָה גֶעטְהוּן אוּמְרֶעכְט אַקֶעגֶען אוּנְז יוּנְגְלֶעךְ — ? וֶועט דָאךְ עֶס זַיין דִיא גְרֶעסְטֶע הַעֲזָה אִין דֶער וֶועלְט פוּן אוּנְזֶער זַייט ! וָוארֶען ווִיא גֶעשִׁיקְט זִיךְ עֶס, אֲפִילוּ אַ מִינְדְסְטֶע מַחֲשָׁבָה דֶער פוּן,

אַז יוּדֶען, טַאטֶעס, יוּדֶען מִיט בֶּארְד, קֶענֶען גָאר אַמָאל אוֹיפְ׳ן הוּנְדֶערְטֶען פַּאל אוּמְגֶערֶעכְט זַיין!?... אַקַאטָוֶעס אוֹיס צוּרֵיידֶען „יוּדֶען! טַאטֶעס!“ „בֶּארְד“... זֵייא רֶעדֶען דָאךְ מִיט דִיא מַלְאָכִים בִּייא נַאכְט אִין הִימֶעל! .... זֵייא קֶענֶען דָאךְ שְׁוִוימֶען אוּנְטֶער דִיא לֶעטַאקֶעס!... זֵייא קֶענֶען דָאךְ אַרָאפּ חַאפֶּען דִיא קֶעפֶּעלְיוּשְׁלֶעךְ בַּיי דִי שְׁרִיטֶעלֶעךְ אִין קֶעהלֶער, זֵייא גֶעהֶען דָאךְ בַּייא נַאכְט אֵיין אַלֵיין בַּייא דֶער טוֹידְטֶער שׁוּהל, זֵייא מַאכֶען דָאךְ אָן מַחֲלוֹקֶת אוּנ שָׁלוֹם צְוִוישֶׁען דִיא גְרֶעסְטֶע מַלְכוּתִים אִין בָּאד זִיצֶענְדִיג, זֵייא נֶעמֶען דָאךְ אוֹיף אֵייגֶענֶע הֶענְד אַפֶּערְד-אוּנ-וֶואגֶעלֶע צוּם רֶבִּי׳ן פָאהרֶען, אָהן אַבַּעַל עֲגָלָה, זֵייא שְׁמַייסֶען זִיךְ דָאךְ אִין בָּאד אוֹיף דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאנְק בַּייא דֶער בְּרֶענֶענְדִיגְסְטֶער פַּארֶע, זֵייא טְרִינְקֶען דָאךְ דֶעם שַׁארְפְסְטֶען שְׁלִישׁ מִיט אַגְלָאז, זֵייא נִיסֶען דָאךְ נִישְׁט פוּן דֶעם שְׁטַארְקְ-סְטֶען שְׁמֶעק-טַאבַּאקֶע, זֵייא קֶענֶען דָאךְ אֲפִילוּ דֶעם גָארָאדְנִיטְשֶׁע אַרָאפּ וַוארְפֶען פוּנֶ׳ם בֵּאנְקֶעל — אוּנ וָואס קֶענֶען זֵייא דֶען נִיט, אַבִּי זֵייא ווִילֶען נָאר?... נוּ? זָאלֶען זֵיי חָלִילָה אַמָאל אוּמְגֶערֶעכְט זַיין אִינֶ׳ם לֶעבֶּען? — דָאס אַוַדַאי נִיט! — מוּז מֶען דָאךְ עַל כֵּן קוּמֶען צוּם אֶמֶת׳דִיגֶען תֵּירוּץ: אַז כְּפִי זֵיי זֶענֶען טָאטֶעס, יוּדֶען מִיט בֶּארְד, וָואס ווֵייסֶען אוּנ מֶעגֶען אוּנ פַארְשְׁטֶעהֶען אוּנ קָאנֶען אַלְסְדִינְג אִין דֶער וָועלְט, לָכֵן ווֵייסֶען זֵייא מִן הַסְתָּם אוּנ פֶערְשְׁטֶעהֶען דָאס אַוַדַאי וואוּ מִיר יוּנְגְלֶעךְ מֶעגֶען יַא שְׁוִוימֶען גְלַייךְ מִיט זֵיי, אִי דָאס בִּיז אִין אַגֶעווִיסֶען תְּחוּם, אֶלָא נִיט פְּלִיהט אַפַּאטְשׁ אוּנ מֶע זָאגְט אוּנְז אָפּ פוּן קְוַואטֶערְשַׁאפְט — אוּנ וואוּ מִיר טָארֶען עָס נִיט, וַוייל מִיר זֶענֶען פָּארְט יוּנְגְלֶעךְ, יוּנְגְלֶעךְ נִישְׁט קַיין יוּדֶען! אוּנ טַאקִי אַדָאס טְרֵאסְטֶען זִיךְ הָאט אוּנְז פַארְשְׁטֶעהְרְט אוּנְזֶער שִׂמְחָה בַּיי׳ם בֶּעסְטֶען אוּנ לִיבְּסְטֶען שְׁוִוימֶען אוּנ הָאט אִין אוּנְז צֶעפְלַאקֶערְט דִיא בְּרֶענֶענְדִיגֶע תַּאֲוָה צוּא צוּ וֶועלֶען וֶוערֶען אַגְרוֹיסֶער יוּד, אַטַאטֶע, בִּכְדֵי מִיר זָאלֶען שׁוֹין אוֹיךְ אַלְסְדִינְג ווִיסֶען אוּנ פַארְשְׁטֶעהְן אוּנ קָאנֶען אוּנ מֶעגֶען גְלַייךְ מִיט זֵיי!...

12.

## דָאס חֵדֶר מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן.

נִישְׁמֶעהר, אִין אֶמֶת אַרַיין גֶערֶעדְט, אִיז נָאךְ נִיט דָאס אוֹיךְ גֶעוֶועז דִיא רֶעכְטֶע סִבָּה צוּא גַארֶען אַיוּד צוּא וֶוערֶען; דִיא אֶמֶת׳דִיגֶע סִבָּה אִיז גָאר גֶעוֶועז דֶער חֵדֶר מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן. אָט וואוּ דֶער הוּנְד לִיגְט בֶּעגְרָאבֶּען! — יֶענֶע פָּאטְשׁ מִיט בִּזְיוֹנוֹת מִיטְ׳ן קְוַואטֶערְשַׁאפְט אָפְּזָאגֶען

פון דיא טאַטעס אונ אַזוי יודען מיט בארד, זענען נאָר געווען וויא אַמין איבערגאַנג, וואָס האָט זיך גיך פאַר היילט, אונ אין אייניגע אופנים זענען זייא נאָך געווען אַ סגולה צום וואַטערען שווימען צווישען זיך נאָך מיט מעהר פרישקייט אונ ציקאַוויקייט, וויא פאַר זייא, פונקט, אַ שטייגער וויא אַ טערקישער פעפער צום באַ'טעמ'ען דעם באָרשט, אָדער וויא אַ שאַרפער שמעק טאַבעקע צום דערלייטערען דעם מוח. אונ איך בין זיך אייך בפירוש מודה, אַז תמיד נאָך זייערע פאַטש אונ קלאַפ פלעג זיך אונז אַסך לעבעדיגער אונ פריילעכער שווימען, וויא פריהער, אַזויא אַזש ס'האָט זיך אַש אין אונזערע מוחות איינ־געדאַלבעט דיא סברא, אַז אָהן פאַטש מיט בזיונות וואָלט גאָר דיא לעבענס־קאַליזשע קיין קיום נישט געהאַט, פונקט אַ שטייגער וויא אָהן דעם שטאָדט־צאַפ, מיט'ן שטאָט־משוגע'נעם, מיט'ן סטאַנאַוואָי'ס הונד אונ מיט דיא אַלע אויבענאויסגערעכענטע טרעפעכצען, וואָס קומען אומיסטען צוא דערפרישען דיא פאַרפעליוסקעטע, שטילשטעהענדיגע לעבענס־קאַליזשע אין אונזער וצנוע'ר מיט־וועלט... דאָס חדר מיט'ן רבי'ן אָבער זענען נאָר עפּיס אַנדערש — דאָס איז נישט קיין איבער־גאַנג, וואָס היינט טראָגט מען עס איבער אונ מאָרגען, צי איבער־אַכטאָג, צי איבעראַיאָהר ווערט מען עס פּטור־לא! דאָס איז אַ לאַנגער, פינסטערער גלות פון זייט דרייא יאָהר אַלט ביז אין דער חתונה אַריין! איך זאָל אַזוי לעבען מיט אייך, לעזער, וויא דעם טאָג פון מיין חתן־מאָל האָט מיך דער רבי צוויא מאָל געשמיסען אונ דעם דריטען מאָל האָט מיך דיא מאַמע ע'ה קוים מיט צרות אָפּ געבעטען. נו, האָט מען שוין וואָס צו רעדען? איך מיין חלילה ניט דאָס לערנען אין חדר, חס ושלום! דאָס וואָלט איך דאָך בעדאַרפט אַ פאַרמאַלגע משוגע'נער זיין — לערנען איז דאָך דער עיקר יסוד, אויף וועלכען דיא פּוילישע־יודישע וועלט שטעהט, אַקליינינקייט לערנען! דיא ווענט לערנען, דיא גאַסען לערנען, אַלעס לערענט אונ אַלע לערנען, פונ'ם רב ביז'ן באָדער, אַפילו דיא איינגעהערקעס מיט דיא סעדוכעס לערנען אויך; נו, בעדאַרפען דאָך יונגלעך בודאי לערנען! אונ לערנען טאַקי נאָר תורה אונ תורה אונ ווייטער תורה! מע מעג אַפילו צעשפּרינגען אונ צעזעצט ווערען לערנענדיג אונ קענענדיג — מוז מען טאַקי אַלץ ווייטער לערנען תורה! אונ תורה ווייסט שוין אַפּוילישע קינד אין וויעגעלע אַפילו, אַז מע מיינט נישט חלילה זייער וויסטען תנ"ך מיט'ן דיקדיק מיט דיא יודישע געשיכטעס אונ נאָך מינים טרפה'נע חכמות זייערע, רחמנא לצלן!... תורה הייסט נאָר דיא הייליגע, געאַכפּערטע גמרא מיט תוספות, אין וועלכער מע לייטערט אויס דיא אַנטיטשענע יודישע נשמה... אונ מע שאַרפט אויס דאָס חריפת'דיגע, שפּיטציגע יודישע

מוחל אין דעם פלפול פון אַ געבוירען איי אים יום-טוב; פון אַ טראָפּען בלוט וויא אַ מאהנדעל; פון לויזען דאס אנמהין פרייטאג צונאַכטס; פון אַראָפּפאַלען פונ'ם דאך אויף דער שווייגערין, אונ וועל כלם פון דעם שטענדיגען אַמפּערען צווישען ראובן'ען מיט שמעון'ען איבער אַ טלית, אַ דיישקע, אַ רייט-בהמה, אַ שטויסענדיגער אָקס, אַ מציאה, אַ משא ומתן, וכדומה אַזעלכע מחלוקות, וואס חוץ זייער ניטצליכקייט, זענען זיע טאַקע פּשוט אַ דערקוויקענעש אין איטליכען אבר... ובפרט פאַר אונז, יונגליך... מיר פלעגען דאך זיטצען דערביי ממש וויא פערטומעלטע, עפּעס וויא גאָר ניט אויף דעם עולם... עס פלעג זיך אונז אויסוויזען, אַז מיר זענען עפּעס וויא פערוואָרפען ערגעץ דאָרט... וויט... פון יענער זייט הרי-חושך, צווישען אַ געדעכטען טאַמאַן אונ שווינדעל, אונ מיר זעהן וויא אין חלום עפּעס צווייא אומגעלימפּערטע ווערגעלעסען וואס הייסען ראובן אונ שמעון, וועלכע רייסען זיך בייא אַ טלית וויא דער גלות לאַנג... אונ פליצעם פליהעט פונ'ם הימעל אַ-נ-איי אונ ווערט בזה הרגע אַ דיישקע וויא אַ האַלבע וועלט דיא גראַסס, אונ זיא קאַטשעט זיך מיט אַ שרעקליכען ליאַרעם איבער באַרג אונ טהאַל גלייך אין שאול תחתיה אַריין, אונ וויא זיא ווערט נאָר פערשווינדען — יאַוועט זיך שוין ראובן אויף אַ פּרה-אדומה רייטענדיג אונ שמעון רייצט אָן דעם שור-הבר'ער אָהן תרוץ נאָר שטויסען דיא קיה... אָ דא ווערט עס אַ רעש אין אַלע עולמות... אונ אינמיטען דעראינען וואַקסט אויס דער געאַכפּערטער תנא-קמא אונ מיט אַ קול עד לב השמים שרייט ער אויס „יחלוקו“! — אונ מיר חאַפּען זיך אַלע אויף, וויא פון אַ שווערען, טיעפען אינגערפלעט, מיט אָפּענע מיילער אונ אויסגעסטאַרטשעטע אויגען וויא דיא באַלכעס, אונ מיר זעהען דעם רבי'נס געגאָלטען קאָפּ אונטער געשפּאַרט מיט דיא האַנד אויפ'ן טיש, חראָפּענדיג אונ דיא סלינע פונ'ם מויל רינט איהם אויף דער גמרא...

מילא רעדט מען דאך נישט פונ'ם לערנען אין חדר — נאָר וואס דענן? — אָ דאס שטענדיגע פיצקען אונ שמייסען אונ קאַטעוועז אין חדר, אָ דאס האט אונז פעראומערט אונזער יונגעל'ש לעבען, אַז דאס גאַנצע שווימען איז אונז שוין נישט איינגענאַנגען אונ נישט וואַהל-באַקומען; אונ אויך דיא אייגענע מעשה: טראַכטען אַז דער רבי איז חלילה אומגערעכט — איז דאס דאך איין טפּשות אונ חוצפּא אין דער וועלט, עס איז דאך פאַרט אַ יוד מיט אַ באָרד אונ נאָך אַ רבי דערצו; אונ מיר זעהען דאך, אַז כמעט פאַר איטליכען מאָל קאַטעוועז אונז, זענען איהם אונזערע אייגענע טאַטע-מאַמע, אום שבת נאָך מכבד מיט קדוש אונ אַ קיכעל פאַרבייסען אונ דאַנקען איהם אָן דערפאַר אַ פולען

כְּפָאדִיק ; — אִיז שׁוֹין דָא וָואס צוּא מְסוּפָּק זַיין אִין זַיין גָערְעכְטִיגְקַייט ? אַ חוּץ וָואס דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ גְלַאט אַ תַּכְשִׁיט, אַצַאצְקֶע אִין דֶער וְצוֹנֶ'ר מִיט-וֶועלְט, אַז דִיא גַאנְצֶע סְבִיבָה אַרוּם קְלִינְגְט מִיט אִיהם, וִויא מִיט אַגוּטֶען יוּדֶען אוּנ מֶע הָארְט מֶעהר נִיט, נָאר: „אִיצֶעלֶע שַׁכְנָא'ס — אַ-נ-עוֹלָה תְּמִימָה! אִיצֶעלֶע — אַשַׁיינְדְלִינְג פַאר יוּדֶען! אִיצֶעלֶע — אַ פֶּעפֶּערֶעל, אָ . . סְ'אִיז שׁוֹין אַגוּט אִיצֶעלֶע!“ אוּנ וִויא זָאל מִיט אִיהם נִישְׁט קְלִינְגֶען דִיא וָועלְט ? נָאךְ אַמָאל: אַ יוּד, וָואס זַיין גַאנְץ לֶעבֶּען אִיז אוֹיף זַיין בָּארְד אוּנ פֵּאוֹת קַיין קֶעמְמֶעל מִיט קַיין שֶׁערֶעל נִיט גֶעקִימְמֶען . . . זַיין מַאזְנִיצֶע מִיט דֶער יַארְמֶעלְקֶע הָאבֶּען שׁוֹין פֶערְוֵואגְט כִּמְעַט אַ פוּד פוּנ'ם אָנְגֶעשְׁלָאגֶענֶעם שְׁמוּיב, שְׁוֵויים אוּנ שְׁמוּטְץ, אוּנ עֶר, דֶער תַּכְשִׁיט, הָאט זֵייא אַ מִינוּט פוּנ'ם קָאפְּף נִיט אַרָאבְּגֶעלָאזְט, אוּנ זִיךְ גֶעטִישֶׁעט מִיט זֵייא, גְלַייךְ עֶר טְרָאגְט אַגִילְדֶענֶע קְרוֹין! . . . זַיין פֶערְגֶעהֶלְטֶער טַלִּית-קָטָן אִיז שׁוֹין גֶעוֶועהן אָנְגֶעשְׁפִּיגֶעוֶועט מִיט גְנִידָעס אוּנ לֶעבֶּעדִיג חַיִל, אִיטְלִיכֶע וִויא אַ פַּאסָאלְקֶע דִיא גְרָאסס — אוּנ עֶר, דֶער סַבְלָן, הָאט אִיהם אֲפִילוּ נִיט גֶעפְּרִיוְּט אַמָאל אוֹיס פְּרִידָען אִין מֶרְחָץ, אוּנ הָאט מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה גֶעוֶועהן דָאס שְׁרֶעקְלִיכֶע בַּייסֶענִישׁ, זִיךְ קַיין מָאל נִיט אַקְרַאצֶען צוּא טְהִין מִיט אַ הַאנְד, חוּץ נָאר אַ טְשֶׁעכֶעוֶוע בַּייא דֶער הֶרִיבֶּע אוּנ אַדְרֵייא מִיט דִיא אַקְסְלֶען . . . פוּן דֶער נָאז אִיז אִיהם דִיא טַאבֶּעקֶע-זַאפְּט שְׁטֶענְדִיג גֶערִינֶען אִין דִיא וָואנְצֶעס אַרַיין אוּנ הָאט אִיהם גֶעשְׁמַארְצְט זַיינֶע זַיידֶעס, אוּנ עֶר, דֶער בַּעַל-יְסוּרִים, הָאט זִיךְ קַיין מָאל נִיט פֶערְגִינֶען רֶעכְט אָבְּווִישֶׁען דִיא נָאז, חוּץ נָאר אַווִישׁ מִיט'ן אַרְבֶּעל, אוֹיף וָועלְכֶען עֶר הָאט גֶעזִיגֶען אַ טְרִינְק וַואסֶער . . . אוּנ אַ שְׁנָאר אִין דֶער פָּאלְּלֶע . . . נָאךְ אַזֶעלְכֶע עִנּוּיִים קָשִׁים, מִיט וֶועלְכֶע עֶר הָאט אַלְץ גֶערֵייצְט זַיין גֶע'פֵּגֶר'טֶען יֵצֶר-הָרָע מִיט הִתְגַּבְּרוּת הַתַּאֲוֹת . . . זַיינֶע סְגוּפִים זֶענֶען דָאךְ טַאקֶע אַיין אֱמֶת גֶעוֶועהן גָאר נִיט מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע!! עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַלֵיין אָפְּט קְנֵייפֶּען אוּשְׁטְשִׁיפֶּען דִיא הוֹיט פוּן דִיא בֵּיינֶער, אוּנ פְלֶעג דֶערְבַּייא שְׁרַייֶען „גְוַואלְד, וָואס טוֹיג אָ דִיא מְגוּשֶׁם'דֶע פְלֵיישִׁיקֶע שְׁקוּרֶע צוּן אַלְדָע שְׁוַואדְצֶע יָאהר!?“ . . . זַיין תְּמִימוּת הָאט אוֹיךְ גָאר קַיין שִׁעוּר נִיט גֶעהַאט; עֶר אִיז אַ מָאל פֶערְבַּייגֶעגַאנְגֶען, וִויא דֶעם וְצוֹנִי'ר נְגִידְ'ס מַאוֶוער הָאט זִיךְ גֶעסְטְרוֹיֶעט שׁוֹין צוּם דְרִיטֶען גָאארֶען אַרוֹיף, הָאט עֶר אַזוֹי בִּתְמִימוּת אַ פְרֶעג גֶעטִיהן דֶעם יוּדִישֶׁען פַארְבֶּער דָארְט: „מִיכֶל נָתָן! מִיכֶל נָתָן! זָאג מִיר, אִיךְ בֶּעטְט דִיךְ, וָואס שְׁטֶעהן עֶס שְׁטֵיינֶער אִינְמִיטֶען מַארְק . . . ?“ אַ כְּלַל, סְ'אִיז גֶעוֶועהן אַיין עוֹלָה תְּמִימָה, אַ זַייד . . . אַיין אֶבֶן-טוֹב, וָואס אַזֶעלְכֶעס אִיז וַוייט צוּזִיכֶען פַאר טוֹיזֶענְדֶער מַיילֶען! . . . נַא? אִיז שׁוֹין עֶפֶּעס שַׁייךְ צוּא זָאגֶען אוֹיף אַזַא צִיאצְקֶע, אַ פֶּעפֶּערֶעל, אַז עֶר אִיז חָלִילָה

וְחַס אִין עָפֶּעס אוּמְגַעֶרעכְט...?! נָאר וָואס דָען? — טַאקֶע אַלֶץ דִיא אֵייגֶענֶע מַעֲשֶׂה: עֶר אִיז אַ יוּד מִיט אַ בָּארד, הָאט עֶר נִיט גֶעוָויסְט, אַז ס'קִימְמְט אוּנְז, שְׁקָצִים, צוּהַאלְטֶען שְׁטֶענְדִיג אִין אֵיין שְׁטִיק שֶׁעלְטֶען, אִין אֵיין שְׁטִיק קַאטֶעוָוען, אוּנ מִיר, אַלְס יוּנְגְלִיךְ, הָאבֶּען מִיר דֶעם טִיעֶפֶען עִנְיָן נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען... אוּנ טַאקֶע דַארִיבֶּער הָאט עֶס אוּנְז גֶעקְרֶאנְקְט אוּנ דֶערְוָועקְט אִין אוּנְז דִיא הֵייסְבְּרֶענֶענְדִיגֶע תַּאֲוָה צוּא וֶועלֶען וִויא גִיכֶער וֶוערֶען אַ יוּד מִיט אַ בָּארד, אַ טַאטֶע!... בִּכְדֵי מִיר זָאלֶען אוֹיךְ קֶענֶען מַשִּׂיג זַיין דִיא הוֹיכֶע דְרָכִים, וָואס דֶער רֶבִּי... אוּנ שׁוֹין פַארְשְׁפַּארֶען לַיידֶען גֶעבְּרוֹיְטֶע לֵיידֶען נָאר דַארִיבֶּער, וִויא מִיר זֶענֶען יוּנְגְלֶעךְ-נִיט קֵיין יוֹדְעֶן!...

אָט הָאבּ אִיךְ אַייךְ לְמָשָׁל דָא עֶרְשְׁט בֶּעשְׁרִיעבֶּען אוּנְזֶער אִינְגֶערְפֶּלֶעט בְּעֵת לֶערְנֶען דִיא גְמָרָא מִיט אוּנְזֶער אוֹיפְחַאפֶּען-זִיךְ בַּיים תַּנָא-קַמָא'ס „יַחֲלוֹקוּ" וִויא פֶּער'סַם'טֶע מַייז, טְרֶעפֶענְדִיג דֶעם רֶבִּי'ן שְׁלָאפֶען אוּנ סְלִינֶען אוֹיף דֶער גְמָרָא — אִיז דָאךְ אִין פְּלִיק דֶער רֶבִּי גְלַייךְ מִיט אוּנְז, יוּנְגְלֶעךְ, אָפְּגֶערִיסְסֶען גֶעוָוארֶען אוֹיף אַ וַויילֶע פִּין דֶעם עִנְיָן אִין וֶועלְכֶען מִיר הָאבֶּען צוּזַאמֶען עוֹסֵק גֶעוֶועהן, אוּנ נִמְצָא, אַז עֶר דַארְף אוֹיךְ נִיט וִויסֶען, וִויא עֶר הַאלְט גְלַייךְ מִיט אוּנְז. אַ יָא, אַזוֹיא? פְּרִיטָאה זֶעהט אִיהר דָאךְ, אַז וִויא עֶר הָאט זִיךְ גָאר אוֹיפְגֶעהַאפְּט, טִיהט עֶר שׁוֹין אַ מַאךְ מִיט אַ גְרֵייטֶען אוֹיסְגֶעבּוֹיגֶענֶעם גְרָאבֶּען פִינְגֶער, אוֹיפ'ן וִוינְק: „נָא, שְׁמַע מִינֵיה, אִיז דֶערְפּוּן גֶעדְרִינְגֶען, אַז רְאוּבֵן... נָא?... אַז רְאוּבֵן הָאט... נָא... נָא...?" נָאר נָא אַהִין נָא אַהֶער — מִיר וֵוייסֶען פָּארְט נִיט מַאי דְקָאָמְרִי רֶבִּי'צֶען! אוּנ עֶר וַוייסְט דַייקֶע זֶעהר גֶעזוּנְד... אוּנ פַאר וָואס? — וַוייל עֶר אִיז אַ יוּד מִיט אַ בָּארד, אוּנ מִיר זֶענֶען יוּנְגְלֶעךְ... נָא, הַיינְט, אַז ס'הֵייבֶּען אָן פְלִיהֶען צִיבֶּעקְלִיךְ מִיט פֶּעטְשׁ מִיט בֶּערֶעזֶעוֶוע רִיטְטֶער אוֹיף אוּנְזֶערֶע אוֹיסְגֶעדַארְטֶע בֵּיינֶער — אִיז וֶוער גֶערֶעכְט? נִישְׁט עֶר...? הָא? פֶּערְקֶעהרְט, אַדְרַבָּא, זָאגְט שׁוֹין אִיהר אַלֵיין: וִויא אִיז מֶען עֶס טַאקֶע אַזוֹינֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע קֶאפְּף, מֶע זָאל נִיט פַארְשְׁטֶעהן אוּנְטֶערְצוּחַאפֶּען דָאס פְּשׁוּטֶע אוֹיסְדְרִינְגֶעכְץ פִּין זַיין גְרָאבֶּען פִינְגֶער אָהן לָשׁוֹן...? צִיא לָאמִיר אַוֶועקְלֶעגֶען דָאס לֶערְנֶען אוּנ לָאמִיר זֶעהֶען, וָואס מִיר לַיידֶען פוּן אִיהם נָאר אִיבֶּער אַנְדֶערֶע חַטָאִים אִין חֲסִידוּת צִיא אִין וֶועלְט זַאכֶען..! אָט לִיג אִיךְ לְמָשָׁל אִיבֶּער אַ בֵּיינְקֶעל מִיט'ן פָּנִים אַרָאפּ אוּנ מִיט'ן הוֹילֶען וִויא הֵייסְטְמֶען עֶס אַרוֹיף אוּנ דֶער רֶבִּי אַרְבֶּעט דָארְט גֶעשְׁמַאק מִיט אַ פְרִישׁ צַאפֶּעלְדִיג בִּינְטֶעל בֶּערֶעזֶעוֶוע רִיטֶער; אַוַדַאי אַז מֶע שְׁמַייסְט טְהוּט וֶועה אוּנ אַז ס'טְהוּט וֶועה שְׁרַייט מֶען אוּנ מֶע אִיז גָאר לַהֲרוֹג וּלְאַבֵּד אוֹיפ'ן תָּלִין. אִין אֱמֶת אַרַיין אָבָער — טָאר אִיךְ דֶעמְ'ן הָאבֶּען אַ פִּתְחוֹן פֶּה צוּא שְׁרַייעֶן אוּנ נָאךְ

בְּרוּגֶז צוּא זַיין אוֹיפ'ן רֶבִּי'ן דֶערְפַאר ? — בְּפֵרוּשׁ נִיט ! וָוארוּם אַלֶץ דִיא אֵיינֶגֶענֶע מַעֲשֶׂה : עֶר אִיז אַ יוּד מִיט אַ בָּארְד אוּנ אִיךְ בִּין אַ יוּנְגָעל... נִמְצָא, אַז עֶר וַוייסְט מִסְתָּמָא גַאנְץ גוּט, פַאר וָואס מִיךְ קוּמְט אַצוּנְד קַאטָעוָועֶן ! אוּנ וְהָא רַאְיָה — אִיךְ הֶער דָאךְ אַלֵיין מִיט מַיינֶע אוֹיהֶערֶן, וִויא עֶר קְרֶעכְצְט נֶעבִּיךְ בְּעֵת דֶעם שְׁמַייסְן מִיט דֶעם שֵׁבֶט-מוּסָר קוֹל אוּנ זָאגְט דָאךְ גֶעבִּיךְ : „וֶועסְטוּ שׁוֹין נִיט זָאגֶען אַז דוּא הָאסְט לִיבּ דַיין כַּלָּה ?“ — „וֶועסְטוּ זִיךְ שׁוֹין נִיט קְרַאטְצֶען אוֹיפ'ן הוֹילֶען לַייבּ בְּשַׁעַת לֶערְנֶען ?“ — „וֶועסְטוּ זִיךְ שׁוֹין נִיט צֶעבִּינְדֶען דֶעם גָארְגֶעל וִויא אַחָארְט ?“ — „וֶועסְטוּ שׁוֹין מֶעהר נִיט פֶערְלִירֶען דִיא יַארְמֶעלְקֶע פוּנ'ם קָאפּ אִין שְׁלָאף ?“ — „וֶועסְטוּ שׁוֹין וַואשֶׁען דִיא הֶאנְד נָאךְ אַנְ... ?— „וֶועסְטוּ שׁוֹין זַייעֶן אַ טְרוּנְק וַואסֶער אוֹיפ'ן אַרְבָּעל ?“ — וֶועסְטוּ שׁוֹין גֶעדֶענְקֶען אַז אַ יוּד טָאר נִיט לַאכֶען מִיט'ן פוּלֶען מוֹיל ?“ — „וֶועסְטוּ פוּן הַיינְט אָן שׁוֹין גוּט צוּמַאכֶען דִיא אוֹיגֶען בַּיי'ם אֶ-חָ-ד ?“ א. ז. וו., נוּא, סְ'אִיז דָאךְ עֶפִּיס וָוארְטָער, וָואס זֶענֶען בּוֹקֵעַ רְקִיעִים ; נָאר דָאס אֵיינְצִיגֶע אוּמְגְלִיק אוּנְזֶערְ'ס אִיז נָאר, וָואס מִיר זֶענֶען יוּנְגְלֶעךְ, פַארְ-שְׁטֶעהֶען מִיר נִיט דִיא הוֹיכֶע הֵיילִיגֶע כַּוָּנוֹת דֶערְפוּן ; אָבֶּער גֶערֶעכְט אִיז עֶר דָאךְ טַאקִי — נִיט מִיר ! . . . אוּנ טַאקִי אַדָאס אֵיינְצִיגֶע הָאט אִין אוּנְז גֶעטְלִיעֶט אוּנ גֶעבְּרֶענְט, וִויא אַ הָאלִישׁ פַייעֶר, — מִיר זָאלֶען שׁוֹין אוֹיךְ דֶערְלֶעבֶּען וָוערֶען יוּדֶען מִיט בָּארְד אוּנ פַארְשְׁפָּארֶען שׁוֹין דֶעם פִינְסְטֶערֶען גָלוּת נָאר אִיבֶּער אוּנְזֶער יוּנְגֶעלְשֶׁען שֵׂכֶל ! . . .

13.

## דִיא רֶעוִוינְזֶע גְדוֹלָה.

אַחֲרֵי כָּל אֵלֶּה זֶעהט אִיהר שׁוֹין בְּעֶשַׁיינְפֶּערְלִיךְ, אַז אוּנְז הָאט דָאס חֶדֶר פֶערְשְׁטֶערְט דִיא שִׂמְחָה פוּנ'ם בֶּעסְטֶען אוּנְלִיעבְּסְטֶען שְׁוִוימֶען יוּנְגֶעלְוַוייז, אוּנ וֶוען נִיט דִיא גִילְדֶענֶע זִיסֶע הָאפְנוּנְג אוֹיף אַ מָאל אַ יוּד צוּא וָוערֶען — וָואלְט אוּנְז דִיא גַאנְצֶע וְצִיוָנִי'ר לֶעבֶּענְסְקַאלִיזְשֶׁע מִיט אַלֶע אִיהרֶע צִיקַאוֶועסְטֶען נִמְאָס וּמָאוּס גֶעוָוארֶען וִויא אַ שְׁטִיק חֲזִיר ! . . . נָאר אָ דִיא הָאפְנוּנְג הָאט אוּנְז גֶעשְׁטַארְקְט אִין דִיא צָרוֹת אוּנ נִיט גֶעלָאזְט וַוארְפֶען אַיין אוּם-חֵן אוֹיף אִיהר אַזוֹיא, אַז אֲפִילוּ אִין דֶעם עֶרְגְסְטֶען מַעֲמַד, אֲפִילוּ אִינ'ם חֶדֶר'דִיגֶען גָלוּת גוּפָא', הָאבֶּען מִיר אוֹיךְ דֶערְטַאפְּט אַ קַאלִיזְשְׁקֶע, אַ פָּאטְיָאקֶעל פוּן דֶער גְרוֹיסֶער אַלְגֶעמֵיינֶער לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע, אִין וֶועלְכֶער מִיר הָאבֶּען זִיךְ, בֵּין הַמְּצָרִים — צְוִוישֶׁען אַיין צָרָה מִיט דֶער אַנְדֶערֶער — גֶעפֶּעלְיוּסְקֶעט אוּנ

 נעשווימען

גְעשְׁווִימֶען ׃אוּנ גֶעקְלִיבֶּען כֹּחַ אוּנ סַבְלָנוּת אוֹיף וַוייטֶער ; דִיא חֶדֶר-
קַאלִיזְשֶׁע הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ בַּאשְׁטֶענְדִיגֶע שְׁווִימֶעכְצֶען, ווִיא לְמָשָׁל:
דִיא סְעוּדָה פוּן לַ״ג בָּעוֹמֶר, פוּן חֲמִשָּׁה-עָשָׂר בִּשְׁבַט אוּנ פוּן אוֹיפְ-
הֶערֶען גָעהְן אִין חֵדֶר בַּיינַאכְט ; דִיא דְרֵיידֶעל שְׁפִּיל חֲנוּכָּה, דֶער תַּרְגוּם
שֵׁנִי מִיטָ׳ן הַאוֶוער-הָאהְן, דֶער אַקְדָמוּת מִיט׳ן לִוְיָתָן מִיט׳ן שׁוֹר הַבָּר ;
דֶער „אָמַר ר׳ יוֹחָנָן״ אוּנ דִיא גֶעווִיסֶע מַעֲשֶׂה מִיט אַ בָּאר״, תַּעֲנִיתִים,
יוֹמָא-דְפַגְרָא׳ס מִיט דִיא חֲסִידִי׳שֶׁע קֶערְמֶעשְׁלֶעךְ וּכְדוֹמֶה, אִין וֶועלְכֶע
מֶע הָאט נָאר גֶעלֶערְנְט בִּיז הַאלְבֶּען טָאג אוּנ דִיא אַנְדֶערֶע הֶעלְפְט
גֶעשְׁטִיפְט ; נוּא, אוּנ אַ בְּרִית בַּיי׳ם רֶבִּי׳ן אִיז דָאךְ גֶעווִיס גֶעוֶוען אַלֶע
יָאהר. . . הַיינְט דֶער זִיסֶער בֵּין הַזְּמַנִים מִיט דִיא צְוַוייא חוֹל-הַמּוֹעֵד׳ען
א. ז. וו. אוּנ ווִידֶער סְלוּטְשְׁאַיְנֶע שְׁווִימֶעכְצֶען, ווִיא לְמָשָׁל: אַ גְנֵיבָה
בַּיי׳ם רֶבִּי׳ן, אַ בְּכָבוֹד׳ר בַּר-מִינָן אִין שְׁטָאדְט, אַ שְׂרֵפָה פוּן דֶער סַאזְשֶׁע
אִין קוֹימֶען, מִילֶעכְדִיגֶע וַוארֶענִיקֶעס בַּייא דֶער רֶבִּי׳צֶען, אַ גֶעווִיסֶער
בַּיים טַייךְ, אַ שְׁלַאקְסְרֶעגֶען אִין שְׁטוּב אַרַיין, אַרוֹיסְגֶעפְלוֹיגֶען דֶער
האן, דִיא קִיה זִיךְ גֶעקַאלְבְּט, דִיא פֶּערְנֶעהמֶען אִין טְשֶׁערֶעדֶע, אַ מְקַבֵּל׳שׁ
מָאהלְצַייט בַּיים גְבִיר, אַ סָאטְצְקִי רִיהְפְּט צוּם סְטַאנָאוואֵי, דֶער סְפֶּעקְטָאר
אִיבֶּער דִיא חֲדָרִים גֶעקִימֶען אוּנ פָּאדֶערְט אַ שַׁיין, אָנְגֶעפָאהרֶען אַ גִיטֶער
יוּד, אַ חַזָּן מִיט מְשׁוֹרְרִים, אַ חַטָא, אַ נֵס, צִיא אַ מַחֲלוֹקֶת אִין קָהָל
וּכְדוֹמֶה. . . צִיא עֶס קִימְט נָאר אַזוֹיא גְלַאט אַרַיין אַ שָׁכֵן, אַ שְׁכֵנָה,
צִיא וֶוער בֶּעטֶען דֶעם רֶבִּי׳ן, עֶר זָאל אִיהר אָנְשְׁרַייבֶּען אַ בְּרִיוֶועל
צוּא דֶער שְׁטִיפְטָאכְטֶער אִין זַאדְקִיוֶועץ ; אַ מָאל רַייסְט נָאר אָפּ אַ דוּרְכְ-
מַארְשִׁירֶענְדֶער יוּדִישֶׁער סָאלְדַאט, דֶער רֶבִּי׳צֶענְס אַפֶּערְד-בַּייטְשׁ-שְׁטֶע-
קֶעלֶע. . . אַ מָאל נָאר אַ גֵר פוּן מָאסְקְווִיטֶער לַאנְד, צִיא אַזוֹי אַ בַּטְלָן
קִימְט אַרַיין אַ בִּיסֶעל בַּאלַאקֶען מִיט׳ן רֶבִּי׳ן פוּן צָרוֹת-יִשְׂרָאֵל, פוּן
גָלוּת-הַשְׁכִינָה, פוּן דִיא ווִילְדֶע מִלְחָמוֹת, פוּנ׳ם אַלְטֶענְס פְּטִירָה זַ״ל,
פוּן דֶער לוּדְמֶערֶער מוֹיד, פוּן דִיא גְזֵרוֹת. פוּן רוֹיטְהשִׁילְד׳ס עֲשִׁירוּת,
פוּן קַארְמֶעלִיוּק׳ס חַרַאבְּרָאסְט אוּנ טָאבֶּעלְטָאק׳ס גְבוּרָה אוּנ פִּינְטֶער׳ס
מָמוֹן קֹרַח, פוּן מֶעכַאלְקֶע׳ס דָאקְטָארַיי, פוּן דִיא גְרוֹיסֶע שְׂרֵפוֹת,
פוּן מֹשֶׁה אַדֶעסְסֶער ימ״ש, פוּן דִיא ווִילְדֶע קְרִירוֹת, פוּנ׳ם עֶרְשְׁטֶען עָפּוּשׁ
ר״ל אוּנ פוּן פוֹיגֶעל-מִילְךְ. . . נָא, אוּנ דָאס שְׁמַייסֶען אוּנ קַאטֶעוֶוען
אוּנְז גוּפָא אִיז דֶען פַאר אוּנְז נִישְׁט גֶעוֶועהן אַ פָּאטְיֶעכַא. . ? גֶעוֶועהן,
ווִיא אִיךְ בִּין אַ יוּד ! — אַבִּיא מְ׳הָאט נָאר גֶעקַאטֶעוֶועט יֶענֶעם — נִיט
מִיךְ, הָאבֶּען מִיר שׁוֹין אַלֶע אִיבְּרִיגֶע יוּנְגְלֶעךְ גֶעלַאכְט אוּנ גֶערֵייצְט
דֶעם גֶעפִּיצְקֶעטֶען אוּנ גֶעשָׁאטְען מִיט וֶוארְטֶעלִיךְ אוֹיף זַיין בֵּייז-ווִינְדֶער,
אַ חוּץ דִיא גֶעווִיסֶע סְקַארְבָּאוֶוע חֶדֶר-לִיעדְלִיךְ ; גֶעשְׁמִיסֶענֶער ת. . . מִיט
דִיא לַאנְגֶע בְּרָכוֹת. . .״ — „וָואס אִיז דִיר אוֹיסֶען ? — דֶער ת. . . דִיר
אִין דְרוֹיסֶען״ — „גְוַואלְד, גְוַואלְד, בְּרֶעכְט דִיא הֶאנְד — דָאס אוּנְטֶערְ-

שטיבעלע אבגעברענט!״ ... וכדומה, — און ווען ס'איז געשעהן די קאמעדיא, וואס דער רבי פלעגט אפט אבשפיעלען מיט א יונגעל, דהיינו! : איהם לאזען ליגען איבער'ן ביינקעל מיט'ן הוילען ארויף און אליין ערשט געהען אנקלויבען ריטער אין באאד, און פון א חן'דעל וועגען האט ער איהם דערוויייל צוגעדעקט דעם וויא הייסט מען עס מיט דער טשולענט-שמאטע, און איהם אנגעזאגט דמים בראשו, ער זאל זיך ניט דערוואגען א ריהר טיהן פונ'ם ארט ביז זיין צוריקקומען פונ'ם מרחץ... אט, ביא אזעלכע שטוקעס-פוקעס פלעגען מיר שוין אלע יונגלעך שווימען אויף אלע זאסטאווקעס, גאר אויף א-נ-אנדער אופן....

ווער שמיסט, אז דער רבי האט נאקאזעוועט א יונגעל נאך דער רעוויזיע גדולה, א דא איז אונזער שווימען שוין גאר געוועזן למעלה מדרך הטבע! — די מעשה מיט דער רעוויזיע גדולה פלעג אזויא פארקימען: איין מאל אין יעדען חודש פלעג דער רבי אזוי: גאר פליצעם, אומגערעכט, א חאפ טהין אונז, יונגלעך און אויסטיהן ביז אין די העמדליך, און פלעג בודק זיין די העמדליך מיט די תחתונים'ליך, ציא געפינט זיך אויף זייא ניט עפעס א געל פלאקעל ציא א שפריינקעלע פון אומריינע נקיות חס ושלום... און ביא דעם יונגעל, וואס ער האט געפונען אזא מין שפריינקעלע — האט ער אויף איהם באלד אויסגעגלאצט א פאאר אויגען, וויא א מלאך-המות, און האט איהם מיט א ודוי-קול בעאויקעט, בעוועהקעט, בעזיפצט און בעקרעכצט אויף דעם ביטערען חטא, רחמנא לצלן... און נאך אסך שמאצקען מיט די ליפען, שאקלען מיט די פאות און דרייען מיט'ן קאפף וויא א-נ-אבל, האט ער פליצעם, מיט א זהת-נגון אויסגעשריגען: „צא איש מטונף!“ און האט דערביי שוין טאקע געחאפט דעם יונגעלס דארע צוויא באקליך צווישען זיינע לאנגע ביינערנע פינגער, האט איהם אויפגעהייבען אין דער לופט און געטרעסעט א פאאר מינוט, וויא א לולב, אז דאס קינד איז שעור אהן א קאפף געבליבען... און דער נאך האט ער איהר געשיקט צום טייך, ער זאל פערשווינקען דאס פלאקעל — עס האט געמאגט דעמעלט זיין א פראסט, א זאווערעכע און א-נ-אימקימעניש אין דרויסען — און ערשט, אז דאס אומגליקליכע יונגעל איז געקימען א פערגליווערטער צוריק-דעמסטמאל האט ער איהם ערשט מקים-פסק געוועהן! — אבער נישט א פשוט'ן פסק וויא גע-וועהנטליך, חלילה! נאך א רעוויזיע גדולה, פאר אזא הארבען קרימי-נאל — פערברעך איז געוועהן א פסק נאך דער נאנצער צערעמאניע פון א קריגסגעריכט, היינו: מע האט דעם פערברעכער אנגעטיהן א סוויטקע — פון דער רבי'צענס עפעס איין אלט, צעטאכטארעוועט

ליבטיקענאשעל (גמטנ״ל)

לייבטיקענאשעל — מיט א לאטע אויף דיא פלייצעס; אויפ'ן קאפף — איין איבערגעקעהרט אלט אבגעבארעט שטריימעל, אין שפיטץ איינגעשטעקט א לאנגען הינדעטשענעם פעדער, צוא וועלכען ער האט ביים עק אנגעקלייבט א קוויטעלע מיט גרויסע כתיבה'ס אותיות „איש מטונף! (דער אונ דער)“... אט אין דעם הולך האט מען איהם ארונטער געריקט אונטערן שטאלען פונ'ם טיש, אונ מיט ברייטליך ארומגעשטעלט כמו וויא איין א סטראג... אונ צוויא יונגליך, מיט קאטשעלקעס, אויף דיא אקסלען, — כמו וויא ביקסען — אונ צוויא שייטהאלצער אין דיא לינקע האנד-צום באראבאנען אויפ'ן טיש אונ אין דיא ברייטליך ארײן — זענען ארומגעגאנגען ארום דעם אסטראג, כמו א קאראוואל, אונ האבען באראבאנעט אונ געשריגען „סלוש...?“ דעם רימען, מיט וועלכען מע האט דאס יונגעל בעדארפט גנאטעווען. חאט מען, דורך דעם שפאלט אין טיש, ארײנגעלאזט צוא איהם אין אסטראג ארײן אונ יעדעס מאל האט דער טשאסאוואי פון אויבען א באמבעל געטיהן כדי דער רימען זאל זיך דארט אינעווייניג שאקלען פאר'ן יונגעלס אויגען...

דיא וועזשע האט געדיערט א פאר שעה אונ במשך דער צייט האט מען דערוויל, פון א פירבאנק מיט אלאקשען-ברייט, אויסגעסטרויעט א עשאפאט... צוויא אנדערע יונגלעך, מיט א באקען אונ א כקאווארדע אין דיא האנד, זענען געשטאנען גרייט צוא באראבאנען מיט פאלאניקעס בעת גנאטעווען... איין יונגעל וויעדער, אין א רויט העמדעל — פון דער רבי'צענס קאמאשענער ציך — פאר'ן תלין; איינער מיט א זאלץ-מעסטעל אונ א קארט-וואסער — פאר'ן דאקטאר... אונ דיא איבריגע יונגלעך, מיט שטעקענס, קאטשערעס אונ לאפעטעס, נא פליעטשא — פאר דער ראטע צום קאטעווען... ענדע צוויא שעה האט מען דעם נעווילניק א פירגענעהמען, דורכגעפיהרט געבונדען 3 מאל דורך דער ראטע אונ יעדער האט געדארפט א שפיי טהין אין פנים ארײן אונ אויסשרייען „איש מטונף!“... אונ נאך דיא הקפות האט דער תלין ארויסגענעהמען דעם רימען פונ'ם שטאלען אונ דער רבי — אלס פלאטץ-מאיאר — האט געלייענט דעם דעקרעט... אונ באלד האט מען איהם אויסגעטהין נאקעט, אויסגעצויגען איבער'ן עשאפאט, געקרעמפעוועט האנד אונ פיסס אונטערן עשאפאט, מיט'ן וויא הייסט מען עס בולעט ארויף... דער תלין האט זיך געשטעלט אזש ביי דער הויזענטיער אונ צוא יעדען גנאט פלעג ער זיך צולאזען פון דער טיער אין איין אימפעד צום עשאפאט אונ דערלאנגען א טראסק מיט'ן רימען אונ ווייטער צוריקגעהען, אזויא כסדר, ביז דעם לעטצטען שמיטץ... אונ צווישען איין שמיטץ צום אנדערן, האט דער דאקטאר א שיטט

גֶעטִיהן אַ וְשִׁמְעֵנִי זַאלְץ אויפְּץ . . . אונ אַחֲלֵיוּ: גֶעטִיהן וַואסֶער פוּן דֶער קָארְט אונ דִיא בַּארֶעבַּאנְשְׁטְשִׁיקֶעס הָאבֶּען גֶעקְלָאפְּט, גֶעלְיַארֶעמְט, צוּא פֶּערְהִילְכֶען דֶעם גֶעגְוָואטֶעוֶועטֶענְס קוֹלוֹת, ווָאס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען עַד לֵב הַשָּׁמַיִם . . . אונ דֶער רֶבִּי אַלֵיין, מִיט פֶערְגְלָאנְצְטֶע אויגֶען צוּא גָאט . . . הָאט אַלֶע מָאל פֶּערְבִּיסֶען מִיטֶ'ן פִינְגֶער צוּם תַּלְיָן, עֶר זָאל נִיט פַאלְשֶׁעוֶוען אִין דֶער עֲבוֹדָה . . .

— אָ דָאס הָאט אִיהר אַייךְ דִיא רֶעוִויזֶיע גְדוֹלָה מִיט אִיהר פְּסַק! הַיינְט שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר, ווָאס פַאר אַ סְווִיטְיַאק בַּאנְקֶע, דָאס אִיז פַאר אוּנְז יוּנְגְלֶעךְ גֶעוֶועהן! . . .

הַיוֹצֵא לָנוּ מִזֶה, אַז בַּייא אַלֶע צָרוֹת, שְׁלֶאק אונ בִּזְיוֹנוֹת פוּן דִיא טַאטֶעס, רֶבִּי'ס אונ אַזוֹי יוּדֶען מִיט בֶּארְד, הָאבֶּען מִיר זִיךְ דָאךְ גֶעשְׁטַארְקְט בַּייא זִיךְ, אונ ווִיא עֶס נִיט אִיז, גֶעשְׁווִימֶען אִין דֶער לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע אַלְץ מִיט דֶער זִיסֶער הָאפְנוּנְג: אֶט, אֶט, וֶוער אִיךְ אַ יוּד, אַ טָאטֶע-וֶועל אִיךְ שׁוֹין פָּטוּר וֶוערֶען דֶעם יוּנְגֶעלְשֶׁען גָלוּת, אונ וֶועל מִיר שְׁווִימֶען פְרַאנְק אונ פְרַיי, גְלַייךְ מִיט אַלֶע יוּדֶען, אויף אַלֶע זַאסְטֶאוְוקֶעס! . . . אונ כַּךְ הֲוָה: אִיךְ הָאבּ דִיא גִילְדֶענֶע צַייט דֶער לֶעבְּט, אונ הָאבּ מִיךְ צוּלָאזְט שְׁווִימֶען אויף ווָאס דִיא וֶועלְט שְׁטֶעהט! . . . נַא זְשֶׁע דִיר אִין מִיטֶען דֶערִינֶען קִימְט אַזַא שִׁיבֶּענִיק אונ פַייפְט מִיר אָן אִין מַיין גַאנְצֶער גְדוֹלָה, אַז סַאמֶע בַּיים רֶעכְטֶען הַאק-בְּלַייבּ אִיךְ גָאר אוּמְגֶעדְרַייט! . . . אֶט הֶערְט אִינְמִיסְטֶען, ווִיא אַזוֹיא אִיךְ הָאבּ מִיךְ עֶרְשְׁט צוּקַאטְשֶׁעט דִיא הָאנְד אויף מַאכֶען פוּלְקֶעס אִין דֶער לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע תֵּיכֶף נָאךְ מַיין חֲתוּנָה-וֶועט אִיהר אַלֵיין מוֹדֶה זַיין: ווִיא גְלִיקְלִיךְ אִיךְ ווָאלְט גִיקֶענְט זַיין מַיין גַאנְץ לֶעבֶּען, אונ ווִיא אוּמְגְלִיקְלִיךְ אִיךְ בִּין פְּלִיצֶעס גֶעווָארֶען אִיבֶּער אָ דֶעם עַכְבְּרִישׁ, דֶעם לִיטְווִישֶׁען לֶעהְרֶערוּשְׁקֶע, יִמַּח שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ זָאל עֶר וֶוערֶען! . . .

## 14.

# דִיא יוּדֶען פַאבְּרִיק.

פוּן דֶעם גַאנְצֶען ווָאס, פְרִיעֶר אִיז דָא גֶעשְׁרִיבֶּען, דַארְפְט אִיהר אַרוֹיס זֶעהֶען, אַז צוּם אוֹיס פִיהְרֶען אוּנְזֶער תַּאֲוָה-וֶוערֶען אַ יוּד-הָאבֶּען דָאךְ אוּנְז דִיא גְרוֹיסֶע יוּדֶען אַלֵיין אויךְ צוּגֶעהָאלְפֶען ווִיא וַוייט מֶעגְלִיךְ אַזוֹיא, אַז דָאס שְׁטִיקֶעל אַרְבַּייט אִיז אוּנְז כִּמְעַט זֶעהֶער לַייכְט אָנְגֶעקִימֶען! . . . אִיהר זֶעהט דָאךְ בְּעַשַׁיינְפֶּערְלִיךְ, אַז אִין דֶעם

יודיש-פוילישען גדול-בנים איז אמת מקוים געווארען דער גמרא'ס ווארטעל: „נאך מעהר חיא דאס קאלבעל וויל זויגען — וויל דיא קיא דעם גיבען זייגען“ — אמת, וויא מיר יודען זעגען! : אסך מעהר פון אונז יונגלעה, האבען דיא טאטעס, רבי'ס אונ אזוי יודען מיט בארד גענארט אונ געשטרעבט מיט'ן לעבען, זייא זאלען, אין אזא קורצען משך פון 3 ביז 13 יאהר אלט, אויס ארבייטען פון אונז פאללקאמען-גרויסע חסידישע יודען אזוי, אז צוא דער בר מצוה זאלען מיר שוין זיין פערטיגע, געקאאוועטע, צוקוועטשטע, צעבראכענע, אבגעלעבטע, כשר'ע-מערידענדיגע יודען, מיט אלע פישטשעוקעס על פי שלחן-ערוך, ראשית-חכמה, שבט-מוסר אונ אלע ספרי יראים כדבעי... אזוי אז ארויס געהענדיג פונ'ם חדר אין קלייזעל אריין, זאל שוין דאס יונגעל האבען דורכגעמאכט דיא גאנצע 70-יאהריגע עלטער פון א מענשען בכלל אונ פון אחסיד'שען, אויס געמוטשעטען יודען בפרט באופן, אז צוא דער בר-מצוה זאל ער שוין האבען איבער געלעבט זיך אליין... אונ אויס זעהען פון אמזומן'עם בן-עולם-הבא'ניק נאר כפי אזא וואזשנע הייליג שליחות איז דאך זעהר שווער אויס צוא פיהרען ביים יונגעל אין דער היים, דארט וויא דער טאטע איז נעבין טרוד אין חסידות אונ עבדות-הבורא, אונ דיא מאמע-אין אויס גיאנטשען דיא קינדער אונ דער צי דאגות פרנסה... לכן איז פון יעדען פוילישען טאטען איבער גיענטפערט דאס הייליגע ערבות איבער זיינע זכרים-קינדער צום קהל... קהל איז דאך אבער נאך אויך טרוד אין צרכי-צבור באמונה... געהמט מען אונ מ'גיבט איבער דעם גאנצען ענין אויפ'ן רבי'נס האנד . . . דער טאטע מיט קהל ארבייטען אויס א דאס שליחות אזוי... פראוואט-מאסיג אונ דער רבי מיט'ן חדר ארבייטען עם נאראטשנע, אויף זאקאז... דיא היים מיט דיא יודען מאכען פונ'ם יונגעל א קליין-יודעלע אונ דער רבי מיט'ן חדר—א גרויסען פאלקאמענעם יודען... דאס חדר איז דיא יודען-פאבריק אונ דער רבי-דער יודען מאדעל, אויף וועלכען דיא קליינע יודעליך דארפען שטענדיג קיקען אונ נאכקאפירען אות באות אלע זיינע כשר'ע, הייליגע תנועות אונ פאסטעמקעס, ביז זייא זאלען פון זיך מאכען אזעלכע ציאצקעס, תכשיטים, פעפערליך וויא ער אליין איז... פערשטעהט זיך פון זיך זעלבסט, אז אזא שווער שטיקעל ארבייט איז אונמעגליך אויס צוא פיהרען אין גיטען מיט קאנדסים, ווייסע-חברה'ניקעס, וואס קענען ניט משיג זיין דעם אמת'יודישען תכלית, אזויא וויא דיא גרויסע יודען... אוודאי מוז מען שטענדיג געברויכען דער ציא קאנטשעקעס מיט פעטש, ציבעקליך מיט בערעזאוע ריטער, בכדי נאר צוא דער מאהנען דעם שקץ, דעם ווייסע-חברה'ניק אלע מינוט, אז דאס איז ניט קיין

שְׁפִּיעלְעכֶען ! . . . אוּנ אָט אוֹיף דָעם אוֹפֶן מוּז דָאס קְלֵיינָע יוּדֶעלֶע בִּיז דְער תְּחוּנָה זַיין דָעם טַאטֶענְס עַל-חֵטְא-בְּרוּסְט, דֶער מַאמֶעס פְּלִיק-קֶאסְטָעל, דָעם רֶבִּי'נְס לָעדְוִויצֶע, דֶער רֶבִּי'צֶענְס דִיעֶנְסְט-מֵיידֶעל, דָעם בֶּעהֶעלְפֶּערְס הָאדִיוּוְלִיעֶנִיק, דָעם קְלֵייזְעלְס שַׁאלַאטֶען-שַׁמָשׁ אוּנ דָעם קָהָלְ'ס כַּפָּרָה-הִינְדֶעל . . . בִּכְדֵי דִיא אַלֶע צוּזַאמֶען זָאלִין קָאנֶען אַרְבַּייטֶען אוּנ אוּיס פִיהְרֶען בִּשְׁלֵמוּת זֵייעֶר הֵיילִיג נוּטְצְלֶעךְ שְׁלִיחוּת ! . . . הַיינְט קֶענְט אִיהר שׁוֹין פֶערְשְׁטֶעהֶן, וְוִיא וַוייט דִיא אַרְבַּייט גֶעהט פְרֶעהלִיךְ, לֶעבֶּעדִיג אוּנ שְׁמֵיידִיג פוּן בֵּיידֶע צְדָדִים ! סְ'הֵייסְט : פִין אוּנְזֶער גַאאַרֶען אוּנ פִין זֵייעֶר פִילְגֶעוֶוען דִיא מְלָאכָה . . . אַז אִיךְ שְׁוֶוער אֵייךְ בַּייא לֶעבֶּען, אַז פּוּנְקְט צוּא דֶער בַּר-מִצְוָה בִּין אִיךְ אַרוּיס דִיא גֶעווִינְשֶׁענֶע, טְהַייעֶרֶע, הֵיילִיגֶע, שֶׁאנֶע בְּרִיאָה טָאטְשׁ אִיב טָאטְשׁ דֶער מָאדֶעל אַלֵיין מִיט אַלֶע פִּישְׁטְשֶׁעוֶוקֶעס ! . . . אוּנ מַיין יוּנְגֶעלְשֶׁע תַּאֲוָה אִיז דֶער פִּילְט גֶעוָוארֶען עַל צַד הַיוֹתֵר טוֹב ! . . . קָאם בִּין אִיךְ-פַּארְ'ן שְׁלֵייעֶר-וַואַרֶעמֶעס-נָאר אַרֵיין אִין טַלִית אַרֵיין, בִּין אִיךְ שׁוֹין טַאקֶע גֶעוָוארֶען אַפֶּערְד-וֶוען נָאךְ נִיט אִין דִישֶׁעלל - אָבֶער אוּיפְ'ן דְרָאנְזְשִׁיק אַוַדַאי ! אוּנ אִיךְ הָאבּ שׁוֹין טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבֶּען פְרַאנְק אוּנ פְרַייא מִיט צוּמַאכֶען אַלֶע מִינִים שְׁווִימֶעכְצֶען בִּכְלָל וּבִפְרַט, גְלַייךְ מִיט דִיא טַאטֶעס אוּנ אַלֶע גְרוֹיסֶע יוּדֶען מִיט בֶּערְד, אוּנ קַיינֶער הָאט מִיר שׁוֹין נִיט אָפּ גֶעזָאגְט פוּן קְוַואטֶערְשַׁאפְט . . .

אַ נַייעֶ, לִיכְטִיגֶע לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע הָאט זִיךְ פַאר מִיר גֶעעֶפֶענְט, אוּנ אִיךְ הָאבּ מִיךְ אִין אִיהר צוּלָאזְט וַוארְפֶען פוּלְקֶעס אוּיף אַלֶע זַייטֶען גְלַייךְ מִיט דִיא טַאטֶעס אוּנ בֶּערְד : אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אוֹיךְ מַיין שָׁאפֶּעלֶע מִיטְ'ן בֶּאזֶעמֶעל אִין בָּאאד ; אִיךְ שְׁמַייס מִיךְ שׁוֹין אוֹיךְ אַלֵיין אוּיף דֶער אוּיבֶּערְשְׁטֶער בַּאנְק, אוּנ שְׁרַייא גְלַייךְ מִיט אַלֶע „אַיי אַיי אַיי ! פַּארֶע ! נָאךְ אַבִּיסֶעלֶע, אֵיי אֵיי אֵיי ! הַא אַ אַ אַ . . . פִּקוּחַ נֶפֶשׁ ! . . . . . . אִיךְ פְרִידֶע שׁוֹין אוֹיךְ מַיין טַלִית-קָטָן אוּיף דִיא בַּאנְטֶעס ; אִיךְ לוֹיף שׁוֹין אוֹיךְ גְלַייךְ פוּן דֶער אוּיבֶּערְשְׁטֶער בַּאנְק אַרָאפּ אוּיפְ'ן דְרוֹיסֶענְדִיגֶען בָּאד-פְּלַאטְץ, אוּנ זִיטְץ מִיר דָארְט אוֹיךְ נַאקֶעט צְווִישֶׁען דֶער לַאנְגֶער שֶׁערֶענְגֶע נַאקֶעטֶע יוּדֶען אוּיף דֶער דְרוֹיסֶען-בַּאנְק מִיט אַ נַאסֶער פַּאטְשֵׁיילֶע אוּיפְ'ן בּוֹיךְ אוּנ דִיא פַּארֶע זֶעצְט פוּן מִיר וְוִיא פוּן אַלֶע, אוּנ אִיךְ פֶערְקִיהל מִיךְ נִיט גְלַייךְ מִיט זַייא אִינֶ'ס גְרֶעסְטֶען פְרָאסְט, אוּנ שֶׁעהם זִיךְ נִיט גְלַייךְ מִיט זַייא פַאר הוּנְדֶערְטֶער דוּרְכְגֶעהֶער דָארְט... אוּנ וָואס הָאט מֶען זִיךְ דֶען דָא צוּא שֶׁעהמֶען מִיט אַ דְבַר מִצְוָה לִכְבוֹד שַׁבָּת : אוּנ פַאר וֶועמֶען זָאל מֶען זִיךְ דָא שֶׁעהמֶען ? — יֶענֶע דוּרְכְגֶעהֶער זֶענֶען דֶען חָלִילָה נִיט קֵיין יוּדֶען וָואס מִיר ? . . . אַיי יוּדֶענְעס אוּנ מֵיידְלִיךְ — ? דִיא פֶערְשְׁטֶעלֶען זִיךְ דָאךְ אַלֵיין דִיא אוֹיגֶען פַאר בַּייא

געהענדיג!... איך שטעל מיר שוין אויך אלע פרייטאג טרוקענע באנקעס אויף די פלייצעס און געהאקטע אויף דער פאטילניצע, בכדי צו שטיללען די הייסע געבליטען... אויף אגאנצער וואך; געהענדיג פינ׳ם מרחץ א היים טרייט איך שוין אויך אב צו שמעריל שיינקער, חאפען א גלעזעל מעד פונ׳ם פאסטעוויץ א. ז. וו. — וויא געפעלט אייך אדיא גאנצע באד-פראצעסיע! — ס׳איז דאך טאקע נאר א נחת און א ברכה פון זיין ליעבען נאמען, באמונות!... נישמעהר געה מאהל אויס א געבוירענעם בלינדען די שאנע, ליכטיגע זינן...? געה גיב צו פערשטעהן די קאלטע מגושם׳ע דייטשונעס דאס שיינענדיגע בילד פון א שערענגע פערשוויצטע פערפאליעטע, צוויק-רויטע, געשמיסענע, נאקעטע יודען אין דרויסען!... ציא געה מאהל אויס דעם זיבעטען חן פון די מילציג-בלויע געגאלטע קאפף מיט די, כמו וויא ציגעקלייבטע, פאאר גלייכע לאנגע-אום ווינטער פערסטארטשעטע-פאות מיט די צווייא פריש-געהאקטע באנקעס אויף דער פאטיליצע, פון אונטער דער פערשמאלציוועטער יארמעלקע ארויס קיקענדיג... און אז דאס שאן-חן׳עווידיג בריאה׳לע געהט זיך אזויא פערפלאמט לויפענדיג פונ׳ם מרחץ, מיט׳ן נאסען באזעמיל אין איין האנד און מיט׳ן בריה׳ש-געמאכטען ארבעל-קלימעקיל אין דער אנדערער, און דאס חאפט נאך א גיט גלעזעלע מעד, אזוי בגימוס, מיט גאטס כח... און ס׳קימט א היים און חאפט דאס ביסעל „טועמיה“ — א ווײדעלע פונ׳ם 3-קאפיקאווע העכטעל צי קארעסעל, און זיפ הייסע לאקשען-יאך און ס׳הייבט אן וויא אויף א מאיאווע פיבער, — איהם צו נעהמען די נשמה יתרה... און ער קריכט אזוי פאוואלי אריין אינ׳ם טהייערען שבת קודש אריין... נא, קען גאר א פראסטער מוח משיג זיין דאס שאנע עהרליכע געמאהל מיט דעם זיסען, לעכטיגען תענוג פון אט דעם לויכענדיגען זיידענעם בריאה׳לע?... קיין צער באמונות! און דאס האב איך אנגעהייבען צו פארזוכען דאס ערשטע מאהל אין מיין לעבען דאס יאהר נאך דער חתונה; היינט האב איך שוין אויך אנגעהייבען גלייך מיט זיי צו שמיסען פאטשטשען אין באד ביז זייגער 12 און פיפקען אלילקע-ציבעקעל; איך טרינק שוין אויך תקון אין קלייזעל און בין שוין אויך א מחותן אויף אלע חסיד׳ישע קערמעשלעך און יומא-דפגרא׳לעך; איך פאהר שוין אויך שושן-פורים רייטענדיג אויף א קאטשערע קיין שושן... און מאך דניאווקעס אין אלע ווײנשיינקען; איך שטופ מיך שוין אויך אין אלע רעדלעך און מיש מיך אין אלע חסיד׳שע דראיזגעס; איך פאהר שוין אליין אויך מיט א פערד און וואגעלע צום רבי׳ן אהן א בעל עגלה; איך דבק׳ה שוין אויך אין ספורי מעשיות פונ׳ם בעל שם מיט זיין חבריא מיט׳ן פארבארגענעם



למד

לַמְד-וָאו-נִיק, אַלֶעקְסֶע דֶעם רֶבִּינְס ע״ה; אִיךְ גֵעה שׁוֹין אוֹיךְ וְויא אַ מְחוּיָב אוֹיף חֲתוּנוֹת, בְּרִית׳ן, פִּדְיוֹן-הַבֵּן׳ס אוּנ אוֹיף אַנְדֶערֶע סְעוּדוֹת מִצְוָה; אִיךְ שִׁיט שׁוֹין אוֹיךְ מִיט וֶוערְטְלֶעךְ אוּנ פְּרַאוֶוע חֲסִידוּת אוֹיף וָואס דִיא וֶועלְט שְׁטֶעהט! הַכְּלָל, אִיךְ שְׁווִים אִין מַיין אָפֶּענֶער לֶעבֶּענְס-קַאלְיוְשֶׁע אוֹיף וָואס דִיא וֶועלְט שְׁטֶעהט פְּרַאנְק אוּנ פְּרַייא אוֹיף אַלֶע זַאסְטַאווְקֶעס גְלַייךְ מִיט אַלֶע גְרוֹיסֶע יוּדֶען מִיט בָּארְד, — אוּנ אִין מִיטֶען דֶערִינֶען קוּמְט אַ רוּחַ, אַ שְׁלַאק פוּן אַלְדֶע שְׁוַוארְצֶע יָאהר, אוּנ כַאמֶע בַּיים רֶעכְטֶען הַאק, בַּייא דֶער רֶעכְטֶער גְדוֹלָה, בְּרֶעכְט עֶר מִיךְ אַרוֹיס פוּן אַזַא עֶהרְלִיכָר, זִיסֶער, צִיַקאוָועדִיגֶער, פַארְכְשׁוּפְּטֶער לֶעבֶּענְס-קַאלְיוְשֶׁע אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיָה אַרַיין!...

## 15.

## שֵׁאנֶע יוּדֶען אוּנ עֶהרְלִיכֶע יוּדֶען.

אַי, אַי, טָהוּט עֶס מִיר הַארְצִיג בַּאנְג, אַז דֶער רוּחַ נֶעמְט מִיר אַזְש שְׁעוּר צוּא! אִיךְ וָואלְט דָאךְ מִיר גֶעוֶוען אַזוֹי לְיוּבִּיסִינְקֶע אָב גֶעשְׁווִימֶען מַיין וֶועלְטֶעלֶע אַז נָאר גָאט אוּנ לַייט וָואלְטֶען מִיר מְקַנְּא גֶעוֶועהן — אִיךְ וָואלְט מִיר שְׁפִּילֶענְדִיג גֶעוֶוען אָפְּגֶעגֶעסֶען דִיא 3 יָאהר קֶאסְט בַּיי׳ם טַאטֶען, דִיא 2 בַּיים שְׁוֶוער אוּנ שְׁווִיגֶער אוּנ וָואלְט מִיר אִין דֶעם מֶשֶׁךְ גֶעוֶוען אָנְגֶעפְּלָאדֶעט הִיבְּשֶׁע עֶטְלִיכֶע קְלֵיינֶע-יוּדֶעלֶעךְ, וְויא אַחֲסִיד׳שֶׁעו יוּנְגֶען מַאן שְׁטֶעהט אָן, אוּנ נָאךְ דִיא קֶאסְט וָואלְט אִיךְ מִיר אוֹיף מַיינֶע רֵי״שׁ קֶארְבְלָעךְ סִיגְנַאצִיֶע נַדַן גֶעוָוען גֶעפָּאהרֶען אַ 77 מָאל צוּם רֶבִּי׳ן אוּנ וָואלְט פַּאוָואלִי גֶעוָוארֶען אַצֶעבְּרַאכֶענֶער יוּד, אַ תַּכְשִׁיט, אֶפְשָׁר אַ אִיצָעלֶע שַׁבְּנָא׳ס... דֶער נָאךְ וָואלְט אִיךְ גֶעוָוארֶען אַתּוֹשָׁב אִין רֶבִּי׳נְס קְלוֹיז, פוּן דֶער חֶבְרָה בָּארְשְׁט, אוּנ פַּאוָואלִי טַאקִי פוּן דִיא הַייסֶע מְקוּרָבִים אוּנ וָואלְט זִיךְ מִיט דֶער צַייט גֶעוֶוען צוּגֶעשְׁלָאגֶען-בִּפְקוּדַת הַצַּדִיק-צוּא עֶפִּיס אַרֶעכְט הִתְמַנּוּת׳ל, וְויא לְמָשָׁל: שְׁטָאדְט-יַאבֶּעדְנִיק, קָהָל-פְּרֶעסֶער, יַאטֶקֶע-גַנָב, קְלוֹיז-מוֹכִיחַ וּכְדוֹמֶה. אוּנ מִי יוֹדֵעַ? אֶפְשָׁר וָואלְט אִיךְ טַאקִי פַּארְטְרֵייטֶען בַּיי׳ם רֶבִּי׳ן גוּפָא פַאר טִישׁ-צִי פִישׁ-גַבַּאי; קְלוֹיז-צִי הוֹיז-גַבַּאי; קֵייטֶעל-צִי קְנֵייטֶעל-גַבַּאי; שְׁרַייבּ-צִי טְרַייבּ-צִיא אֶפְשָׁר וַוייבּ-צִי טַאקֶע גָאר לַייבּ-גַבַּאי אַלֵיין!... נָא, אוּנ אַז פִינֶ׳ם רֶבִּי׳ן גוּבֶּערְנִי-מְשׁוּלָח, צִי מַגִידוּת-מְשׁוּלָח, צִי גָאר אֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל-מְשׁוּלָח — וָואלְט אִיךְ דֶען שְׁלֶעכְט גֶעמַאכְט מִיטֶ׳ן רֶבִּינ׳ס כֹּחַ? אוּנ אַז נִיט דִיא אַלֶע הִתְמַנּוּת׳ן, וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען גֶעוָוארֶען אַ שַׁדְכָן, צִי אַ שַׁמָשׁ אִין דֶער קְלוֹיז רַבְּתָא, מִיט אַ כֹּחַ הַרְשָׁאָה אוֹיף

אַשֵׁיינְקֶעל אִין דֶער בִּימָה, כְּלֶעבֶּען, אויך גִּיט אַזוֹיא בִּיטֶער אִין פִּיסְק: אונ בַּייא כָּלוֹ כָּל הַקְּצִין, וָואלְט אִיךְ דָאךְ גֶעקֶענְט זַיין דֶער שָׁאנְסְטֶער מְקַבֵּל אִין וְצוֹנִי, כְּ׳לֶעבֶּען: אַ חָסִיד-אַבְרֶען, אַ צֶעבְּרָאכֶענֶער יוּד, אַנִ-עָנִי וְאֶבְיוֹן, אַ-נְאֵיינִיקֶעל אונ אַמְטוֹפֶל-בָּנִים, אונ נָאךְ מִיט אַמוֹרֶה-מוֹרֵנוּ בְּהָרַב אונְטֶערְגֶעשְׁלָאגֶען. וָואס-זְשֶׁע נָאךְ מֶעהר שֵׁיינְדְלִינְג דַארְף מֶען פַאר אַ שֶׁאנֶעם מְקַבֵּל צוּא זַיין? נוּא, אונ אַז חָלִילָה גָאר אַ בַּטְלָן, אַ לֶעדִיגְגֶעהֶער — אִיז דֶען אַנְאוּמְגְלִיק אִין אוּנְזֶער עֶהרְלִיךְ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶען פּוֹילֶען? לָאם אִיךְ הָאבֶּען דִיא מַזָל׳דִיגֶע יָאהר, וְוִיפִיל לֶעדִיגְגֶעהֶער׳ם, פּוּסְטֶעפַאסְנִיקֶעס מַאכֶען דָארְט אָפְט בֶּעסֶער פוּן דִיא אַנְדֶערֶע בַּעֲלֵי הִתְמַנוּת׳ן. דֶער עִיקָר אִיז — אַבִּי מֶען אִיז נָאר אַ״נ-עֶהרְלִיכֶער יוּד״; אַוַדַאי אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, אַז מֶע אִיז נָאךְ אַ ״שֵׁאנֶער יוּד״ אויךְ, הָאט מֶען שׁוֹין אַוַדַאי נִיט וָואס צוּא זָארְגֶען, דֶעמָאלְט גְלֶעט מֶען זִיךְ דָאם בַּייכֶעל אונ מֶע טִיהט נִיט קֵיין הַאנְד אִין קַאלְט וַואסֶער, אונ גֶעבְּרָאטֶענֶע טוֹיבֶּען פְלִיעֶן גְלַייךְ אִין מוֹיל אַריין... גִישְׁמֶעהר אַיין ״עֶהרְלִיכֶער יוּד״ אִין פּוֹילֶען דֶערְלֶעגְט אויךְ נִיט צוּא גָאטט, כְּ׳לֶעבֶּען! גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טִיהֶעכְצֶען אִיז אָהן עַיִן-הָרָע, אִין פּוֹילֶען דָא אִיבֶּער-גֶענִיג! אַז ס׳טַייעֶט פַאר יֶעדֶען לֶעדִי-גֶעהֶער — אַבִּיא אַ-נְ-עֶהרְלִיכֶער יוּד...! פַאר ״שֶׁאנֶע יוּדֶען״ אִיז דָא טַאקְסֶעס, נַאבָּארֶען, וְוִיבָּארֶעס, פְּרַאשְׁפָּארְטֶען, שִׁיסְלֶען, בִּקוּר-חוֹלִים׳ס אונ כְּדוֹמֶה אַזֶעלְכֶע שְׁטָאדְטִישׁ אִינְטֶערֶעסֶען... אונ פַאר ״עֶהרְלִיכֶע יוּדֶען״ אִיז דָא תַּלְמוּד-תּוֹרָה׳ס, קִינֶעס, פִּישְׁקֶעס, בֵּית-עַלְמִין׳ס, מִקְוָהוֹת, חָאלְיֶערְיֶע-קָאמִיטֶעטֶען, מַיִם-שֶׁלָנוּ׳ס, אַגְרָא-דְתַעֲנִיתָא וּכְדוֹמֶה אַזֶעלְכֶע יוּדֶעשְׁקַייטֶען... אונ אַז מֶע קֶען זִיךְ לַחֲלוּטִין נִיט צוּשְׁלָאגֶען צוּם מִינְדֶעסְטֶען שְׁטִיקֶעל הִתְמַנוּת׳ל, וֶוערְט מֶען שׁוֹין דָען, מֵיינְט אִיהר, חָלִילָה גָאר פֶערְפַאלֶען אִין פּוֹילֶען? — חַס וְשָׁלוֹם! — הֵייסְט מֶען נָאר בַּיים עוֹלָם ״עֶהרְלִיכֶער יוּד״ בֶּעשֶׁערְט אִיהם דֶער, וָואס לֶעבְּט אֵייבִּיג, זַיין שְׁטִיקֶעל אוֹיסְקִימֶענִישׁ... גָאר נִיט; עֶר גֶעהט אַרוּם שְׁלִינְג-אונ שְׁלַאנְג — וֶוערְט עֶר אַ בַּעַל-סוֹד, אַ בַּעַל-עֵצָה, אַ חֲטָאִים-ווִיסֶער, אַ בְּשׂוֹרוֹת-זָאגֶער, אַ מוֹכִיחַ, אַ יָאהר-עֵדוּת, אַ מוּמְחֶה, אַ שְׁפְּרֶאכֶער, אַ קַאטוּעֶס-טְרַייבֶּער, אַ פָּאטְשֶׁער, אַיין עָרוּב, גָאטט׳ס-סְטְרַאפְּטְשֶׁע, אַ שְׁרַייעֶר, אַ צִישְׁוַוייגֶער, אַ צִישָׁאקְלֶער, צִיבַּאמְקֶער, צִיוִוינְטְשֶׁער אונ גְלַאט אַיין עֶהרְלִיכֶער יוּד... מֵילָא קֵיין ״שֵׁאנֶער יוּד״ וָואלְט אִיךְ נִיט גֶעקָאנְט זַיין, מַחֲמַת ס׳פֶּעהלֶען מִיר דִיא אַלֶע מַעֲלוֹת-גוּפָנִיוֹת, מִיט וֶועלְכֶע מֶע אִיז זוֹכֶה צוּא ״שֶׁאנֶער-יוּד״. לְמָשָׁל: אַשֵׁאנֶע קוֹמָה; אַ הִיבְּשׁ קַיילֶעכְדִיג בַּאבֶּעל; אַ לַאנְג-בְּרֵייטְלִיכֶע גֶעהֶלֶע, צִיא שְׁוַוארְצֶע זַיידֶענֶע בָּארְד: אַ הוֹיכֶען, גְלַאטֶען, לוֹיכֶענְדִיגֶען שְׁטֶערְן! סַאמֶעטֶענֶע-שְׁוַוארְצֶע, פַייעֶרְדִיג אוֹיגֶען; אַ-נ-אַדְלֶערְשֶׁע נָאאז מִיט אַ בְּרֵייטֶער, קְלִינְגֶענְדִיגֶער נֶעמְבֶּע..

וּכְדוֹמֶה. — אָבֶער אַיין „עֶהרְלִיכֶער יוּד“ וָואלְט אִיךְ דָאךְ בְּפֵירוּשׁ גֶעקָאנְט הֵייסְעֶן אִין פּוֹילֶען! דָאס גֶעוֶוענְד זִיךְ דָאךְ נִיט אִין קַיים שׁוּם אוֹיסֶענְוֶוענִיגְסְטֶע אוּנ אִינֶעוֶוענִיגְסְטֶע מַעֲלוֹת, צִיא מִדוֹת-טוֹבוֹת — זָאנְדֶערְן נָאר אִין אַ מִין תַּם׳עֲוַואטֶע חִיטְרֶעסְט, מִיט אַ מִין נַאגְלֶע עֲנִיוֹת אוּנ בְּטֵלוּת, מִיט אַ לְפָנִים׳דִיג-הִסְתַּפְּקוּת אוּנ מִיט אַ זְלִידְנִיעֶשׁ-תַּם׳עֲוַואטֶע גְלַייךְ-וֶוארְטֶעלֶע... אוּנ עַל פִּי רוֹב הָאט מֶען עֶס גָאר בִּירוּשָׁה פוּן אַזֶעלְכֶע טַאטֶעס „עֶהרְלִיכֶע יוּדֶען“... אָט קִיקְט מִיט מִיר אִין דֶער וְצוֹנִי׳ר לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע אוּנ בֶּעטְרַאכְט מִיט מַיינֶע אוֹיגֶען אַ דָארְטִיגֶען בֶּעקַאנְטֶען „עֶהרְלִיכֶען יוּדֶען“, ר׳ יָאסֶעל לֵייב וָואלְצִיֶעס, אִין אַלֶע זַיינֶע תְּנוּעוֹת אוּנ הַנְהָגוֹת פוּן זַייט זַיין אוֹיפְשְׁטֶעהֶן בִּיז זַיין לֶעגֶען זִיךְ; זַיין גַאנְצֶען סֵדֶר-הַיּוֹם הַיינְט אוּנ נֶעכְטֶען אוּנ מָארְגֶען אוּנ תָּמִיד... אוּנ אִיבֶּערְצַייגְט אַייךְ אִין מַיינֶע וֶוערְטֶער...

## דֶער סֵדֶר-הַיּוֹם פוּן אַ וְצוֹנִי׳ר „עֶהרְלִיכֶען יוּדֶען“:

אָקֶערְשְׁט טָאג גֶעוָוארֶען! קִיקְט נָאר, מַיינֶע לִיעבֶּע לַאזֶער, אַ הִין, אִין עֶק שְׁטָאדְט, בַּייא דֶער רַאהַאטְקֶע... אִיהר זֶעהט! אָט אֶפֶּענְט זִיךְ דָארְט, אִין דֶער אַיינְגֶע-עוֹקֶר׳טֶער זֶעמְלְיַאנְקֶע, דִיא הוֹיזֶען-טִיער אוּנ ס׳גֶעהט אַרוֹיס אַ בֶּעטָאגְטֶער יוּד פוּן אַ יָאהר 40; דָאס אִיז ר׳ יָאסֶעל לֵייב וָואלְצִיס, אַיינֶער פוּן דִיא בֶּעקַאנְטֶע וְצוֹנִי׳ר „עֶהרְלִיכֶע יוּדֶען“, עֶר שְׁטֶעהט אַ פָּאר מִינוּט פַאר דֶער טִיער, קִיקְט אוֹיפ׳ן הִימֶעל אוּנ גֶענֶעצְט... קִיקֶענְדִיג אוֹיף דֶער מִין בְּרִיאָה, נָאךְ זַיין פִיגוּר, פָּאסְטֶעמְקֶעס אוּנ הוֹלֵךְ, דַארְף אַייךְ אַוַדַאי קָשֶׁה זַיין: וָואס אִיז דָאס פַאר אַ מִין סָארְט יוּד? — : נָאכ׳ן צֶעכְרָאסְטֶעטֶען גָארְגֶעל מִיט׳ן קְנָאפּ, מִיט דִיא פָּאאר גֶעגְרַייזֶעלְטֶע פֵּאוֹת וַוייזְט עֶר דַאכְט זִיךְ אוֹיס פוּן אַ חָסִיד, אַיין עֶדְלֶער-יוּד אִין פּוֹילֶען, אוּנ נָאךְ זַיין פֶערְגְרָאבְּטְלִיךְ-אַנְגֶעדְרָאלֶען פָּנִים, מִיט דִיא פָּאאר קֶאלְבֶּערְשֶׁע אוֹיגֶען, מִיט דִיא צְוַוייא בֶּערֶעקָאוֶוע-פְלַאטְשִׁיגֶע הֶאנְד, מִיט דִיא פָּאאר גְרוֹיסֶע, אוֹיסְגֶעבֵּייגֶערְטֶע פִּיס אוּנ מִיט זַיין גַאנְצֶער שְׁוֶוערֶער, בְּלַייֶענֶער פִיגוּר, אִיז עֶר עֶפֶּעס גָאר אַיינְלִיךְ אוֹיף אַ מַרְק-מֶענְשׁ, אַיין עֶבְרָין, אַ מְגוּשָׁם׳ע זַאךְ!...

דֶער הוֹלֵךְ זַיינֶער אִיז עֶפֶּעס אוֹיךְ וַוִיא אַ מִין תַּעֲרוּבוֹת פוּן חָסִיד-רֶענְדַאר-פְלְיָאסְקֶעדְרִיגֶע-מוּזְשִׁיק אוּנ פַּאלִיסְטְרַאנְט: דָאס הִיטֶע׳ל אִיז עֶפֶּעס הַאלְבּ מִיטְצֶעל-הַאלְבּ-קַאשְׁקֶעט... דִיא קַאפָּאטֶע-הַאלְבּ-קַאפְּטֶען-הַאלְבּ-סוּוִיטֶע... דִיא הוֹיזֶען-הַאלְבּ פְלִיעדֶעסְן-הַאלְבּ תַּחְתּוֹנִים... אוֹיפ׳ן הַאלְז, אוּנְטֶערְן קָאלְנֶער, עֶפֶּעס הַאלְבּ הַאלְז-טוּךְ-הַאלְבּ-פַּאטְשֵׁיילֶע; אוֹיף דִיא פִּיסס אַ פָּאאר יָאלֶעוִויטְשֶׁענֶע, פֶערְשְׁמָאדֶערְטֶע, הַאלְבּ מִיךְ-הַאלְבּ פַּאנְטֶעפֶל... אוּנ פוּן דִיא תַּחְתּוֹנִים אִיז אַיין פְלִידֶער אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט אִין דִיא שִׁיךְ אוּנ אַיינֶער אִיז פֶערִיסֶען אַרוֹיף... אַ יָא,

עֶפֶּעס אַ מִדְרָשׁ-פְּלִיאָה אַייךְ אִין דִיא אוֹיגֶען!... נִישְׁמֶעהר. דָאס דַארְף אַייךְ גָאר כְּלָל נִיט חִדוּשׁ'ֶען: טַאקֶע נָאר אַזוֹי דֶערְאָבְיֶעט מֶען זִיךְ אִין פִוילֶען דֶעם טִיטֶעל „עֶהרְלִיכֶער יוּד“ !... דָאס הֵייסְט: אַ אִישׁ תָּם וְיָשָׁר, אַ שְׁפַּל בֶּרֶךְ אַ אֵפֶר וָעֵפֶר... וָואס וֵוייסְט נִיט קֵיין חָכְמוֹת, קֵיין קִינְטְצֶען, אוּנ מַאכְט פוּן זִיךְ אַ פְּלָאסְקֶ'ן קָאפֶּעלִינְשׁ... הֶערְט דִיא וֶועלְט וִויא אַ פֶּעטְרֶעשְׁקֶע-אַבִיא אַיין עֶהרְלִיכֶער יוּד!... שׁאט! אָט הֵייבְּט עֶר אָן שְׁטֶעלֶען פִּיסס! אָט גֵעהט עֶר שׁוֹין אִין שְׁטָאדט אַרַיין! — אִיהר זָעהט, רַבּוֹתַי, דָאס נַאכְלֶעססִיגְקַייט אִין זַיין גֵעהֶען מִיט דֶער זָארְגְלָאזִיגְקַייט אִין זַיין פָּנִים!? גֵעהט זִיךְ אַזוֹי מִיט אַ גְלַאטֶען לִינְג-אוּנ לֶעבֶּער — קוֹים וָואס עֶר הֵייבְּט דִיא פִּיסס, אֶהְ אַ שׁוּם בֶּעוֶועגוּנְג מִיט'ן קֶערְפֶּער, דִיא אוֹיגֶען קוּקֶען תַּם'עֶהַאטֶע אַזוֹי... אִין דֶער וֶועלְט אַרַיין... עֶפֶּעס נָאר וִויא עֶס רִיקְקט זִיךְ אַ גוֹלֶם אַ-נְ-אַוְטָאמַאט... קִימְמַי רַבּוֹתַי, נִיכֶער, לָאמִיר אִיהם נָאכְגֶעהֶען פִּיס-טְרַייט, אוּנ זֶעהֶן, וָואס טִיהט אָב אָ דִיא מִן בְּרִיאָה דֶעם גַאנְץ גֵעהֶענְדִיגֶען טָאג בִּיז 2—1 אַ זַייגֶער אִין דֶער נַאכְט אַרַיין, אוּנ אַ מָאל בִּיז מָארְגֶען פַארְטָאג אוֹיךְ...? אָט הָאט עֶר זִיךְ פְּלִיצֶעם אָבְגֶעשְׁטֶעלְט אַ וַויילֶע אִין אָנְהֵייבּ פוּן דֶער גְרוֹיסֶער גַאסס אוּנ עֶפֶּעס כְּמוֹ וִויא אַ שִׁיטֶער כְּמַארֶעלֶע לוֹיפְט אִיבֶּער אוֹיף זַיין אַפַּאטִישֶׁען גֶעזִיכְט: דָאס הָאט עֶר דֶעם עֶרְשְׁטֶען טְרַאכְט גֶעטִיהן, — וִויא אַ קַאטְץ בְּעֵת אִיהר קְלֶעטֶערֶען —: וִויהִין גֵעהט מֶען וַוייטֶער? אוּנ וִויא אִיז בִּילֶעכֶער פְּרִיעֶר...? אוּנ אָט נֶעהמְט עֶר זִיךְ לִינְקְס גְלַייךְ צוּא נַחְמָן-קֶעבְּעבְּע אִין אַיינְפָאהר-הוֹיז אַרַיין; דָאס אִיז אִיהם אִינְסְטִינְקְטִיוְונֶע אַיינְגֶעפַאלֶען אִין זַיין חִיטְרֶע-תָּם'עֶוואַטֶע מוֹחַ'ל אַרַיין, אַז הַיינְט הָאט בֶּעדַארְפְט קִימֶען אַהִין דֶער רֶענְדַאר, אָשֵׁר קָאזוּנְגֶעצֶער, נָאךְ אַ פַּאס בְּרוֹינְפֶּען אוּנ אִין אַיין וֶועגְס אָבְפְּרַאוֶוען יָאהר-צַייט נָאךְ זַיין מוּטטֶער אִין שְׁטָאדט... אוּנ כַּךְ הֲוָה: אָשֵׁר קָאזוּנְגֶעצֶער אִיז דָא! מַיין יָאסֶעל לֵייבּ וָואלְצִיֶעס חַאפְּט שׁוֹין דָארְט אַ גְלֶאזֶעל וַוארֶעמְס אִין נַאקְלַאדְקֶע... נִיט מַחֲמַת עֶר וִויל עֶס חָלִילָה — נָאר גְלַאט אַזוֹי... פִין הַיימְלִיכְקַייט וֶועגֶען... אַזוֹי מִכִּי-תֵּיתִי... פַאר וָואס זָאל עֶר נִיט מְהַנֶה זַיין דֶעם רַייכֶען, עֶהרְלִיכֶען רֶענְדַאר מִיט אַזַא קְלֵיינִיקַייט...? אַזוֹי בֶּעלַאקֶעט עֶר שׁוֹין אָב אַקֶעגֶען אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה מִיט אָשֵׁר'ן, אוּנ אָט גֵעהט עֶר שׁוֹין מִיט אִיהם אִין קְלוֹיז אַרַיין צוּם יָאהרְצַייט, הַאפְּט שׁוֹין דָארְט דֶעם עֶרְשְׁטֶען כּוֹס תִּקּוּן מִיט אַ מָאהן-פְּלֶעצֶעלֶע פֶערְבַּייסֶען, אוֹיךְ נָאר אַזוֹי... פִין „לְחַיִּים“ וֶועגֶען, צוּא וִוינְשֶׁען אָשֵׁר'ס מַאמֶע ע״ה, „עֲלִיַּת נְשָׁמָה“... עֶס וֶועט אַייךְ אֶפְשֶׁר קָשֶׁה זַיין; אִין וָואס הָאט עֶר גֶעדַאוֶוענְט? עֶר אִיז דָאךְ פִין דֶער הֵיים אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אָהְן טַלִית-וּתְפִלִּין? — זָאל עֶס אַייךְ גָאר נִיט קָשֶׁה זַיין!: דֶער מִין „עֶהרְלִיכֶער יוּד“, וָואס יָאסֶעל לֵייבּ וָואלְצִים, בֶּעגֵעהט זִיךְ אָהְן אֵייגֶענֶעם טַלִית-וּתְפִלִּין; וִויא

דֶער צוּפאלל בְּרֶענְגְט אִיהם דוּרכ'ן טָאג אָבְּצוּמָארְקֶען דָאס בִּידְנֶע שְׁטִיקֶעל דַאוָונֶען — דָארְט קְרִיגְט עֶר שׁוֹין, אַ וָואסֶער נִיט אִיז, טַלִית-וּתְפִלִין אוֹיךְ... אַיי וְוִיא אִיז זַיין טַלִית-וּתְפִלִין? — דָאס ווייסְט עֶר, בְּנֶאֱמָנוּת, אַלֵיין אוֹיךְ נִיט!... דָארְט, וְוִיא עֶר הָאט אִיהם עֶרְגֶעץ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַנִימֶעלְט... דָארְט לִיגְט עֶר... אוּנ זָוען דֶער צוּפַאלל וֶועט אִיהם נָאךְ אַ מָאל אַהִין בְּרֶענְגֶען, וֶועט עֶר אִיהם ווִיעדֶער אַ לוּפְטֶער טְהִין, אוּנ טַאקֶע ווַייטֶער אִיבֶּערְלָאזֶען, אָדֶער פֶערְשְׁלֶעפֶּען עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ אוּנ דָארְטֶען אִיהם אִיבֶּערְלָאזֶען, הַכֹּל עַל פִּי הַמִקְרָה! . . . קַיין אַנְדֶער בְּרֵירָה הָאט עֶר דָאךְ נִיט: עֶר וֶועט זִיךְ דָאךְ נִיט אַרוּמְטָאסְקֶען אַ גַאנְצֶען טָאג מִיט'ן טַלִית וּתְפִלִין אִין שְׁטָאדְט! אוּנ אַ הֵיים גֶעהט דָאךְ אַיין „עֶהרְלִיכֶער יוּד" נָאכ'ן דַאוָונֶען קַיין מָאל נִיט, אוּנ אָפְּט דֶעם גַאנְצֶען טָאג אוֹיךְ נִיט... וָואס הָאט עֶר צוּטְהִין אִין דֶער הֵיים? וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער שְׁלָאגֶען זִיךְ יַאקָאס דוּרךְ דָאס בִּידְנֶע שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט אָהן אִיהם: דָאס וַוייבּ פְּלִיקְט פֶעדֶערֶען, דָאס עֶלְטֶערֶע מֵאדֶעל זִיטְצְט אוֹיף דֶער נָאדֶעל, דָאס קְלֶענֶערֶע גֶעהט אַרוּם זִיבֶּען נַאפְּרַאווְקֶעס... אַיין יוּנְגֶעל אִיז אִין תַּלְמוּד-תּוֹרָה, דָאס אַנְדֶערֶע — אַ שַׁאלָאטֶען-שַׁמָשׁ אִין קְלַייזֶעל בַּייא דִיא בַּחוּרִים, דָאס דְרִיטֶע לֶעהרֶענְט זִיךְ בַּייא אַיין אַיינְבִּינְדֶער . . . אוּנ יָאסֶעל אַלֵיין בְּרֶענְגְט אוֹיךְ אַ מָאל אִין 2 וָואכֶען דִיא פָּאאר גִילְדֶען אַ הֵיים . . . נָא, וָואס נָאךְ הָאט עֶר צוּטְהִין אִין דֶער הַיים?... עֶר דִיא פַאמִילְיָע דַארְף נָאר פוּן אוֹיסוַואשֶׁען, אוֹיסלַאטֶען אוּנ אוֹיסמֶערֶעזְשֶׁען וֶוענֶען . . . אוּנ דִיא פַאמִילְיֶע אִיהם — נָאר פוּן עוֹלָם הַבָּא וֶוענֶען... נַאפְּשִׁיקְלַאד אָבֶּער אִין שְׁטָאדְט הָאט עֶר גָאר אַ סַךְ, אַ סַךְ וָואס צוּטְהִין!... אָט גֶעהט עֶר לְמָשָׁל אַוֶועק פוּן אָשֵׁר קָאזוּנְגְנֶעצֶעכְס יָאהרְצַייט מִיט אַ פֶּערְצִיגֶער אִין קֶעשֶׁענְיֶע, אוּנ לָאזְט זִיךְ גְלַייךְ צוּא נָארְדִי'ן אִין שְׁטִיבּ אַרַיין; נָארְדִי אִיז אַ יוּד אַיין עוֹשֶׁר אוּנ אַיין עוֹשֶׁר'ס אַיין אֵיידֶעם אוּנ אַ בֶּעזִיטְנִיק; דָאס גֶעלְד לִיגְט אוֹיף פְּרָאצֶענְט אוּנ אַלֵיין מִיט'ן וַוייבּ גֶעהט מֶען אַרוּם, פוּן וָואילְטָאג, שְׁלִינְג אוּנ שְׁלַאנְג, הָאטְשׁ שְׁלָאג זִיךְ נָאר קָאפְּף אִין דֶער וַואנְד!... נָא? פוּן פִּיקוּחַ-נֶפֶשׁ וֶוענֶען, קִימְט אַ הִין יָאסֶעל לֵיפּ וָואלְצִים כִּמְעַט אַלֶע אִין דֶערְפְרִיא, זַייא אַבִּיסֶעלֶע אוּנְטֶערְהַאלְטֶען... כ'לֶעבֶּען, אָט דֶערְצֶעהלְט עֶר זַייא עֶטְלִיכֶע פָּאטְשְׁטֶען, אַ גְלַייךְ וָוערְטֶעלֶע, אַ לִיצָנוּת'ל אוּנ טַאקֶע אַ רְכִילוּת'ל, אַ לָשׁוֹן-הָרֶע'לֶע אוֹיךְ אִין אַיין וָוענְס, נָאר אַלְס אַזוי . . . כִּלְאַחַר-יָד אַלְס תַּם'עֶוואַטֶע, גְלַייךְ עֶר אִיז חָלִילָה גָאר נִיט אוֹיסֶען נָאר גְלַאט אַזוי, מְהַנֶה צוּ זַיין נָארְדִי'ן מִיט'ן וַוייבּ . . אוּנ דֶער וַוייל הָאפְּט עֶר אַ גִיט בִּיסֶעל אַבְּסֶענְט, אַ שְׁטִיקֶעלֶע קָארֶענֶעם לֵייקֶעךְ, מַאכְט עֶרֶענְסְט אַ בְּרָכָה אוּנ טְרִינְקְט לְחַיִּים, אוּנ וִוינְשֶׁעוֶועט זַייא אַ זֶרַע חַיָּא וְקַיָּמָא... נָארְדִי מִיט'ן וַוייבּ זֶענֶען דַייקֶע נִיט פוּן דִיא גְרוֹיסֶע יְרֵאֵי-שָׁמַיִם'ס, אוּנ זָאגַאר הַאלְבּ דַייטְשְׁטְרִישׁ אוֹיךְ — נִישְׁמְעהר

אַ יָאסָעל לֵיבּ וָואלְצִים אִיז אוֹיךְ אַ שְׁטִיקָעל פָּאטִיכָע פַאר זֵייא! וָואס טְהִיט מֶען נִיט אִין פוֹילֶען, פַאר וָואִילְטָאג, פַאר פִּיסְטָעפַאס? . . . סְ׳אִיז דֶען דָארְט דָא עֶפֶּעס בֶּעסֶערֶע צֶערְשְׁטְרַייאוּנְגֶען דֶער פִין? — אִיז יַאק נִימַא רוּבַא—טָא אִי רַאק רוּבַא . . . אוּנ יָאסֶעל וֵוייסְט עֶס דֵייקֶע גַאנְץ גוּט, אַז זֵייא מַאכֶען זִיךְ פִין אִיהם, מִיט זַיין זַאקַאזְנָאי יִרְאַת-שָׁמַיִם, מִיט אַלֶע יוּדִישֶׁע זִיבֶּען זַאכֶען, אַ פְּלָאסְקֶע קָאפֶּעלְיוּשׁ . . . אוּנ קְרִיכְט פָּארְט צוּא זֵייא טָאג-טֶאגְלִיךְ, אוּנ מַאכְט פָּארְט זַיינֶע פוֹילֶע חֲסִיד׳שֶׁע תְּנוּעוֹת אוּנ אֲפִילוּ אַ תְנוּפָה׳לֶע מִיט אַ שִׂפְתֵי חֲלָקוֹת׳ל אוֹיךְ . . . אוּנ צוּלִיעבּ וָואס? טַאקֶע גָאר צוּא טְרֵייסְטֶען גֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער פִין קִינְדֶער אוּנ גְלַאט זֵייא מְשַׂמֵחַ זַיין אַבִּיסֶעל פִין עֲצְבוּת פוּן מָרָה שְׁחוֹרָה . . . עֶר אִיז דָאךְ פָּארְט דֶער וְצִיוֹנִי׳ר „עֶהרְלִיכֶער יוּד“ — וָוער זְשֶׁע דֶען וָועט עֶס טְהִין—אַז נִיט עֶר . . . ? וָואזְשֶׁע? עֶר אִיז דֶען חָלִילָה עֶפִּים אוֹיסֶען זִיךְ! ? חַס וְשָׁלוֹם! עֶר דַארְף דֶען עֶפֶּעס, צִיא עֶר ווִיל דֶען עֶפֶּעס . . . ? מִכִּי-תֵּיתִי, אַז סְ׳אִיז דָא עֶפֶּעס צוּא נֶעהמֶען אִין מוֹיל אַרַיין, פַאר וָואס זָאל אַ תַּלְמִיד חָכָם נִיט מְזַכֶּה זַיין דֶעם עַם-הָאָרֶץ׳ישֶׁען גְבִיר מִיט אַ בְּרָכָה, אַ לְחַיִּים אוּנ עֶפֶּעס אַ גִיט וָוארְט . . . אוּנ טַאקֶע מֵהַי טַעְמָא זָעהט אִיהר דָאךְ אִיהם פִין גָארְדִי׳ן גְלַייךְ צוּם אָקְצִיזְנִיק אַרַיין-גֶעהֶען, מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין זַיין פְרוֹיא, וָואס הָאט נֶעבִּיךְ פִין נֶעכְטֶען אָן פֶערְלוֹירֶען דֶעם אַפֶּעטִיט צוּא פְלֵייש מִיט לוֹיזֶע אֵייעֶר . . . אוּנ פִין דָארְטֶען גֶעהט עֶר צוּא צַלְאִי׳ן דֶעם נָלוּחַ, דֶער וְצִיוֹנִי׳ר גְבִיר, אוֹיף זַיינֶע אִימֶענִינֶעס . . . אוּנ פִין צַלְאִי׳ן גְלַייךְ צוּם זֵייגֶער-מַאכֶער, אַבְרָהָם דֶעם בְּלִינְדֶען, בַּייא וָועלְכֶען סְ׳אִיז הַיינְט אַ קֶערְמֶעשִׁיל פִין דֶער חֶבְרָה-בֶּערְלִינֶער, לְכָבוֹד דֶעם טָאג, וָואס דֶער סַאדוֹגֶערֶער אִיז אִין אָסְטְרָאג אַרַיין . . . אוּנ פִין דָארְטֶען גֶעהט עֶר גְלַייךְ צוּא שְׁמָעְרִיל שֵׁיינְקֶער, וְוִיא סְ׳אִיז הַיינְט אַיין אַסִיפָה פִין קָהָל׳ס-לַייט אוּנ שְׁטָאדְט-פִּיַאוְוקֶעס, וָועגֶען אַ נַייעֶם נַאבָּאר . . . אוּנ אַזוֹי וַוייטֶער, אוּנ אַזוֹי וַוייטֶער . . . חָאטְשֶׁע עֶר הָאט אוֹיפ׳ן וֵועג אַרַיין צוּגֶעהֶען מְבַקֵּר-חוֹלֶה זַיין דֶעם דַיין, וָואס לִיגְט שׁוֹין בַּיים עֶק . . . צִיא צוּם סוֹפֵר אוֹיף זַיין יוּנְגֶעלְס בַּר-מִצְוָה . . . צִיא צוּם הֶקְדֵשׁ׳נִיק אוֹיף אַ בְּרִית-מִילָה . . . צִיא צוּם שׁוּתְּפִים לְוָיָה . . . צִיא דֶעם חַזָן מְנַחֵם-אָבֵל זַיין, צוּא אֲפִילוּ צוּם רָב אוֹיף דֶער סְעוּדַת-הוֹדָיָה . . . וָוארֶען אוֹיךְ דִיא אֵייגֶענֶע מַעֲשֶׂה: דָארְטֶען, בַּייא דִיא גְבִירִים אוּנ פָּאלִיסְטְרַאנְטֶען אִיז דָא מִיט וָואס זֵייא מְזַכֶּה צוּא זַיין . . . אַ תִּקוּן פַאר זֵייעֶרֶע מִילְבִּיגֶע נְשָׁמוֹת מַאכֶען . . . מְהַנֶה זַיין זֵייא מִיט זֵייעֶרֶען אַ פִּדְיוֹן׳דֶעל, אַ חַפְּץ׳ל . . . אוּנ טַאקֶע מִכִּי-תֵּיתִי בֶּעקִימֶען אַבִּיסֶעלֶע מוֹחִין-דְגַדְלוּת אוּנ הַרְחָבַת-הַנֶפֶשׁ אִין זֵייעֶרֶע רֵיינֶע, לֶעכְטִיגֶע, פְרַיילִיכֶע הַייזֶער מִיט אַלֶעם גִיטֶען . . . זֵייא מֵאגֶען זִיךְ טַאקֶע מֵיינֶען מִיט אִיהם לְצָנוֹת, חוֹזֵק אוּנ פָּאטְיֶעכֶעס — עֶר אָבֶער מֵיינְט דָאךְ עֶס

נָאר לְשֵׁם מִצְוָה, דִּיא הִילְפַטִייעֶס, דִּיא מַשְׂכִּילִים, זָאלֶען חָלִילָה נָאר לַחֲלוּטִין נִיט פּוֹרֵק עוֹל זַיין, אוּנ לְכָל הַפָּחוֹת מְהַנֶּה זַיין אַ תַּלְמִיד-חָכָם פִּין זֵייעֶר מוּתָרוֹת . . . אוּנ טַאקֶע דַארִיבֶּער עֶסְט עֶר אוּנ טְרִינְקְט דָארְט כְּלוֹמֶר'שְׁט וְוִיא אַ זוֹלֵל וְסוֹבֵא'נִיק . . . אָבֶּער אִין אֱמֶת אַריין מֵיינְט עֶר נָאר דֶערמִיט אַלְץ מֶעהר זַייא מְזַכֶּה צוּא זַיין אוּנ מְתַקֵּן זַיין זֵייעֶרֶע נִצוֹצוֹת הַקְּדוֹשִׁים . . . אָבֶּער בַּייא דִיא ״כְּלֵי-קוֹדֶשׁ אוּנ אַזוֹי עֶהְרְ־ לִיכֶע קַבְּצָנִים וָואס אוּמְשְׁטֵיינְסְגֶעזָאגְט . . . ? נִיט זִיךְ, נִיט זַייא ! . . . אָט, זֶעהט אִיהר, שׁוֹין טִיעף אִין דֶער נַאכְט אַריין, ווען בַּייא דִיא גְּבִירִים אוּנ דַייטְשׁוּנְגֶעס שְׁלָאפְט מֶען שׁוֹין – חַאפְּט עֶר זִיךְ צוּא יֶענֶע לַייט אוֹיךְ אַריין ! . . . אָט וַואקְסְט עֶר ״פְלִיצֶעס אוֹיס, זֵיינֶער 11 בַּייא- נַאכְט, בַּיים רַב אוֹיף אַ סְעוּדַת-מִצְוָה'לֶע, בַּיים בַּעַל-שֵׁם סְקִי אֵיינִיקֶעל צוּם גֶעזֶעגֶענֶען זִיךְ, בַּיים גַּבַּאי אוֹיף אַ מַאהְרִיטְשֶׁעל, בַּייא חֶבְרָה-קְדוֹשָׁה אוֹיף אַ וֶועטְשֶׁערִינְקֶעלֶע, אוּנ אַזוֹי גְלַאט עֶרְגֶעץ בַּייא אַ כְּלֵי-קוֹדֶשׁ אוֹיף אַיין אָרֶעם קֶערְמֶעשִׁיל . . . נָאר נִיט ! : עֶר בְּלַאנְקֶעט זִיךְ אַרוּם בַּייא- נַאכְט אִין דֶער פִינְסְטֶער אוּנ דֶערזֶעהט עֶרְגֶעץ לַייכְט זִיךְ עֶפֶּעס אִין דֶעם פֶענְסְטֶער – גֶעהט עֶר אַריין מִכִּי-תֵיתִי, אוּלַי עֶפֶּעס אַ דְבַר-מִצְוָה, שַׁאטְט דָאךְ נִיט נָאךְ אַ בְּרָכָה'לֶע, נָאךְ אַ לְחַיִּים לְשֵׁם שָׁמַיִם . . . אָט אַזוֹי וְוִיא אִיהר זֶעהט, שְׁלְיָאנְדֶערְט עֶר זִיךְ אַרוּם בִּיז 1—2 אַ זֵייגֶער בַּיינַאכְט, אוּנ אַז ס'אִיז שׁוֹין כָּלוּ כָּל הַקִּיצִין, דֶערְשְׁלֶעפְּט עֶר זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת גֶעבִּיךְ אַ הֵיים, אוּנ מָארְגֶען ווייטֶער דִיא אֵיינֶענֶע . . . אַלֶע קֶענֶען אִיהם וְוִיא אַ בֵּאזֶען שִׁילִינְגֶער אוּנ אַלֶע זֶענֶען עֶפֶּעס וְוִיא צוּפְרִיעדֶען, עֶר קִימְט צוּא זַייא אִין שְׁטִיב אַריין, כְּ'לֶעבֶּען : דֶעם זָאגְט עֶר אַ גְלַייךְ וֶוערְטֶעלֶע, דֶעם בְּרֶענְגְט עֶר אַ נַייא נִיגוּן'דֶעל פִינ'ם רֶבִּי'ן, דֶעם אַ פָּאטְשְׁט פִין אַ נַייעֶר מִלְחָמָה צְוִוישֶׁען תּוֹגֵר מִיט'ן יִשְׁמְעֶאל, דֶעם דֶעם אַ זַאךְ פִין זלמן אוּמאנ'ער . . . דֶער זוֹלֵל-וְסוֹבֵא'נִיק הָאט עֶפֶּעס קַיין אַפֶּעטִיט נִיט – הֶעלְפְט עֶר אִיהם עֶסֶען . . . דֶער וָואלְטֶאגֶער וֶוערְט שׁעוּר מְשׁוּגָע פִין סְקִיטְשְׁנֶעקַייט – פֶערְטְרַייבְּט עֶר אִיהם דִיא צַייט . . . דֶעם פֶעהלְט אֵיינֶער צוּא אַ מְזוּמָן – חַאפְּט עֶר אַ שְׁטִיקֶעל מְזוֹנוֹת אוּנ אִיז זִיךְ מְצָרֵף צוּם בֶּענְטְשֶׁען . . . א. ז. וו. אוּנ ווען מֶע זָעהט פִין אִיהם עֶפֶּעס אַ פְּרִיקְרֶעקַייט, אַיין עַוְלָה, אַפִילוּ אַיין עֲבֵירָה'לֶע . . . אִיז בַּייא יֶעדֶען פֶערְטִיג דֶער תֵּרוּץ : „נָאר פָּארְט אַיין עֶהרְלִיכֶער יוּד !“ . . . הַיינְט זָוער ווייסְט, צִיא וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ נִיט גֶעווען אַזַא מִין „עֶהרְלִיכֶער יוּד“ אִין וְצִיוְנִי . . . ? נַא זְשֶׁע דִיר אַזַא-נ-אֶנְשִׁיקֶענִישׁ, אַזַא שְׁלַאק פִין זַיין לִיעבֶּען נָאמֶען, אַזַא גֶעבְּרָאטֶענֶעם לִיטְוַואק ! . . . אוּנ אַלֶע מֵיינֶע גִילְדֶענֶע הֲלוֹמוֹת, מִיט מִיר אִינאֵיינֶעם אוּנ מִיט גַאנְצֶער לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע, וֶוערֶען אִין אַיין הֶרֶף-עַיִן אַ תֵּל עוֹלָם, אַ גַל שֶׁל עֲצָמוֹת ! . . .

גמנ״ל)

## 16.

# דִיא עֶרְשְׁטֶע טְרֶעפּ.

וָואס ס'אִיז נִיט גֶעלֵייגֶענְט פַאר גָאט — אִיז נִישְׁט גֶעלֵייגֶענְט פַאר לַייט; עַל כֵּן לָאם אִיךְ אַייךְ שׁוֹין אוֹיפְהֶערֶען פַארְבְּלֶענְזֶען דִיא אוֹיגֶען אוּנ לָאם אִיךְ אַייךְ זָאגֶען דֶעם רֵיינֶעם אֶמֶת, אַז נִיט דָאס לִיטְוִוישֶׁע לֶהֶרֶעל אִיז גֶעוֶוען דִיא רֶעכְטֶע סִיבָּה צוּא מַיין אוּמְגְלִיק, נָאר טַאקִי אִיךְ גֶעבִּיךְ מְחִילָה אַלֵיין! אַי, וָואס טְשֶׁעפּ אִיךְ מִיךְ אַזוֹי צוּם לִיטְוִויקֶעל אוּנ וָואס קְלָאג אִיךְ אַזוֹי נָאךְ זַיין קָאפּ? — אִיז דֶער תִּירוּץ: וַוייל וָוען אִיהם טְרָאגְט דֶער רוּחַ נִישְׁט אָן קַיין וְצִוָנִי אוּנ וֶוען עֶר שְׁלֶיאָפְט נִישְׁט אַלֶע טָאג אִיבֶּער'ן יַאר, וָואלְט דָאךְ קַיין בֵּאז נִישְׁט גֶעשֶׁעהֶען: דִיא לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע וָואלְט מִיט דֶער צַייט גֶעוֶוען פַארְטְרִיקֶענְט אַלֶע מַיינֶע חֲלוֹמוֹת, אַלֶע בֵּאזֶע חֲלוֹמוֹת, וָואס הָאבֶּען זִיךְ מִיר אָנְגֶעהֵעבֶּען פְּלָאנְטֶען אִין מַיין נַארִישֶׁען שֵׂכֶל נָאךְ יוּנְגֶעלְוַויז, אוּנ אִיךְ וָואלְט מִיר דָאךְ גֶעוֶועהן פֶערְבְּלִיבֶּען בְּשָׁלוֹם אַ יוּד גְלַייךְ מִיט אַלֶע וְצִיוֹנִי'ר יוּדֶען...

אוּנ אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ-נְ-עֶק! דָאס לִיטְוִויקֶעל אָבֶּער הָאט אִין מִיר דֶערְוֶועקְט דִיא אַלְטֶע ווּינְדֶען, וָואס הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין כִּמְעַט ווִיא אָנְגֶעהֵייבֶּען פֶערְהֵיילֶען מִיט דֶעם ווִילְד-פְרַייעֶן שְׁווִימֶען נָאךְ דֶער חֲתוּנָה, אוּנ דִיא אַלְטֶע מַכָּה הָאט זִיךְ ווִיעדֶער אָנְגֶעהֵייבֶּען יַאטְרֶען, אוּנ ס'אִיז פַּאוָואלִי גֶעוָוארֶען אַ גַאנְץ שֵׁאן שְׁפִּיעלֶעכֶען! . . . וּבְכֵן, אִיז דָאס לִיטְוִויקֶעל שׁוֹין גֶעוֶועהן דִיא עֶרְשְׁטֶע טְרֶעפּ צוּם אִיבֶּערְגַאנְג פוּן מַיין שְׁטִילֶען גַן-עֵדֶן אִין דֶעם הַשְׂכָּלָה'שֶׁען ווִיכֶער אַרַיין — דָאס פֶּערְבְּלָאנְזְטֶע שְׁלֶיאכֶעל אָבֶּער, וָואס הָאט מִיךְ פֶערְפִיהְרְט פִּין דֶעם גְלַייכֶען אוֹיסְגֶעריבֶּענֶעם טְרַאקְט צוּא דֶער דָאזִיגֶער עֶרְשְׁטֶער שְׁווִינְדֶעל-טְרֶעפּ, — דָאס הָאבּ אִיךְ מִיר אַלֵיין אוֹיסְגֶעטְרֵייטֶען! — דִיא מַעֲשֶׂה דֶערְפִין אִיז אַזוֹי:

בִּיז מַיין צֶעהְנְטֶען יָאהר אַלְט, ווֵייס אִיךְ כְּלָל נִיט, וָואס מִיט מִיר הָאט זִיךְ גֶעטִיהן אִין מַיין גַייסְטִיג-מָארַאלִישֶׁען לֶעבֶּען! — עֶס גֶעדֶענְקְט זִיךְ מִיר, נָאר ווִיא דוּרְכ'ן שְׁלָאף, אַז נָאךְ קִינְדְהַייז הָאט מִיךְ אַ מִינְדְסְטֶער פַּחַד, אַ מוֹרָא אַ סַךְ מֶעהר גֶעשְׁרָאקֶען ווִיא דָאס יִרְאַת-שָׁמַיִם. . . אַ פַאקְט דַארוּיף אִיז מִיר נָאךְ עַד הַיּוֹם גֶעבְּלִיבֶּען לְזִכָּרוֹן פִּין יֶענֶער צַייט, וָועלְכֶען אִיךְ וֶועל שׁוֹין בִּיז אִין מַיין טוֹיט אַרַיין נִיט פֶערְגֶעסֶען! . . . הַיינוּ; בְּמֶשֶׁךְ פִּין דִיא 2 יָאהר, וָואס צְווִישֶׁען מַיין 5-טֶען בִּיז אִין דֶעם 7-טֶען יָאהר אַלְט, הָאט מַיינֶע אַ מִימֶע גֶעוָואיְנְט בַּייא אוּנְז אִין שְׁכֵנוּת אוּנ אַזוֹי ווִיא זִיא הָאט גֶעהַאט אַ מֵיידֶעלֶע אִין מַיינֶע יָאהרֶען, פְלֶעג אִיךְ מִיךְ מִיט אִיהר תָּמִיד שְׁפִּילֶען, אוּנ

דָאס שְׁפִּילֶען אִיז אוּנְז בַּיידֶען אַזוֹי צוּקֶער-זִיס גֶעוֶוען, אַז מִיר פְּלֶעגֶען שָׁעָה'ן-וַוייז אָפְּזִיצֶען אֵיינֶם גֶעגֶענְ'ס אַנְדֶערֶע אוּנ זִיךְ קוּקֶען אִין דִיא אֵייגְלֶעךְ אַרַיין אוּנ טַייעֶן. אַפָּנִים אוּנְזֶער בֵּיידֶענְס לַיידֶען פוּן דִיא עֶלְטֶערֶען גֶעבְּרוּינְטֶע לֵיידֶען הָאט אוּנְזֶערֶע פַארְמִיטְשֶׁעטֶע נְשָׁמָה'לֶעךְ גָאר אָהְן אוּנְזֶער וִויסֶען פַארְקְנִיפְּט אִינְאֵיינֶעם, וָוארוּם אִיךְ גֶעדֵענְק עֶס וִויא הַיינְט, אַז אוּנְזֶער שְׁפִּילֶען אִיז עֶפִּיס גֶעוֶוען כְּלוֹת הַנֶפֶשׁ, אוּנ וִויפִיל דִיא מַאמֶע פְלֶעגְט מִיךְ שְׁלָאגֶען דֶערְפַאר אוּנ שְׁטְרָאפֶען מִיט רֵייד, אַז פַאר שְׁפִּילֶען זִיךְ מִיט מֵאדְלֶעךְ וֶועט גָאט מִיר טְהוּן וֶוער וֵוייסְט וָואס, — פְּלֶעג אִיךְ זִיךְ נָאר זֶעהְן אוֹיסְבֶּעהַאלְטֶען פוּן דֶער מַאמֶע'ס קְלֶאפּ בִּשְׁעַת שְׁפִּילֶען מִיט אִיהר אוּנ פַאר גָאטְס שְׁטְרָאף הָאבּ אִיךְ וֶועניג וָואס מוֹרָא גֶעהַאט . . . אַלֶע מִצְוֹת, עֲבֵירוֹת, דִינִים, מִנְהָגִים, מִדוֹת אוּנ מוּסָר, וָואס אִיךְ הָאבּ יוּנְגֶעלְוַוייז מְקַיֵים גֶעוֶועהְן אוֹת בְּאוֹת עַל פִּי הַתּוֹרָה וְהַחֲסִידוּת — אִיז דָאס נָאר גֶעוֶועהְן אוּם מוֹרָא פַאר'ן טַאטֶען, פַאר'ן רֶבִּי'ן אוּנ פַאר אַזוֹי יוּדֶען מִיט בֶּארְד; אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס אוֹיס רְגִילוּת פִין גֶעבּוֹירֶענְהַייט אָן, אוּנ קֵיין אַנְדֶערֶע טְהִיעָכְצֶען אִיז דָאךְ בְּלוֹיז נִיט גֶעוֶועהְן וָואס, . . כְּלֶעבֶּען, אָט שְׁווִימְט מֶען מִיט אַלֶע אִינְאֵיינֶעם אוּנ מֶע טְהִיט וָואס אַלֶע טְהִיעֶן! . . . אֶפְשֶׁר, אֶפְשֶׁר אַ הוּנְדֶערְט-חֵלֶקְטֶעל הָאבּ אִיךְ גֶעטְהִין טַאקֶע מַחֲמַת יוּדֶעשְׁקַייט, טַאקֶע לְשֵׁם שָׁמַיִם — אָבֶּער דָאךְ אָהְן סַכָּנוֹת, אָהְן הִתְלַהֲבוּת אוּנ אָהְן אִיבֶּעריגֶען יִרְאַת-שָׁמַיִם! — נָאר בִּיז 10 יָאהר אַלְט הָאבּ אִיךְ דָאס אִין זִיךְ נִיט גֶעפִּיהֶלְט אוּנ אַפִּילוּ נִיט גֶעוִויסְט, אַז אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס צוּפִיהלֶען . . . אוּנ עֶרְשְׁט בַּיים צֶעהְנְטֶען יָאהר, וֶוען אִיךְ בִּין לְמַזָל, אָדֶער לִשְׁלִים-מַזָל, אַ הָתָן גֶעוָוארֶען — עֶרְשְׁט פִין דֶעמֶעלְט אָן הָאט זִיךְ מִיר כְּמוֹ וִויא עֶפֶּעס אָנְגֶעהֵייבֶּען חָלוֹם'עֶן אוּנ פִּיהלֶען דֶער עִנְיָן; כְּלֶעבֶּען, כְ'הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶעהֶען וִויא אַנְדֶערֶע חֲסִיד'ישֶׁע יוּנְגֶלֶעךְ — מַיינֶע חֲבֵרִים, אִין מַיינֶע יָאהרֶען, טְהוּעֶן דִיא זַאךְ הֵיים: דַאוֶוענֶען וַוארֶעמְלִיךְ, טְהוּעֶן אַ מִצְוָה עֶרֶענְסְטְלִיךְ, הָאבֶּען מוֹרָא פַאר אַ'נְ-עֲבֵירָה וִויא פַאר פַייעֶר, אוּנ בִּכְלַל טְרָאגֶען זֵייא עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם אִין הַארְצֶען טַאקִי אוֹיף דֶער אֱמֶת'ן — עֶרְשְׁט דֶעמֶעלְט הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶעהֵעבֶּען צוּהֶערֶען אוּנ צוּקוּקֶען צוּא זִיךְ, אוּנ הָאבּ דֶערְפִיהלְט. אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט דָאס וָואס זֵייא . . . עֶס הָאט מִיךְ אַפִּילוּ מְשׁוּנֶה אָנְגֶעהֵעבֶּען הַארֶען דֶער עִנְיָן — כְּלֶעבֶּען, ס'אִיז עֶפִּיס נִיט שֵׁאן אוּנ טַאקִי פָּשׁוּט סָאוְויֶעסְטְנֶע, אַ'נְ-אוֹיסְנַאהם צוּא זַיין פוּן אַלֶע אִין דֶער לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע; אַחוּץ וָואס דֶער טַאטֶע אוּנ דָאס שְׁטֶאדְטֶעל הָאבֶּען עֶס וִויא דֶערְשְׁמֶעקְט אוּנ הָאבֶּען מִיךְ אָנְגֶעהֵעבֶּען בִּיסְלֶעכְוַוייז רוֹדֵף'ן דֶערְפַאר אוּנ אִיךְ הָאבּ מִיךְ אַ פְּרִיוּו גֶעטְהוּן פַארְרֶעכְטֶען דֶעם פֶעהלֶער. נָאר אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהֶען אַז ס'גֶעהט נִיט, הָאבּ אִיךְ מִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט אַוֶועקְלֵיגֶען צוּא לִיבּ דֶעם. וּבִפְרַט אַז אִיךְ הָאבּ

בַּייא זִיךְ גוּט גֶעוואוּסְט, אַז אִיךְ טְרֶעט חָלִילָה נִישְׁט אִיבֶּער קַיין פִּינְטֶעלֶע פוּנ׳ם יוּדִישֶׁען דַת אוּנ מְהוּ אַלֶעס בִּשְׁלֵמוּת גְלַייךְ מִיט אַלֶע וְצָוָנִי׳ר יוּדְען; אַי אִיךְ בִּין פַּאק נִישְׁט קַיין „עוֹבֵד“, סְ׳הֵייסְט, אִיךְ בִּין מְקַיֵים אַלֶעס, וָואס סְ׳קוּמְט מִיר גוּר צוּא דִיא הָאנְט, אָבֶּער זוּכֶען עֲבוֹדוֹת פוּן גָאטְ׳ס וֶועגְן, זוּךְ אִיךְ נִישְׁט. נוּ, וָואס-זְשֶׁע קוּמְט מִיר דֶערפַאר? אַבִּי אִיךְ טְהוּ דָאס, וָואס אִיךְ בִּין מְחוּיָב גֶעוֶוען אַקֶעגֶען גָאט מִיט אַלֶע פְּרָטִים! אַי דֶער בְּרָען אִיז נִיטָא? נִיטָא דִיא אֱמֶתְ׳ע אַהֲבָה וְיִרְאָה פַאר גָאט? — וָואס-זְשֶׁע קֶען מֶען מַאכֶען, אַז סְ׳אִיז פָּארְט נִיטָא? זָאל אִיךְ מִיר אַ מַעֲשֶׂה אָנְטְהוּן? —

נָאר לָאם אִיךְ זִיךְ אוּמְקֶעהְרֶען צוּא מַיינֶע תְּנָאִים, אִיךְ, אַזוֹי וִויא אִיהר זֶעהְט מִיךְ הַיינְט, אַזוֹי מָאהלְט מִיךְ יוּנְגֶעלְוַויז, וֶועט זִיךְ אַייךְ בּוֹלֵט פָּארְשְׁטֶעלֶ׳ען אַ קְלֵיין, דַאר, שְׁוַוארְץ-גְרִינְגְּלֶעךְ בְּרִיאָה׳לֶע, אִין דֶעם יוּדִישׁ פּוֹילִישֶׁען הֵלֶךְ, וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ דָא פְרִיהֶער אוֹיסְגֶע-מָאהלְט, — אָדָאס בִּין אִיךְ אַלֵיין גֶעוֶוען מִיט מַיין כָּבוֹד! דָאס הָאט אִיהר דָאס אוֹיסְגֶעוֶוענִיגְסְטֶע גֶעמָאהל — דָאס נַשְׁמִית; דָאס אִינְוֶוענִיגְסְ-טֶע — דָאס רוּחְנִית אִין מִיר אִיז גֶעוֶוען אַ פֶּערְמִיטְשֶׁעט דֶערְשְׁלָאגֶען נֶפֶשׁ׳ל אוּנְטֶער׳ן עֶהְרְלִיךְ-יוּדִישֶׁען עֲרָבוֹת פוּן דִיא טַאטֶע׳ס, רֶבִּי׳ס אוּנ יוּדֶען מִיט בֶּארְד; אַ גֶעפַאלֶענְס בְּתַכְלִית הַשִׁפְלוּת —, וָואס פִיהלְט זִיךְ גָאר נִישְׁט פַאר קַיין בְּרִיָה בִּפְנֵי עַצְמָהּ, אוּנ ווייסְט נִישְׁט אוּנ סְמִיעֶט נִישְׁט ווִיסֶען זַיין „אִיךְ“ — הַכְּלָל, אַ חָסִיד׳ישׁ פּוֹילִישׁ יוּנְגֶעל! צוּא דִיא אַלֶע מַעֲלוֹת בִּין אִיךְ נָאךְ גְרָאד צוּא מַיינֶע תְּנָאִים גֶעפַאלֶען אוֹיף דִיא אוֹיגֶען אוּנ דָאס נַייעֶ קַאפָּאטְקֶעלֶע צוּא דִיא תְּנָאִים אִיז גֶעוֶועזֶען אַ גְרִין-קַאמְלֶיעֶ-טֶענְס — דָאס אִינְאַיינֶעם הָאט שׁוֹין גָאר פַארְשַׁיינְט דִיא וֶועלְט. מַיינֶע תְּנָאִים זֶענֶען גֶעוֶוען אִין אַ דָארְף, 18 וָוערְסְט פוּן וְצָוָנִי, בַּיי׳ם רֶענְדַאר ר׳ אָשֵׁר קָאזִינִיצֶער; אַהִין אִיז מֶען זִיךְ צוּנוֹיפְגֶעפָאהרֶען אוֹיף אָנְקוּקֶען אוּנ שְׁלִיסֶען תְּנָאִים. אִיךְ מִיט מַיינֶעם אַ שְׁוָואגֶער זֶענֶען מִיר אוֹיף אַ גֶעלִיגֶען נַאטִיטְשַׁאנְקֶעלֶע (פָּארְט אַ חָתָן!) גֶעפָאהרֶען בְּעַזוּנ-דֶער, אוּנ קוּמֶענְדִיג אִין קְרֶעטְשְׁמֶע אַרַיין הָאבֶּען מִיר שׁוֹין גֶעטְרָאפֶען אַלֶע מְחוּתָּנִים מִיט דֶער כַּלָּה מִיט׳ן גַאנְצֶען עוֹלָם בַּייא אַ גְרוֹיסֶען פָּאסְטִיוָועץ מֶעד, סְ׳הֵייסְט וִויא אֵיינֶער רֶעדְט: „וָואס הָאט מֶען דָא צוּא וַוארְטֶען אוֹיפְ׳ן חָתָן? , יָא אָנְקוּקֶען — גִיט אָנְקוּקֶען, יָא גֶעפֶעלֶען — גִיט גֶעפֶעלֶען, — תְּנָאִים וֶועלֶען שׁוֹין זַיין!“ דִיא כַּלָּה אִיז גֶעזֶעסֶען אִין דֶער צְוַוייטֶער הֶעלְפְט קְרֶעטְשְׁמֶע מִיט דִיא נָשִׁים, אוּנ וִויא אִיךְ בִּין נָאר פוּן דֶער פוּהר אַרַיין אִין דֶער קְרֶעטְשְׁמֶע, נָאךְ דֶעם שְׁטוּיבּ נִיט אַרָאפְּ-גֶעטְרֶעסֶעלְט פוּן דֶעם הִיטֶעל מִיטְ׳ן קַאפָּאטְקֶעלֶע — פוּן אָפְּוַואשֶׁען דִיא צוּרָה רֶעדְט מֶען שׁוֹין נִיט — הָאט מִיךְ דֶער טַאטֶע מִיט דִיא יוּדֶען אַ חַאפּ גֶעטְהוּן וִויא אַ רוּחַ אַ מְלַמֵד אוּנ מִיךְ כִּמְעַט מִיט גְוַואלְד

אַרייַנגֶעשְׁטוּפְּט צוּא דִיא נָשִׁים אִין אַלְקִיר; גֶעדֵיינְקְט זְשֶׁע, מַיין פִּיגוּרֶע מִיט מַיין שִׁפְלוּת בַּייא זִיךְ אַזוֹי אִין דֶערְהַיים, צְוִוישֶׁען הַיימִישֶׁען עוֹלָם אִיז דָאךְ נָאר אַ'נְ-אַנְטִיק גֶעוֶועזֶען, הַיינְט פוּנָ'ם וֶועג אִין אַ בְּרֶענֶענְדִיגֶען תַּמוּז-טָאג, מִיטֶ'ן שְׁטוֹיב וִויא אַ רוּחַ, אוּנ נָאךְ מִיט אַ שְׁטִיק בְּלָאוִי צוּקֶער-פַּאפִּיר אַייַנְגֶעשְׁטֶעקְט אִין הִיטֶעל, פַּאר אַ דַאשֶׁעק אוֹיף דִיא שְׁלַאפֶע אוֹיגֶען, אוּנ צְוִוישֶׁען פְּרֶעמְדֶע, אוּנ נָשִׁים דֶערְצוּ, אוּנ וְעַל כֻּלָם – נָאךְ אַ כַּלָּה אָנְקוּקֶען!! ! הַיינְט שְׁטֶעלְט אַייךְ פָּאר אַז בַּייא דֶער פֶּערְצְוֵויפֶעלְטֶער לַאגֶע דֶערְזֶעה אִיךְ אַ כַּלָּה, אַרוֹיז! אוּנ זֶעה וִויא זִיא זֶעהט מִיךְ אוֹיךְ! נוּ, מָה אָנוּ מֶה חַיֵּינוּ? גְלוֹיבְּט מִיר אִיךְ בִּין אוֹיפֶ'ן אָרְט גֶעבְּלִיבֶּען פַאַרְנִיכְטֶעט; אוֹיס „אִיךְ"... נָאר דִיא מִינוּט הָאט מֶען מִיךְ אַרייַנְגֶענוּמֶען צְוִוישֶׁען דִיא מַאנְסְבִּלֶען, אוּנ אוּנ צְוִוישֶׁען זֵייעֶר רַעַשׁ אוּנ טוּמְלֶען בִּין אִיךְ וִויא פֶּערְטוֹיבְּט, וִויא פְּרִיטְשְׁמֶעלְיֶעט גֶעוָוארֶען. וִויא קוּם אִיךְ פּוֹילִישׁ יוּנְגֶעל, חֲסִידִ'ישׁ קִינְד, מַאנְסְבֶּעל, פְּלוּצִים צוּא בֶּערֶעכֶענֶען מַיין פִּיגוּר מִיטֶ'ן הֶלֶךְ מִיט אַלֶץ מִיט אַנַאנְדֶער, אוּנ בָּטֵל וֶוערֶען פַּאר נָשִׁים, פַּאר אַ כַּלָּה, אוּנ נָאךְ פַּאר אַ שֵׁיאנֶער כַּלָּה? בִּין אִיךְ דֶענְן נִיט גְלַייךְ גֶעוֶועזֶען וִוילְד מִיט אַלֶע אִין דֶער לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע, אוּנ גְלַייךְ מִיט אַלֶע דֶענְן נִיט גֶעוואוּסְט דָאס בַּטְלוּת פוּן „אִשָּׁה", פוּן „נְקֵבָה", אוּנ דִיא פְּרַאוֶוע פוּן „יוּד" פוּן „מַאנְסְבֶּעל?" וָואס-זְשֶׁע אִי'דָאס מִיר דֶעמָאלְט פְּלוּצִים אַזוֹינְס גֶעוָוארֶען? – ס'אִיז טַאקִי אַ קְלָאטֶץ קַשְׁיָא, מוּז מֶען אַ פָּנִים זָאגֶען, אַז כְּשֵׁם דָאס שְׁטִיקֶעל קָלוּת הָאט זִיךְ אִין מִיר זַאנַאדֶעט פוּן קִינְדְוַוייז אָן אוּנ אִיךְ הָאבּ עֶס נִיט גֶעפִיהֶלְט אִין זִיךְ אוּנ נִיט גֶעוואוּסְט דִיא סִיבָּה דֶערְצוּ, – אַזוֹי הָאט אִין מִיר אַ פָּנִים דִיא אָבְּשַׁייא מִיטֶ'ן פַיינְקַייט אוֹיךְ גֶעסְלִיעֶט נָאךְ פוּן קִינְדְוַוייז אָן אוּנ אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט דִיא סִיבָּה דֶערְצוּ, אוּנ דֶער טָאג פוּן דִיא תְּנָאִים הָאט מִיר שׁוֹין וֶועגֶען בֵּיידֶע מִיט אַמָאל גֶעגֶעבֶּען אָנְצוּהֶערֶען!

אַצוּנְד וֶועלֶען מִיר זֶעהֶען פַאר וָואס אוּנ וָואס הָאט אוֹיף מִיר דֶער תְּנָאִים-טָאג אָנְגֶעמַאכְט פַאר אַ רוֹשֶׁם אוֹיף מַיין גַאנְץ לֶעבֶּען? –

17.

## דֶערְפִיהֶלְט דֶעם „אִיךְ".

אִיהר עֶרְשְׁטֶער קִיק אוֹיף מִיר, – אַיין עֶרְשְׁטֶער קִיק פִּין צְוַוייא גוּטֶע, קְלִיגֶע, בְּלִיטְצֶענְדִיגֶע שְׁוַוארְצֶע אוֹיגֶען פִין אַ זוּיבֶּער, שֵׁיאן, לֶעבְּטִיג, גֶעוִויקְסִיק מֵאדֶעל אוֹיף מִיר, וִוילְד, פַאסְקוּדְנֶע, נִמְאָס בְּרִיאָה'לֶע, – הָאט עֶפִּיס אָנְגֶעמַאכְט אִין מִיר אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מְבוּכָה אוּנ

האט מיך געצווינגען צוא מאכען דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען א שאלה וועגען מיין „איך“, ער האט מיך עפיס געבראכט אין א מין אמביציע וועלכע איך פערשטעה אייך ניט וויא אזוי אויסצומאהלען. איך געדענק נאר, וויא אזוי איך האב שוין נישט געהארט ניט דעם טאטענס תורה צוא בעווייזען דורך נוטריקין אונ גמטריאות אונזער זוג מן השמים, ניט דיא תנאים לייענען, ניט דעם עולם'ס הוליען אונ שכור'ן, ניט דאס צעפאהרען זיך אהיים, אפילו נישט דאס בריה'שע באראבאגען אין א בלעכענעם עמער, וואס אשר קאזיניצער האט בעוויזען מיט זיינע רעכטע 5 אפגעהאקטע פינגער, זיצענדיג אויף דער בויד אונ זינגענדיג דאס גויעשע לידעל: „איי מוזשא, טאיי נע פיי דושע“ א. ז. וו. — איך האב מיך בראשי ורובי פארטיפט אין דעם קוק אונ ער האט מיר קיין רוה נישט געגעבען. . . נאר בייא דער גאנצער מבוכה, האט מיר עפיס א שוואך פאר'פר'ט קול'כעל פון מיין דערשלאגען נשמה'לע, וויא איינגערוימט ערגעץ טיף, טיף אין מיין הארץ אז „יא. . .“ אונ א דאס קול'כעל האט מיך טאקי ניט אפגענארט: נאך'ן אפגאסטיען 2 טאג בייא זיך אין דער היים, איז געבליבען דער הסכם, אז דיא מחותנת'טע זאל פערבלייבען אויף שבת בייא אונז אונ איך מיט דער כלה זאלען מיר זיך דורכפאהרען קיין קראסנע אויף שבת — 5 מייל ווייט פון וצונ'י — צוא דער מחותנת'טעס א ברודער, דער קראסנער רב. פאהרענדיג מיט איהר אליין אין בויד, פארשטעהט זיך, אז מיר האבען אפילו ניט געסמיעט צוא טראכטען וועגען אנריהרען זיך איינס צום אנדערען, ציא וועגען רעדען צווישען זיך א ווארט; נאר חאפען א קוק אונטערוויליכם, — חאטש מע טאר דאס אויך ניט, — דאס האב איך שוין ניט געקאנט אויסהאלטען! אונ ביי'ם ווארפען אויגען האב איך בעמערקט, אז זיא פאר'גנב'עט אויך א קוק, נור אויג אויף אויג האבען מיר זיך פארט ניט געסמיעט אנקוקען. אזוי זענען מיר שווייגענדיג אונ אפריקענדיג זיך אונ פאר-דרעהענדיג דיא קאפ אין דיא זייטען, אפגעפאהרען אפאר מייל; א דא האט דער בעל עגלה — טאקי דער איינענער טוביה ימח שמו! — דערזעהען א שטיקעל פלאטץ מיט א הויך פעט ביסעל פאשע, האט ער באלד אפגעקערעוועט אויף א זייט וועג, האט אויסגעשפאנט דיא פערדלעך אונ האט זיך אפגעשטעלט פאסען. א 5 מינוט זענען מיר געזעסען אין בויד אונ ס'איז אונז עפיס ביידע ניט לאווקע געווארען — כ'לעבען זיטצען שטומענדיג אין א אויסגעשפאנטער בויד, אראפ פי'נ'ם וועג, דאס איז שוין צוא איין אומעדיגער עסק... אונ וואס צוא טהון דערצוא האב איך נישט געוואוסט — נאר זיא האט אנגעהעבען אראפקריכען פון דער בויד, אונ בייא מיין לעצטען פער'גנב'עטען קוק אויף איהר, האט זיך

מיר אויסגעדאכט, פון איהר מינע, פאר געווים, אז זיא ויל איך זאל אויך אראפקריכען נאך איהר. בטל'דיג און שעהמענדיג בין איך אראפ פונ'ם וואגען און זעה זיא שוין א סאזשען 10 פון מיר ווייטער; דיא ערשטע נסיעה אין מיין לעבען, און נאך זומער-לעב דערצו, און נאך מיט א ליכטיג שיינער כלה, אינ'ם שאנעם פרייען גרינעם פעלד — האט מיך עפּיס א טארקע געטהון דאס ערשטע מאל אין לעבען צוא עפענען א פרייא אויג און א קוק טהון אויף אלעס, וואס טהוט זיך ארום מיר; וויא מטושטש בין איך געווארען ביי'ם ערשטען קוק! אויף דער רעכטער זייט וועג — א ווייט אויסגעשפרייט פעלד מיט א גאלד-חוואליענדיגעם ים פון ווייץ און קארען-זאנגען, וואס שאקלען און בעגען זייערע גאלד-הארינגע קאפּלעך, גלייך זייא טוקען זיך אונטער אינ'ם פריש-לופטיגען זומער-ווינטעל, און אט העבען זייא זיך אויף אזוי שטאלץ און גלייך, וויא געזאגט: „מיר האבען אונזער'ס אפּגע-טוהן!" און דיא מילי-מיליאנען פארשיעדענפארביגע פלינעלעך און זשוקעלעך טאנצען און שפּרינגען איבער זייערע קאפּלעך אזוי שמיידיג און פערפּארעט, אקערשט זייא רעדען ניט אוים: „ווארט אביסעלע, וועלען מיר אויך פארטיג ווערען". אויף דער לינקער זייט ווענ ליגט אויסגעשפּרייט א ברייט לאנגער קאוויאר פון גרין זיידען גראז מיט איינגעזעצטע, העלקאלירענדיגע צוויטעס און בלומען ארטערווייז, וועלכער לאזט זיך אראפּ משופּע צו'ן א זילבער-שטראמענדיג טייכעלע, אין וועלכען עס שפּיעגעלט זיך טיעף אב א זויבער צוגעבעטעטס בעט, מיט א הימעלפארביג-בלויער קאלדרע און ווייס פּוכאווע-כמארעדינע קישען, און פין יענער זייט, אויף א בארגעל, דוכן'ט איבער דעם א קיהל-געדעכט וואלדעלע מיט זיינע שאקלענדיגע צווייגען, און זיינע שטאמם-ווארצלען בעוואכען וויא שומרים דאס צארטע עדלע הימעל-בעטעל . . . אין דיא אויערען קלינגט דאס קראקען פין דיא זשאבעס, דאס זשיומען פין דיא פליעגעליך און ביענען, דאס זשורזשען פין דעם זילבער-שטראמענדיגען טייכעלע, דאס רינצלען פונ'ם היישעריקעל וויא ער זעגעט א גראזעל, דאס שארכען פון דיא קריכענדיגע בע-שאפעניסען צווישען גראז, דאס בושעווען פון דיא זאנגען, דאס שושקערייא פון דיא ביימער און על כלם — דאס פישטשען מיט'ן זינגען פון דיא פאגעלעך אין וואלד; און דאס אלעס שפּריינקעלט און מייעט זיך פון דיא פינקעלדיגע גינגאלדענע זוננען שטראהלען, וואס ווארעמט זייא און דערקוויקט זייא און גיט זייא ליכט און לעבען אין דער ווייטער, פרייהער נאטור! — פון דיא אלע זאכען האב איך דעמאלט ניט אנגעהעבען צוא וויסען, נישט דיא נאמען דערצוא, נישט דיא קונטץ דערפון, נישט דאס התפעלות דאריבער, ניט דיא

פֶערְשִׁיעדֶענֶע גֶעפִיהלֶען דֶערִינֶען, אַפִּילוּ נִיט וָואס הֵייסְט, וָואס בֶּעדַייט „נַאטוּר“! — וָואס זָאל ווִיסֶען אַ וְ צ וָ נִ י ׳ ר פּוֹילֶעשׁ יוּנְגֶעל אִין זַיין לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע אוּנ וָואס פֶעהלְט אִיהם דֶענְן צוּא ווִיסֶען? נָאר אַזוֹי אוּנְווִיסֶענְדִיג בִּין אִיךְ עֶפִּיס גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהְן וִויא פַאר׳כִּשׁוּפְט אוּנ אַלֶעס אִין מִיר הָאט גֶעטַייעט אוּנ גֶעקְוָועלְט אוּנ אִינְמִיטֶען אָ דֶער נַייעֶר צוֹיבֶּער-וֶועלְט וַוארְפְט זִיךְ מִיר אִין דִיא אוֹיגֶען אַיין עֶפֶּעל-בּוֹים, אַבּוֹים פוּן קְלֵיינֶע, זוֹיעֶרֶע וַואלְד-עֶפֶּעלֶעךְ, וָואס שְׁטֶעהְט פָארֶענְט בַּיי׳ם וָואלְדֶעל אוּנ מַיין כַּלָּה שְׁטֶעהְט אוּנ רַייסְט עֶפֶּעלֶעךְ אוּנ אָט וַוארְפְט זִיא אֵיינְס אִין מַיין זַייט אַרַיין... דִיא נַייעֶ צוֹיבֶּער-וֶועלְט הָאט מִיר גֶעגֶעבֶּען מוּטְה אוּנ אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעהֵייבֶּען דָאס עֶפֶּעלֶע, זִיךְ אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט דָאס לֶעבֶּען אוּנ אַ וָוארְף גֶעטְהוּן צוּא אִיהר זַייט. זִיא הָאט בַּאצָאהלְט מִיט פְּרָאצֶענְט אוּנ גֶעוָוארְפֶען צוּרִיק 2 אִין מַיין זַייט; אִיךְ עֶנְטְוֶוער דָאס זֶעלְבֶּע. אַ וָוארְף אַהִין, אַ וָוארְף אַהֶער, בִּיז מִיר זַיינֶען אַזוֹי אוֹיסְגֶע-קוּמֶען פָּנִים לְפָנִים אוּנ אִיךְ הָאבּ גֶעחַאפְּט אִיהרֶען אַ צְווֵייטֶען אָפֶּענֶעם קוּק מִיר גְלַייךְ אִין דִיא אוֹיגֶען אַרַיין אוּנ אָט דָער שְׁטוּמֶער, פִיעל-רֶעדֶענְדִיגֶער קוּק הָאט מִיר עֶפֶּעס בַּאשְׁטֶעטִיגְט יֶענֶעם „יָא“ אוּנ הָאט גֶענֶעבֶּען צוּא דֶער פִיהלֶען אִין מִיר אַ „אִ י ךְ“... וַוייטֶער זֶענֶען מִיר שׁוֹין אוֹיסְגֶעלָאפֶען דָאס גַאנְצֶע וֶועלְדֶעל, גֶעשְׁטִיפְט אוּנ גֶעשְׁפִּילְט, אוּנ אַלְץ אוֹיף שְׁטוּם-לָשׁוֹן. — שֵׁאן אוּנ לוֹיכְטֶענְדִיג אִיז זִיא אִין דֶער פְרַייעֶר נַאטוּר גֶעוֶועזֶען, פְרַייא אוּנ שְׁפִּילֶענְדִיג, ווִיא אַ פֵאנֶעלֶע אִין וַואלְד, אוּנ גוּט אוּנ פְרוּם, נָאר ווִיא אַ מַלְאָךְ. —

## 18.

## אִיךְ הֵעבּ אָן צוּא שְׁווִימֶען.

פָאהרֶענְדִיג דִיא אִיבֶּערִיגֶע 3 מַייל הָאט זִיא מִיר שׁוֹין-אַלְץ שְׁוַויינֶענְדִיג אוּנ שֶׁאמֶענְדִיג זִיךְ — גֶענֶעצְט דִיא טִיכֶעלֶעךְ אִין דֶער מִילְךְ — אַ רְפוּאָה פוּן מַיין מְחוּתֶּנֶת׳טֶעס בַּאבֶּע — אוּנ מִיר זַייא גֶענֶעבֶּען אוֹיף צוּלֶעגֶען צוּא דִיא אוֹיגֶען, אוּנ נָאךְ אַזֶעלְכֶע שְׁטוּמֶע אוּנְטֶערְוַויילֶעכְדִיגֶע צוּלָאזֶעכְצֶען אוֹיפֶ׳ן גַאנְצֶען וֶועג. בַּיי׳ם פֶעטֶער אִין קְרַ א סְ נֶ ע הָאט דִיא זַאךְ גֶעמוּזְט שְׁטַארְק צוּגֶעהַאלְטֶען זַיין, וָוארֶען קְרַ א סְ נֶ ע אִיז דָאךְ אוֹיךְ מֶעהר נִישְׁט גֶעוֶוען ווִיא אַ צְוַוייג פוּן וְ צ וָ נ ג י ׳ ר מִיט-וֶועלְט... נָאר מִיר הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין גוּט פֶערְשְׁטַאנֶען — שְׁוַויינֶענְדִיג אוּנ אַנְטְלוֹי-פֶענְדִיג אֵיינְס פוּנ׳ס אַנְדֶערֶע, ווִיא מִיר הַאלְטֶען. אַזוֹי הָאט אִין דִיא עֶטְלִיכֶע טָאג אוֹיסְגֶעוַואקְסֶען מַיין „אִיךְ“ כִּמְעַט מִיט אַ קָאפּ הֶעכֶער.

 אוּנ

אונ קוּמֶענְדִיג אַהֵיים, נָאךְ אִיהר אַוֶועקְפָאהרֶען, הָאבּ אִיךְ מִיךְ נָאךְ אַ צַייטֶעל גֶעפִּיהלְט יום-טוֹב׳דִיג, אונ אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין וִוידֶער אַרַיין אִין דֶער גֶעוֶואהנְטְלִיכָער וָואכֶעדִיגֶער לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע, אִיז מִיר אַלֶץ זִיא פוּנָ׳ם מוֹחַ אונ פוּנֶ׳ם הַארְץ נִיט אַרוֹיס אונ דֶער גֶעדַאנְק, אַז אִיךְ, בִּישְׁטִיג — דֶערְשְׁלָאגֶען בְּרִיאָה׳רֶ׳ע, הָאבּ נוֹשֵׂא׳חֵן גֶעוֶוען בַּייא אִיהר, שֵׁיאנֶע, גֶעוִוירְקְסִיגֶע, לִיכְטִיגֶע בְּרִיאָה — דָאס הָאט אִין מִיר דֶערְוֶועקְט אַ מִין שְׁטִיקֶעל גַדְלוּת, עֶפִּיס אַ מִין מַחֲשָׁבָה, אַז אִיךְ בִּין אוֹיךְ נִיט נִיט קַיין אִיבֶּערִיגֶער. „דָארְטֶען, וואו דִיא מְחוּתֶּנֶת׳טֶע וואהנְט, אִיז דָא אַ שֵׁיאן לִיכְטִיג מֵיאדֶעל, אֶפְשַׁר אָנְדֶערְהַאלְבֶּען מָאל אַזוֹי דִיא וִויקְס פוּן מִיר אונ אַ סַךְ שֶׁאנֶער אונ גֶעוִוירְקְסִיגֶער פוּנֶ׳ם אָטְקוּפְּשְׁטְשִׁיקְ׳ס מֵאדֶעל, — אונ אָט יֶענְץ לִיכְטִיג מֵאדֶעל גֶעפִינְט מִיךְ אַפָּנִים יָא פַאר אַ נֵאטְהִיגֶער בְּרִיאָה אוֹיף דֶער וֶועלְט!“ — אַזוֹי הָאבּ אִיךְ צוּא מִיר אַלֵיין שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט אונ סְ׳הָאט מִיךְ שׁוֹין טַאקִי בִּיסְלֶעכְוַויז אָנְגֶעהֵיבֶּען פַארְדְרִיסֶען אוֹיף דִיא פֶּעטְשׁ מִיטֶ׳ן שְׁטֶענְדִיגֶען קַאטָעוֶועז מִיךְ מִיטֶ׳ן גַאנְצֶען סֵדֶר פוּנָ׳ם אָפְּשְׁפִּילֶיען דִיא תַּחְתּוֹנִים מִיטֶ׳ן שְׁמַייכֶען פַאר אַ שְׁטוּבּ מֶענְשִׁין! אונ פַאר וָואס? — מֶע זָאגְט; אִיךְ פֶערֶעבֶּענְדִיוֶוע חָלִילָה מִיט עֶפֶּעס, אַזוֹי וִויא יֶענֶע בַּעַל-הַבַּיִת׳שֶׁע קִינְדֶער — חָלִילָה! דָאס הָאט זִיךְ מִיר אַפִילוּ קַיין מָאל נִיט גֶע׳חָלוֹם׳ט! — אַדְרַבָּא: נֶעכַייא וָואלְט מֶען מִיךְ נָאר גֶעלָאזְט רוּהִיג פַּאטְשֶׁען דֶעם תְּרֵיין . . . נֶעכַייא וָואלְט מֶען מִיךְ נָאר גֶעלָאזְט זִיךְ פְרַייא אוֹיסְפִּיגְלִיוֶוען אִין מַיין אָבְּגֶעבְּלִיוֶעקְעוֶועט-צִיצֶען חַאלַא-טֶעל, מִיטֶ׳ן אָבְּגֶעבָּארֶעטֶען גַארֶעסֶענֶעם מָאזְנִיטְשְׁקִילֶע אונ מִיט דִיא אָבְּגֶעשֵׁיילְטֶע קָאזְלָאוֶוע פָּאפִּיצְיֶעס . . . אַלְוַאי וָואלְט מֶען מִיךְ גֶעלָאזְט רוּהִיג אָבְּעֶסֶען דִיא שִׁיטֶערֶע קִיסָעלִיצֶע מִיט דֶער קַאלְטֶער לֶעמֶעשֶׁקֶע; אַלְוַאי וָואלְט מֶען מִיךְ נָאר גֶעלָאזְט אוֹיף דִיא גֶעלֶעגֶערְס אוּנְטֶער׳ן אוֹיבֶען, צִיא אוֹיף דֶער שְׁטַייג, צִיא גָאר אוֹיף דֶער הוּילֶער עֶרְד-אַבִּיא נָאר נִיט מְשַׁעפֶּען מַיין קוֹיטִיג, מָאגֶער פֶעלְכָעל! . . . אַךְ, וִויא גְלִיקְלִיךְ אַג צוּפְרִידֶען וָואלְט אִיךְ דֶעמֶעלְט מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה גֶעוֶועהן אַ דָאס אוֹיסְגֶענִיקֶערְטֶע, פֶערְ׳עפּוּשְׁטֶע הֶפְקֵר-לֶעבֶּען-אַבִּיא בֶּעזְפֶּעטְשֶׁנֶע שְׁוִוימֶען אונ פְּלִיוּכְקֶען זִיךְ אִין דֶער לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע! . . . צִיא מֶע זָאגְט: אִיךְ בִּין חָלִילָה עוֹבֵר אוֹיף אַ קִצוֹ שֶׁל יוּד, וָואס אִין דֶער תּוֹרָה, צִיא אִין דֶער גְמָרָא שְׁטֵעהט גֶעשְׁרִיבֶּען? . . . חַס וְחָלִילָה! — אִם כֵּן, פַאר וָואזְשֶׁע בַּייא אִיטְלִיכֶען אָנְטְהִין, בַּייא יֶעדֶען עֶססֶען אונ בַּייא יֶעדֶען לֵיגֶען שְׁלָאפֶען הַרְגֶ׳עט עֶר מִיךְ אונ שְׁלָאגְט מִיךְ מַכּוֹת-רֶצַח, אונ שְׁרַייט גָאר נִיט מִיט זַיין קוֹל: „אַ דִיר אַכְצִיג שְׁוַוארְצֶע יָאהר! אַ יוּד דַארְף זִיךְ נָאר אָנְטְהִין פִין עַבְדוּת-הַבּוֹרֵא וֶועגֶען, אָבֶּער נִיט אוֹיסְפִּיגְלִיוֶוען זִיךְ [illegible] צַיין הֶפְקֵר-יוּנְג! — אַ יוּד דַארְף עֶססֶען, אָבֶּער נִיט פְרֶעסֶען! . . .

א יוד

(נסנ״ל)

אַ יוּד דאַרְף שְׁלָאפֶען, אָבֶּער נִיט פָּאפֶען!... אַ יוּד דַארְף בְּרֶעכֶען תַּאֲווֹת: עֶסֶען, טְרִינְקֶען אוּנ שְׁלָאפֶען נָאר כְּדֵי חַיֵּינוּ, נָאר לְשֵׁם שָׁמַיִם! . . אוּנ דִיא, פְּרָאפֶעס אֵיינֶער, גִיבְּסְט זִיךְ נָאךְ דֶעם גֶע'שְׁמַד'טֶען הָאלְז, וִויא דֶער פֶּעטֶער עֵשָׂיו, יִמַּח שְׁמוֹ זָאלְסְטִי וֶוערֶען!" — אוּנ ווִיעדֶער דִיא אֵייגֶענֶע פֶּעטְשׁ אוּנ רִיטֶטער אוּנ מְשׁוּנֶה'נֶע קוֹלוֹת פַאר נִיט עֶסֶען, נִיט טְרִינְקֶען אוּנ נִיט שְׁלָאפֶען אוֹיךְ: אַשְׁטֵייגֶער אַלֶע פְרֵייטָאג צוּנַאכְט'ס, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין יַאקָאס אָבְּגֶעפָארֶעט מִיט זַיין קַבָּלַת-שַׁבָּת בְּיִחוּדוּת, אוּנ אִיז שׁוֹין קָאם [12] אַ זֵייגֶער אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטִיבּ צוּם אַתְקִינוּ סְעוּדָתָא, וֶוען דִיא חֵלֶב'דִיגֶע בֶּענְטְשׁ-לֶעכְט הָאבֶּען שׁוֹין גֶעהַאלְטֶען קָרוֹב צוּם צַאנְקֶען אוּנ הָאבֶּען מִיט זֵייעֶרֶע לַאנְגֶע אָנְגֶעבְּרֶענְטֶע, אַרִיבֶּערְגֶעבּוֹיגֶענֶע שְׁנוֹיטְצֶען גֶעוָוארְפֶען אַ אוּמֶענְדִיגֶען שָׁטָן אוֹיף דִיא לֶעהם-גֶעשְׁוָואלֶענֶע וֶואנְד אוּנ אוֹיף דֶער קוֹיטִיגבַּאלְקֶענְדִיגֶער סְטֶעלְיֶע; דִיא אַלְטֶע קְרַאנְקֶע מָאמֶע — נָאךְ אִיהר פְּרֵייטָאגְ'דִיגֶער קַאטָארְזְשְׁנֶע הָארָאוַואנְיָא, שְׁלָאפְט גֶעבִּיךְ שׁוֹין זִיטְצֶענְדִיג בַּייא דֶער הְרִיבֶּע אוּנ בְּרֶעכְט זִיךְ אוֹיס הַאלְז אוּנ נַאקֶען, וַוארְטֶענְדִיג אוֹיף זַיין אַרֵיינְקִימֶען אִין שְׁטִיבּ, אוּנ מִיךְ מִיט דִיא קְלֶענֶערֶע בְּרִידֶערְלִיךְ אוּנ שְׁוֶועסְטֶערְלִיךְ מָארֶעט דֶער שְׁלָאף, אַז ס'נֶעהמְט אוּנְז פָּשׁוּט אַרוֹיס דִיא עֲצָמוֹת אַזוֹי, אַז אִיךְ וָואלְט דֶעמֶעלְט, נִיט נָאר דָאס ווֵיידֶעלֶע כּוּנ'ם [3]-קָאפִּיקָאוֶוע הֶעכְטִיל, מִיט דִיא עֶטְלִיכֶע שְׁוַוארְצֶע פָּאסָאלְיֶעס-צוּמֶעס, אָבְּגֶעגִיבֶּען פַאר אַ פֶּערְטִיל שָׁעָה שְׁלָאפֶען — נָאר אֲפִילוּ כָּל מַעֲדַנֵּי מְלָכִים אוּנ מַמְתַּקִּים שֶׁבָּעוֹלָם! — גָאר מַחֲמַת מוֹרָא פַאר'ן טָאטֶען, זִיטְץ אִיךְ שׁוֹין אִין גֶעהַאקְטֶע ווִינְדֶען בַּיים טִישׁ אִיבֶּער אַ סֵפֶר אוּנ רַייס דִיא אוֹיגֶען וִויא מִיט צְוַואנְגֶען, אוּנ אַז עֶר קִימְט אַרֵיין, קַאנַארְכֶע אִיךְ אִיהם נָאךְ דֶעם שָׁלוֹם-עֲלֵיכֶם מִיט'ן קִדּוּשׁ, מִיט דִיא זְמִירוֹת, כִּמְעַט אַ הַאלְבּ טוֹיטֶער מֶענְשׁ . . . נָא, קְרִיכְט מִיר דֶעמָאלְט עֶסֶען אִין גָארְגֶעל אַרֵיין? ... הַא? — צִיא לְמָשָׁל אַלֶע עֶרֶב-פֶּסַח אוּנ עֶרֶב שָׁבוּעוֹת בַּייטָאג, וֶוען אִין שְׁטִיבּ רוֹישְׁט אוּנ קָאכְט אוּנ פוּן דֶער קֶעךְ זֶעטְצְט דֶער רֵיחַ פוּן דִיא קְנֵיידְלִיךְ, פַּאלִירְטְשִׁיקֶעס, קְרֶעפְּלִיךְ אוּנ וַוארֶענִיקֶעס, אוּנ אִין דְרוֹיסֶען שְׁוֶועבְּט אוּנ שְׁטְרֶעבְּט אַלֶעס פְרַאנְק אוּנ פְרֵייא אִין דֶער שֵׁיינֶער לֶעבְּטִיגֶער, זִימֶערִיגֶער לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע — נָאר ווַייל דֶער טַאטֶע הֵייסְט אָבֶּער גְרַאדֶע דֶעמֶעלְט שְׁלָאפֶען, כְּדֵי אִיךְ זָאל קָאנֶען בַּיינַאכְט וַואכֶען צוּא דֶער הַגָּדָה, אָדֶער צוּם תִּקּוּן-לֵיל-שָׁבוּעוֹת'ל — לִיג אִיךְ שׁוֹין אִין אַנְקֶסֶען אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט אִיבֶּער'ן קָאפּ, אוּנ שְׁנֶערֶעוֶע צוּנוֹיף דִיא אוֹיגֶען אוּנ כְרַאפֶּע אֲפִילוּ אוֹיךְ, כְּדֵי טָאמֶער וֶועל אִיךְ סְבִידָאיִיז אַנְטְשְׁלָאפֶען וֶוערֶען . . . עֶס שְׁלָאפְט זִיךְ אָבֶּער פָארְט נִיט! — זָאל אִיךְ מִיר אַ מַעֲשֶׂה אָנְטִיהן!? . . . זָאלְט

איהר עס זעהען, ווי עס פליהען דעמעלט פעטש, מיט בערעזעווע ריטטער, מיט משונה'נע קולות: „א דיר אכציג שווארצע יאהר! ביסט געפאפען יענע נאכט ווי א גוי, האסטי איטצט אין זיננען ווי פאנעלך פליהען!...“ אונ ביינאכט, אז איך עסס ניט אזוי געשמאק ציא איך חאפ א דרימעל שוין נאך האלבע נאכט, טיהט זיך עס קריעת ים סוף: א דיר אכציג שווארצע יאהר! האסט זיך אנגעפרעססען ביי טאג מיט'ן פידדאלעק מיט גנבה'שע קניידליך, מיט גאמעלקעס, ווי א פיירעך — איטצט זיטצטי ביים טיש ווי א כלי-זמר!... פאפ, א רוח אין דיין טרף פארצערוא אריין, זאלסט קענען אויף זיין די נאכט, ווי א יוד דארף צוא זיין!... פרעסס, א קריינק אין דיינע ביינער אריין, לכבוד שבת, לכבוד יו״ט! א יוד דארף זיך ניט אזוי ממלא תאוה זיין, אזוי נאכניבען דער קישקע, אז לכבוד שבת ויו״ט זאל ער ניט קענען טועם טעם אכילה זיין!... א יוד דארף זיך אויסשלאפען ערב פסח אונ ערב שבועות, ער זאל קענען אף זיין די גאנצע נאכט פין גאט'ס וועגען!... אונ דיא, פראפעס איינער, פרעסט אונ פאפסט פין דיין מגושם'ן גוף וועגען!... ימח שמו זאלסטי ווערען!“ אמת ער האט אודאי נעביך געמיינט מיין טובה; ער האט נעביך געוואלט זעהען אין מיר דאס אמת'ע התלהבות, דעם אמת'ן ברענן פין א יודען... איך האב אבער פארט ניט אין זיך דעם פינק, דאס התלהבות אונ התפשטות הגשמית, א כלל — דעם ברענן וואס זייא מיינען אונ פערלאנגען פון מיר, אונ מאכען איהם פנן זיך קאן איך ניט!...

דערווייל איז אין אנדערהאלבען יאהר ארום מיין כלה געוועזען ביי אונז אויף א פסח, אונ מיר האבען זיך שווייגענדיג אונ שעהמענדיג ווידער ערקלערט, אויף א גנבה'שען קוק, אונזער שייכות איינס צום אנדערען, בין איך נאך מעהר ביי זיך גדול'דיג געווארען, אונ דאס אונצופרידענקייט פון דיא פעטש אונ ריטטער איז נאך גראסער געווארען ביי מיר אין הארצען, אזוי אז איך האב שוין אנגעהעבען פריווען מבצבץ זיין אקעגען דעם, אונ דאס האט מיך נאך טייערער געקאסט... אודאי האט זיך דיא תאוה צוא ווערען א יוד מיט א בארד נאך ווילדער אונ שטארקער צעפלאקערט אין מיר דעמעלט, אונ ווי אויף משיח'ן אזוי האב איך ערווארטעט דעם טאג פון מיין חופה, אין וועלכען איך וועל ווערען א מענש גלייך ווי אללע, אין וועלכען איך וועל שוין קענען פראנק אונ פרייא שווימען אין דער לעבענס-קאליזשע, ווי אלע יודען גלייך, אונ פטור ווערען דיא שאנדליכע שלאק אונ צרות פון דיא גרויסע יודען. אונ אזוי פאוואלי האב איך

דֶערלֶעבְּט דִיא זִיסֶע גָאלְדֶענֶע צַייט אוּנ גֶע׳פַּטֶר׳ט דֶעם יוּנְגֶעל׳שֶׁען גָלוּת אוֹיף עֶבִּיג! גֶעטְרַאכְט הָאבּ אִיךְ אֲפִילוּ פַאר דֶער חֲתוּנָה, אַז נָאךְ דֶער חֲתוּנָה זָאל אִיךְ זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין מַיינֶע פְרֶעמְדֶע בְּלוּטְצַאפֶּערְס אוּנ זָאל זֵייא דֶערְוַוייזֶען אַז אִיךְ אָהנֶ׳ם בְּרֶען בִּין פְרִימֶער פוּן זֵייא מִיט זֵייעֶר גַאנְצֶען הִתְלַהֲבוּת אוּנ יִרְאַת שָׁמַיִם, וַוייל אִיךְ בִּין אַ תָּם וְיָשָׁר אָהן חָכְמוֹת, אוּנ זֵייא זֶענֶען צְבוּעַ׳קֶעס! אוּנ מִיט וָואס זֵייא דָאס צוּא דֶערְוַוייזֶען הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט גֶענוּג רְאָיוֹת דֶערוֹיף . . . נִישְׁמֶעהר דִיא אִיבֶּערְנַאטִירְלִיכֶע פְרֵייד אוֹיף מַיין בֶּעפְרַייהוּנְג נָאךְ דֶער חֲתוּנָה הָאט מִיךְ אַזוֹי פַאר׳שִׁכּוֹר׳ט, אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרַיינְגֶעלָאזְט בְּרָאשִׁי וְרֻבִּי אִין שְׁווִימֶען אוֹיף אַלֶע זַאסְטַאוְוקֶעס אוּנ הָאבּ פַארְגֶעסֶען אָן זֵייא, וִויא אָן אַ בֵּאזֶען חָלוֹם; דִיא אַלְטֶע ווּאוּנְדֶען הָאבֶּען זִיךְ בִּיסְלֶעכְוַויז פֶערְהֵיילְט אוּנ אִיךְ הָאבּ מִיר שׁוֹין גֶעדֵענְקְט אַזוֹי זִיס אוּנ צִיקַאוֶוע צוּא פַארְבְּרֶענְגֶען אִין דֶער שֵׁאנֶער לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע וַוייל אִיךְ וֶועל לֶעבֶּען. אוֹיף צוּא בֶּעקוּמֶען אַ בְּרֶען אוּנ וֶוערֶען אַ פַייֶערִיגֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם, הָאבּ אִיךְ מִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶערִיכְט, נוּר אַ כָּשֵׁר׳עֶר עֶהרְלִיכֶער וְצְנוּעַ׳ר יוּד וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אַוַודַאי בְּלַייבֶּען — נַיין! נַא-זְשֶׁע דִיר אַ פַארְשְׁלֶעפְּט לִיטְוֶועקֶעל אוּנ וֶוער גֶעבְּרָאכֶען פוּן דַיין שְׁטִיל יוּדִישׁ פַארְכִּישׁוּף׳ט וֶועלְטֶעלֶע עַד הַיּוֹם הַזֶּה!—

## 19.

## פֶּערְנַארְט אִין זַאק אַרַיין.

וָואס הָארְט זִיךְ מִיט מַיין שֵׁאנֶער פְלוֹנִית׳טֶע? אוּנ בִּכְלָל וָואס אִיז זִיא אַזוֹינְ׳ס גֶעוֶועזֶען? וָואס הָאט זִיא גֶעוָואלְט? אוּנ וָואס אִיז מִיט אִיהר גֶעוָוען דֶער סוֹף? — דָאס אַלְץ וֶועט אִיהר גֶעוָואהר וֶוערֶען פוּן מַיין סֵפֶר „זְכוּת אָבוֹת“ — בֶּעשְׁרַייבֶּענְדִיג דֶעם וָוארְם אִין חְרֵיין, וִויל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיעֶהלֶען, וִויא אַזוֹי ס׳אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען מַיין עֶרְשְׁט בַּא-גֶעגֶענִישׁ מִיט׳ן לִיטְוָועקֶעל אִין יַאר, אוּנ וָואס אִיז דֶערְפוּן אַרוֹיס-גֶעקוּמֶען; בַּייא וֶועלְכֶע מֵיינוּנְגֶען אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטֶען מִכֹּחַ גָאט, מִכֹּחַ דֶער וֶועלְט אוּנ מִכֹּחַ יוּדֶען אוּנ יוּדִישְׁקַייט אִין יֶענֶער צַייט, — וֵייסְט אִיהר פוּן דִיא פְרִיהֶערִיגֶע קַאפִּיטְלֶעךְ. חָאטְשׁ מִיר הָאט גֶעפֶעהלְט דֶער בְּרֶען, וִויא אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזָאגְט, נוּר אִין מַיין דֵעה הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעהַאלְטֶען שְׁטָאהל אוּנ אַייזֶען, אוּנ שׁוֹין גֶעדֵענְקְט, אַזוֹי אָפְּצוּפִיהְרֶען מַיין וֶועלְטֶעל אִין דֶער לֶעבֶּענְס-קַאלִיזְשֶׁע, רוּהִיג שְׁטִיל

אונ צופרידען — נאר ביי'ם ערשטען בעגעגעניש מיט'ן ליטוועקעל, נאך זיין ערשטען שמיעס מיט מיר, האב איך שוין מיין רוח פערלאהרען, אונ דיא אלע דעות מיינע האבען עפיס אנגעהעבען בליאקעווען ביי מיר אין דיא אויגען; אין זיין שמיעס האט ער עפיס גאר בעריהרט אזעלכע דעות, וואס זענען מיר אונ קיין שום וצונגי'ר יודען, גאר עביג ניט איינגעפאלען, אונ דאך זענען זייא, אויפ'ן ערשטען קוק, אויסגעקומען דוקא קלאהר וויא דער טאג. איך האב אפילו א קלעהר געטהון וועגען דעם „ודע מה שתשיב לאפיקורוס", נור איך האב מיך אבער באלד בערעכענט, אז אלע דעות געהערען זיך גאר ניט אן מיט אפיקורסות, ס'איז גלאט דעות אין דער וועלט אריין; למשל: ער האט מיט מיר א שמיעס געטהון וועגען דעם פיהרעכטץ פון דיא וצונגי'ר יודען בכלל אונ פון מיין טאטענס בפרט, געגען זייערע אייגענע ווייב אונ קינדער, אונ האט מיך געפרעגט אויף מיין יושר, ציא איז רעכט אזוי, אז דאס ווייב זאל זיין וויא א קרעפעסטנאיע ביי'ם מאן אונ וויא א בהמה להבדיל ביי'ם מאנסבעל אין דיא אויגען, אונ דיא קינדער וויא „רעשטאנטען", סאלדאטען, אונ סמייען ניט א פרייע מינע צוא ווייזען פאר'ן טאטען אין דיא אויגען? ציא ער טהוט מיך א פרעג, למשל: איך זאל איהם זאגען באמת, ציא איז דאס רעכט אונ גלייך אזוי, וואס מענעמט קינדער פון 13 יאהר אונ מע מאכט זייא חתונה? וכדומה אזעלכע פשוט'ע נארישע שאלות, וואס א מינדסט קינד קאן זייא פארשטעהן אונ זייא זענען מסכים מיט דער גמרא אויך — אודאי האט ער מיך פרילישעט מיט זיינע גלאטע, קיילעכדיגע רעדעלעך, וויא אזוי דיא אלע הנהגות זענען שאדליך פאר זיך אליין, שענדליך פאר דער וועלט אונ אפילו דערווידער דער הייליגער גמרא אויך. אונ דאס אלץ האט ער מיר אזוי ממזר'ש דערוויזען מיט אותות ומופתים, אזוי וויא 2 אונ 2 זענען פיער! זאל איך מיך גאר ריכטען אז דאס איז מעשה שטן, אז דאס האט ער נור בכון אזוי געמאכט דיא התחלה, כלומר'שט פון זייט-זאכען, וואס זענען כלל גאר נישט נוגע אין יודישקייט אריין, כדי ער זאל מיך נאר דערטאפען ביי א האר. איך זאל איהם גיבען געהערכט, אונ דערנאך וועט ער שוין קריכען ווייטער אונ ווייטער ביז עט, עט! אונ וועט מיך פארפיהרען אין שאול תחתיה אריין! אודאי, א יונגערמאן מיט א ברען וואלט איהם שוין 18 מאל אפגעצאהלט אין טאטען אריין אויף דער שטעל, אונ וואלט מיט אזא טרפה'נעם יונגאטש גאר קיין מגע ומשא ניט געוואלט האבען, מיין אומגליק אבער וואס מיר האט דער ברען געפעהלט

נָאךְ פוּן לַאנְג, אוַדַאי הָאט עֶר בַּייא מִיר, מִיט זַיינֶע שְׂפָתֵי חֲלָקוֹת׳לֶעךְ, כִּמְעַט וִויא גֶע׳פּוֹעֶל׳ט אַ׳נְ׳הַסְכָּמָה בַּייא זִיךְ אִין הַארְצֶען אוֹיף דִיא עֶרְשְׁטֶע עֶטְלִיכֶע שַׁאֲלוֹת, אוּנ דֶערְנָאךְ אִיז אִיהם שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען מִיט מִיר וִויא אַ מִזְמוֹר . . . אִיהר מוּזְט וִויסֶען, אַז גִיט מִיט רֵעד אַלֵיין אִיז עֶר נָאךְ אָפְּגֶעקוּמֶען; עֶר הָאט גַאנְץ פַּאמִילֶעכֶען, גַאנְץ חִיטְרֶע, מִיט מִיר אַזוֹי לַאנְג גֶעאַרְבֵּייט, בִּיז עֶר הָאט מִיךְ פֶּערְנַארְט אוֹיף עֶטְלִיכֶע מִינוּט צוּא זִיךְ אוֹיף דֶער סְטַאנְצְיֶע – פֶּערְשְׁטֵעהט זִיךְ אַז בִּשְׁתִיקָה, קֵיין פֵיאָגֶעל זָאל נִיט וִויסֶען – אוּנ דָארְט הָאט עֶר מִיךְ שׁוֹין אִינְגַאנְצֶען לַחֲלוּטִין אָפְּגֶעקָאכְט! . . . הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה: עֶר הָאט גֶעהַאט קֶאסְט אוּנ קְוַארְטִיר פַאר אַ קְנֶעלוּנְג בַּייא אַיינֶעם פוּן דִיא וְצִוְּנִי׳ר דַייטְשֶׁען; – אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעוואוּסְט אוּנ בִּין קַיין מָאל בַּייא קַיין דַייטְשׁ אִין שְׁטוּבּ נִיט גֶעוֶועזֶען, אַ חוּץ וָואס פּוּרִים פְלֶעג אִיךְ מִיט נָאךְ אַ יוּנְגֶעל אַרוּמְגֶעהן מִיט אַ פֶּעטְשֵׁיילֶע, פְלֶעג אִיךְ בַּייא דִיא לַייט אוֹיךְ זַיין; אָבֶער וואוּ? אִין „קַאלִידָאר“, אָבֶער נִישְׁט מֶעהר; – הַיינְט שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר אַזַא מִין סְצֶענֶע פַאר מִיר – וְצִוְנִי׳ר פּוֹילֶעשׁ יוּנְגֶערְמַאנְטְשִׁיקֶעל: זִיצֶענְדִיג בַּייא אִיהם אִין אַלְקָערִיל, זֶעהֶער אַ שֵׁאן, לִיכְטִיג חֶדֶר׳ל – הָאבּ אִיךְ בֶּעמֶערְקְט אַ הַאלְבּ-אָפֶענֶע טִיר אִין אַ גְרוֹיסֶער, שֵׁאנֶער מֶעבְּלִירְטֶער זַאאל אַרַיין – נוּ, מֵילָא, וָואס זָאל אִיךְ דָא אִיבֶּערְטְרַאכְטֶען? – נָאר עֶ ר, דֶער מַמְזֶר׳וּק יִמַח שְׁמוֹ – עֶר הָאט אַלְץ גֶערֶעדט מִיט מִיר אוּנְמִיסְטֶען פוּן אוּנְזֶערֶע הַנְהָגוֹת גֶעגֶען וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער, אוּנ טַאקִי אַזוֹי רֶעדֶענְדִיג זֶעה אִיךְ, חִיא אִין זַאאל אַרַיין קוּמְט, פוּן אַ׳נְ-אַנְדֶער חֶדֶר, אַ׳נְ-עֶדֶעלֶע, פַיינֶע פְּרִיצָה אִין אַ וַויים קְלֵייד מִיט אֵייגֶענֶע הָאאר – אִיךְ בִּין פֶּערְצִיטֶערְט גֶעוָוארֶען פוּן כַּעַס אוֹיף דֶער בִּיטֶערֶער עֲבֵירָה! – אוּנ לָאזְט זִיךְ אַזוֹי וִויא צוּא אוּנְזֶער חֶדֶר׳ אוּנ אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאלְטֶען בַּייא אַנְטְלוֹיפֶען, – הֶאר אִיךְ אַ׳נְ-אַנְגֶענֶעהמֶע שְׁטִימֶע פוּן אַ מַאנְסְבֶּעל: „נוּא, הַארְץ מַיינְס, וָואס מַאכְסְטוּא?“ אִיךְ בֵּייג מִיךְ מֶעהר צוּא צוּא דֶער טִיר, דֶערְזֶעה אִיךְ בַּייא אַ שְׁרַייבְּטִישׁ, אַ בֶּע-יַאהְרְטֶען דַייטְשׁ אָן אַ הִיטֶעל, זֶעהר פַיין אוֹיף דֶער פִיגוּר, אוּנ זֶעה וִויא עֶר נֶעמְט דִיא פְּרִיצָה אָן בַּייא אַ הַאנְד אוּנ הֶאר וַוייטֶער: „זִיסְץ, נְשָׁמָה מַיינֶע“, אוּנ זִיא עֶנְטְוֶוערְט אִיהם אַזוֹי לִיוּבֶּעזְנֶע: „אִיךְ דַאנְק דִיר לִיוּבֶּע“, אוּנ גִיבֶען זִיךְ בֵּיידֶע אַ קוּשׁ . . . אוּנ דֶער חִיטְרֶע לִיטְוַואק טְהוּט מִיר אַ זָאג מִיט אַ חֵן׳וְודִיג לוּקָאוֶוע שְׁמֵייכֶעלֶע: „וִויא גֶעפֶעלְט דִיר אַזַא סֶעמֵיינֶע לֶעבֶּען?“ . . . נָאר אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זַיין שַׁאֲלָה כִּמְעַט נִיט גֶעהֶערְט; דִיא שְׁטִילֶע, זִיסֶע פַאמִילְיֶען-קַארְטִינֶע מִיט דִיא 2 זַאנְפְטִיגֶע צַארְטֶע וָוארְטֶער „נְשָׁמָה“ „לִיוּבֶּע“ הָאט מִיךְ

זויא פערנאפט, וויא פאר׳כשופט אונ גאר אין איין אנדער וועלט אריין איבערגעטראגען . . . דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען האר איך דיא ווארטער בכלל אונ פון מאנן אונ ווייב בפרט. עס איז מיר אין דער מינוט פארגעקומען דיא וויסטע, פינסטערע מרה-שחורה׳דיגע, עביג-שווארצע קארטינע פון מיין טאטענס היימיש-לעבען; וואו רוגז, שטימעניש מיט טיפע זיפצען הערשען אין איטליכען ווינקעלע; א חמארנע טרויערדעק איז איבערגעצויגען איבער אלע פנים׳ער, וויא א מורא׳דיגע שטילע לויה זעהט אוים זייער גאנץ פאמיליענ-לעבען: איך האר, עס בוּויערט מיר דיא אויערען דעם „טאטענס שטענדיג-מרה-שחורה׳דיגען, פיסנע „האר כ ס ט ו א" צוא דער מאמען, מיט אלע זיינע פינסטערע, באזע קללות אויף איהר מיט דיא קינדער! שווארץ, פינסטער וויסט אין דיא אויגען, איטלעכס איז קאלט, פארפרעמדט איינס פון׳ם אנדערע, מע האלט אין איינע אנגסטען אונ שרעקען, אין איינע אכקען אונ וועהקען, הונגעריג, שלאפעריג, קאטיג אונ המארנע, אונ יעדער ביט אויף זיך פריהער דעם טוידט! — איך האב מיך דערמאהנט אן מיין פלונית׳יע אויך, וויא אזא יוגענד מוז אויך פערברענגען א לעבעדיג אלמנה-לעבען גלייך מיט זייא, וויל אנדערש טאר מען ניט אונ אנדערש ווייסט מען ניט . . . וויא א נ-אפגעבריהטער בין איך, נאך דעם איננערפלעט, אנטלאפען קוים א לעבעדיגער א היים, אונ קוקענדיג אויף אונזער געוואהנליכען שטוב-פיהרעכט׳ס, האב איך פערשאלטען מיינע אויגען אונ מיינע אויהערען, וואס האבען געזעהען אונ געהארט אזא היילינע שטוב סצענע, אזא הימליש סעמיינע געזאנג . . . אונ פון דעמאלט אן האט ער מיך אריינגעחאפט אין דיא לאפקעס אט דער ליטוואק אונ איך בין איהם שוין נאכגעגאנגען וויא א קוה אויפ׳ן שטריקעל... אונ פון דאנן העבט זיך ערשט אן פאר מיר א צווייטע וועלט מיט גייע שלאק, רדיפות, פינסטערע אונ ליכטיגע בילדער, רוגז, פער-דרוס, מיטלייד מיט רחמנות, א לעבען פון גאלע גסיסה׳דיגע צאנ-קען! . . . איך וועל עס אייך אמאל דערצעהלען אם ירצה השם; דערווייל זייט געזונד אונ גליקליך, אונ בעקלעהרט נאר גיט; וואס איך האב דא אויסגעשפיעלט? . . . י ע נ ץ נמאס ומאוס אונ דאס...? וויא איז דאס . . . ? ד א ס, נאך וועלכען איך האב פיער יאהר, געגארט אונ מקריב געוועהן דער פאר מיין שטיללען זיססען יונ-געלשען גן-עדן; מיין פער׳כשופ׳ט שפיעלענדיג יודיש וועלטעלע . . . ד א ס האט מיך אבגענארט פון קאפף ביז פיסס, אונ אזוי מאוס איז איך וואלט, פאר בושה אונ פאר וועהטיג בעססער לעבעדיגערהייט

אין

(נמ״ל)

אִין דֶער עֶרְד אַרַיין ! . . . יֶעטְצְט שְׁטֶעה אִיךְ אִין אַ גְרוֹיסֶער, לְיַארֶעמְדִיגֶער גוֹי'עֶשֶׁער שְׁווִינְדֶעל-ווֶעלְט, אוּנ קִיק פִּינְקְט, ווִיא אַ מוֹיז נָאךְ עֶרְד-צִיטְטָערְנִישׁ . . . ווֶער צוּא מִיר ווַארְפְט זִיךְ — דַארְף אִיךְ אִיהם אוֹיף כַּפָּרוֹת . . . צוּא ווֶעמֶען אִיךְ ווַארְף מִיךְ — דַארְף עֶר מִיךְ אוֹיף כַּפָּרוֹת . . . דֶערְפַאר אָבֶער הַיים אִיךְ — נִיט אִיךְ בִּין — אַ מַשְׂכִּיל ! . . .

אָבֶער טַאקֶע נִיט מֶעהר !<br>
נִיט מָגֵן-דָוִד, נִיט אָפֶּענֶע שֶׁער . . .<br>
נִיט בַּיים טָאטֶען, נִיט בַּיים שְׁווֶער !<br>
כְ'ווַארְף מִיךְ הִין, ווַארְף מִיךְ הֶער —<br>
אוּנ בִּין נִיט אַ הִין אוּנ נִיט אַ הֶער ! . . .

הזכות מכרתי לצמיתות להרד"ב פלאטיצע

המחבר.